STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03034

ZIGMUNT TURKOV

Isaac Turkow-Grudberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

זיגמונט טורקאָוו

תל־אביב, תש״ל — 1970, דפוס „אורלי״

ITZHAK TURKOW-GRUDBERG

ZYGMUNT TURKOW

יצחק טורקוב־גרודברג

זיגמונט טורקוב

©
Copyright, 1970
by Isaac Turkow, Reb Dow Mimezritch str., Jaffa,
Blok 13, Kn. B. Tel-Aviv-Jaffa, Israel.

דער מחבר דריקט אויס זיין טיפסטן דאַנק דעם פאָנד „עמוס" פון נשיא המדינה זלמן שזר, פאַרן דערמעגלעכן אַרויסגעבן דאָס בוך.

דערשינען מיט דער הילף פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל.

פרייז — 8 ל"י. אין אויסלאַנד — 3 $.



זיגמונט טורקאָוו

זיגמונט טורקאָוו

לעבן אין טעאַטער

(שטריכן צו אַ מאָנאָגראַפיע)

א

די שעפערישע ביאָגראַפיע פון אַ קינסטלער הייבט זיך אָן בדרך כלל מיט פאָרגעשיכטע: מיט דער היים, סביבה, קרובים — דער אַטמאָספער, אין וועלכער דער קינסטלער איז אויסגעוואַקסן, אין וועלכער ס'האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט זיין פערזענלעכקייט. זעלטן ווען גיט זיך דער קינסטלער אָפּ אַ דין־וחשבון דערפון — אָפטמאָל האָט ער אַפילו נישט קיין געלעגנהייט דערצו. זיגמונט טורקאָוו האָט יאָ געהאַט די געלעגנהייט אַ דאַנק זיין פעדער, זיין שרייבערישער אַקטיוו־קייט, דער עיקר — זיינע דריי בענד זכרונות, וואָס שפיגלען אָפּ די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין לעבן, זיין וועג אין דער קונסט און די געשעענישן פון זיין צייט.

„קעגן מיין ווילן האָט מיך טעאַטער אַלץ מער פאַרכאַפּט. גורם געווען האָט עס קודם כל אונדזער פאָטער, אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער...״ „צוליב די אָפטע ווילטע־טיקע פאָרשטעלונגען, וואָס דער פאָטער פלעגט אָפּקויפן אינעם יידישן טעאַטער, בין איך געוואָרן אַן אייגענער מענטש נישט בלויז אין טעאַטער, נאָר אויך אין די הינטערקוליסן און אין די וווינונגען פון אייניקע אַקטיאָרן״. — שרייבט ער אינעם ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות „פראַגמענטן פון מיין לעבן״.

זיגמונט (שלמה־זלמן) טורקאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 6טן נאָוועמבער 1896 אין וואַרשע, ווי דער עלטסטער זון פון איטע־גיטל און נפתלי טורקאָוו. ער איז געבוירן געוואָרן פונקט צום יאָר פון זיינע עלטערנס חתונה און אינעם געבוירן־טאָג פון זיין פאָטער. אַזאַ דרייאיקער צוזאַמענטרעף פון דאַטעס איז טאַקע בלויז אַ קוריאָז, האָט נישט קיין שום באַדייטונג פאַר דער אויספאָרמירונג פון אַ קינסטלער, פאַר דער געשטאַלטיקונג פון אַ מענטש. סיידן מ׳וויל זוכן אין דעם עפּעס סימבאָלישס — איז עס שוין אַן ענין פאַר אויסטייטשערס פון סימבאָלן, פאַר מיסטישע ספּעקולאַציעס. מיר ווילן זיך אין דער פאָלגנדיקער אַרבעט בלויז פאַרנעמען מיט פאַקטן, רעאַלע געשעענישן און אויפטוען, זוכן די שייכותן צווישן זיי און באַמיען זיך צו באַלייכטן עס אָביעקטיוו, צו באַפרייען זיך פון דער פּערזענלעך־עמאָציאָנעלער אַנגאַזשירונג אין דער טעמע.

דער פאָטער, נפתלי טורקאָוו, איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג אין יידישן וואַרשע פון יענע יאָרן: אַ טיפּ פון אַ באַאַמטן, אַן אַנגעשטעלטן, אָן שום פעיקייטן און פּרעטענזיעס צו מסחר, אַ קליינבירגער מיט דער נשמה פון אַ באַהעמיען, אַ קונסט־ליבהאָבער. אַ דאַנק זיינע יורידישע פעיקייטן און צוגרייטונג, האָט ער פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, געווען אַ פאַרוואַלטער פון הייזער און דער פאַרשטייער פונעם יידישן באַראָן לעסער אין וואַרשע. אַ מאַן מיט אַ פיינער אויסערלעכקייט און מאַניערן, אַ מענטש פון

באַדייטנדיקע אָראַטאָרישע פעיקייטן און געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, איז ער פּאַראַלעל מיט זיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט געוואָרן אַן אַנגעזעענער טוער אין געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס („לינת הצדק", „עזרת יתומים", ווו ער האָט מיטגעאַרבעט מיטן אומפאַרגעסלעכן „פאָטער פון יתומים", ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק), פּרעזעס פון פאַרוואַלטונגען, אָרגאַניזאַטאָר פון אימפּרעזעס, פון טעאַטער־פאָרשטעלונגען לטובת פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

נישט דאָס איז אָבער געווען די סיבה פון אַ געוויסער טעאַטער־אַטמאָספער אין דער טורקאָוו־היים, נייערט אַ פּועל־יוצא פון דער אַטמאָספער. וואָרים אין דער פאַמיליע טור־קאָוו — נישט געקוקט אויפן אָפּשטאַם פון דורות רבנים, — האָט געלעבט אינעם בלוט דער טעאַטער־מיקראָב, וואָס ווערט דורך זיגמונטן באַצייכנט אין זיינע זכרונות ווי: „אפנים פאַראַן אַזעלכע קיילעכלעך אין בלוט, וואָס זענען פאַרבאָרגן פאַרן אויג פון מיקראָסקאָפּ... צוליב די קיילעכלעך, מסתמא, נעמט זיך דער אויסדרוק: אַקטיאָריש בלוט!". נפתלי טורקאָוו האָט ליב געהאַט טעאַטער און אַקטיאָרן, לכתחילה רוסישע, מיט וועלכע ער האָט זיך אַפּט צונויפגעטראָפן בעת זיינע יוגנט־וואַנדערונגען איבער די רחבותן פון רוסלאַנד; פּוילישע — אין וואַרשע, לסוף אויך יידישע, נאָך דער לעגאַליזירונג פון יידישן טעאַטער (1905). אָבער ביי זיין עלטערן ברודער, ישראל חיים, איז דאָס טעאַטער־בלוט געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אין די גאָר יונגע יאָרן פאַרלאָזט זייער וואַרשעווער היים און זיך געלאָזט (אָנהייב אַכציקער יאָרן) וואַנדערן איבער

רוסלאַנד מיט גאָלדפאַדענס טעאַטער. און כדי מ׳זאָל אים פון דער היים נישט צוריקברענגען „פּאָ עטאַפּו״, האָט ער אָנגענומען דעם נאָמען פון אַן אַנדערן גאָלדפאַדען־אַקטיאָר, אַ געוועזענעם בראָדער זינגער, וועלכער האָט דאַן אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד, דעם נאָמען „גרודבערג״.

טאַקע אָט דער ישראל־חיים האָט שטאַרקער פון אַלע אַריינגעבראַכט די טעאַטער־אַטמאָספער אין דער היים פון די טורקאָוס. ביי יעדער געלעגנהייט — אַ שמחהלע, אַ צוזאַמענקום פון דער פאַמיליע — פלעגט ער „פאָרשטעלן״, אָפּשפּילן סצענקעס און פראַגמענטן פון זיין אַמאָליקן רעפּערטואַר. ער איז עס געווען דער, וואָס האָט אויסגערופן וועגן דעם קוים פינף־יעריקן שלמה־זלמן: „ער וואַקסט אַן אַרטיסט!״. ישראל חיים האָט געכאַפּט דערפאַר אַ פּסק פון זיין יינגערן ברודער נפתלי, וועלכער האָט טאַקע זייער ליב געהאַט טעאַטער, אָבער נישט געוואָלן זיין זון זאָל ווערן אַ „שלעפּער״, אַ „ציגיינער״. נייערט: דאָס גורלדיקע וואָרט איז געזאָגט געוואָרן. און געווען איז עס גלייך נאָך דעם ווי שלמהלע האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין פיינהאָלצס רעפאָרמירטן חדר, ווען דער טאַטע האָט אים נחתדיק אויסגעפרעגט פּרטים וועגן חומש־אָנהייב און ס׳חומש־בחורל האָט אָפּדעקלאַמירט און אָפּגעשפּילט אַ שטיקל פון דער פּרשה בראשית לויטן מוסטער פון פעטער ישראל־חיימס „פאָרשטעלן״.

זיגמונט אַליין — דערציילנדיק אין זיינע זכרונות וועגן דעם הויז אויף גענשע 5, ווו די פאַמיליע טורקאָוו האָט געוווינט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט — באַגייסטערט זיך מיט

דער דערמאָנונג: „ערשטער באַזוך אין טעאַטער! אלף־בית, חומש־אָנהייבן... די ערשטע טריט צו ,שפּילן׳... די ערשטע מיינע פּרוּוון צו וואַנדערן...״ „איך האָב אָנגעהויבן צו ,שפּילן׳ פון מיינע יונגסטע יאָרן אָן... אין דער זעלבער צייט האָב איך אויך דערפילט אין מיר דעם באַגער צו וואַנדערן...״ „איך קאָן אַלזאָ זאָגן: איך בין געבוירן געוואָרן אַן אַקטיאָר און אַ וואַנדערער״.

דאָס זענען געווען די ערשטע פּסיכישע טעאַטער־רעגונגען און נישט־באַוווּסטזיניקע איבערלעבונגען פון צוקונפטיקן קינסטלער. באַלד דערנאָך זענען געקומען מער בולטע, אויסגעשפּראָכענע, באַוווּסטזיניקע פאַרבינדונגען מיט דער כּישוף־וועלט פון טעאַטער: „ס׳איז געווען פאַר מיר דער גרעסטער יום־טוב, ווען די עלטערן האָבן מיך צום ערשטן מאָל גענומען אין פּוילישן ,פאָלקס־טעאַטער׳...״ דאָס איז געווען אין די יאָרן ווען יידיש טעאַטער איז געווען פאַרבאָטן. אייניקע יאָר שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די תּקופה פון זיינע „פאַרבינדונגען״ אויך מיט יידיש טעאַטער, וואָס האָט אויפן ייִנגל געמאַכט גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין קאָמעדיאַנטישער פולבלוטיקייט, טעמפּעראַמענט פון די אַקטיאָרן און נישט געצוימטער פאַנאַנדערגעשפּילטקייט. „אַלץ, וואָס איך פלעג זען אין טעאַטער, פלעג איך ,נאָכמאַכן׳ אין דער היים״. דאָס באַזוכן טעאַטערס איז אַזוי אַרום געוואָרן די ערשטע סצעניש שול זיינע. די רעזולטאַטן דערפון האָבן נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן: דער יונגער „טעאַטראַל״ הייבט אָן — צוזאַמען מיט זיין ייִנגערן ברודער יאָנאַס — צו אָרגאַניזירן פאָרשטעלונגען אין דער

היים (ווען די עלטערן זענען ערגעץ אַרויס אין אָוונט). דאָס זענען געווען פאָרשטעלונגען פאַר אַ „פּובליקום״ — די קינדער פון דעם זעלבן הויף און פון אַרומיקע. מ׳האָט פאַרקויפט בילעטן אויף צו דעקן די הוצאות פון „דעקאָראַציעס און קאָסטיומען״, אַביסל אויך אויף די נאַש־באַדערפענישן פון צוקונפטיקן קינסטלער. די פאָרשטעלונגען זענען געשפּילט געוואָרן אין פּויליש און רוסיש. זיגמונט האָט אויפגעפירט זיינע אייגענע „פּיעסן״ פונעם מין „אַ ברודער קעגן אַ ברודער״, אָדער „דער בלוטיקער סקאַלפּ״.

דער קליינער טעאַטראַל האָט געהאַט נאָך צוויי שוואַכקייטן: צירק און ציגיינער. אין צירק זענען אים צום שטאַרקסטן געפעלן די קלאָונס — די דאָזיקע אומעטיקע לצים — און די אַטלעטישע פאַרמעסטן. אַ סך יאָרן איז ער געבליבן געטריי דער צירק־ליבע זיינער — אַפילו אין די רייפע קינסטלער־יאָרן. אין יענע יאָרן האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז צוליב אַן אינטערעסאַנטן אַטלעטישן פאַרמעסט האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פונעם אָנטייל אין אַ וויכטיקער אינטערעסאַנטער טעאַטער־פאָרשטעלונג און צומאָל — געהייסן אָפּרופן אַ פאָרשטעלונג. און ציגיינער — דאָס האָט זיך נאָך גענומען פון דער ראָמאַנטיק פון די קינדער־יאָרן. אין שכנות מיט די זומערוווינונגען, ווו זיי האָבן זיך געקוויקט מיט דער נאַטור, פלעגן פאַרבייוואַנדערן און אָפּטמאָל לאַגערן די ציגיינער־טאַבאָרן. די פאַרביקייט און מיסטעריעזקייט פונעם ציגיינערישן זיין, די קאָסטיומען, מוזיק, געזאַנג און טענץ — דאָס אַלץ האָט איבערגעלאָזט אַ נישט־פאַרגעסלעכן רושם

זיגמונט און יאָנאַס טורקאָוו אין דער יוגנט

אויפֿן קליינעם שלמהלע. נישט איינמאָל האָט זיגמונט זיינע ציגיינער־איינדרוקן און צירק־איבערלעבונגען אויסגעלאָדן אין זיינע רעזשי־קאָנצעפּציעס אין די רייפֿע טעאַטער־יאָרן.

אין די גימנאַזיע־יאָרן — לכתחילה האָט ער געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע — איז ער געוואָרן אַן אָפֿטער באַזוכער אויך אין רוסישן טעאַטער, פּאַראַלעל צום גלענצנדיקן פּוילישן דראַמאַטישן טעאַטער און דעם היימישן יידישן. נפתלי טורקאָוו איז געווען באַפֿריינדט מיטן דירעקטאָר פֿון רוסישן טעאַטער מיכאַיל טשערנאָוו, אַ מיטגליד פֿון אַ באַקאַנטער רוסישער טעאַטער־משפּחה. פֿלעגט ער בעת זיינע באַזוכן ביי טשערנאָוון אין טעאַטער אָפּטמאָל מיטנעמען דעם עלטסטן זון זיינעם, דעם גימנאַזיסט. אין טשערנאָווס טעאַטער פֿלעגן אויפֿטרעטן באַקאַנטע רוסישע גאַסטראָליאָרן, די באַדייטנדיקסטע קינסטלערס. זיגמונט האָט זיך פֿאַרליבט אין די ברידער ראַפֿאַיל און ראָבערט אַדעלהיים. זיי האָבן ממש פֿאַרכישופֿט דעם יונגן טעאַטער־אַספּיראַנט. ער האָט אָנגעהויבן צו חלומען וועגן אַן ענלעכקייט צו זיי און אַפֿילו פֿאַרטראַכט טעאַטער־אויפֿטריטן מיט זיין ברודער יאָנאַס, ווי אַ קינסטלער־פּאָרל אונטערן נאָמען „ברידער טורקאָוו".

דערווייל האָבן זיך אָבער געמאַכט פֿאַר אים אַנדערע סצענישע מעגלעכקייטן. אין דער נייער יידישער שול, אין וועלכער ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען — אין דער גימנאַזיע פֿון מאַגנוס קרינסקי — האָבן זיך געשאַפֿן די דאָזיקע מעגלעכקייטן. מאַגנוס קרינסקי, אַ פּעדאַגאָג, שרייבער און רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער (צווישן אַנדערע האָט ער אַרויסגע־

געבן דעם פּאָפּולערן זשורנאַל „ראָמאַן־צייטונג“), האָט דער ערשטער געשאַפן אין פּוילן אַ גימנאַזיע, וווּ מ׳האָט געלערנט העברעיִש און וווּ יידיש איז אויך געווען גוט געזען. דאָס איז געווען אַ מיטלשול, וואָס איז געפירט געוואָרן אין נאַציאָנאַלן יידישן גייסט און וווּ די פאָרשטייערס פון די יונגע העברעיִשע און יידישע ליטעראַטורן זענען געווען אָנגעלייגטע געסט. די גימנאַזיע האָט אויפגענומען ח. נ. ביאַליקן, בעת זיין ווײַלן אין וואַרשע, מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם; אָן אָפטער גאַסט איז דאָרט געווען י. ל. פּרץ, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די עלטערע תלמידים. קרינסקי האָט איינגעפירט אַ סך נאָוואַטאָרישע פּאַר זיין צייט פירונגען. ער האָט ביי זיך אָרגאַניזירט שול־פאָרשטעלונגען אין רוסיש, פּויליש, העברעיִש און יידיש.

ווי נאָר קרינסקיס שול איז דערעפנט געוואָרן, איז זיגמונט אַריבערגעפירט געוואָרן אַהין פון דער רוסישער מוראַוולאָוו־גימנאַזיע. נפתלי טורקאָוו איז געווען קרינסקיס אַ נאָענטער פריינד, צייטנווייז זיינס אַ שותף צו פּאַרלעגערישע ענינים — אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה: סעקרעטאַר פון דער גימנאַזיע — און ער האָט מיטגעהאָלפן צו אָרגאַני־זירן די גימנאַזיע. אַ סך אפשר צוליב עגאָיסטישע טעמים, אַזוי צו זאָגן. ער איז טאַקע געווען אַן אייראָפּעיִש געקליידטער מענטש — ביזן יאָר 1905 איז ער אפילו נאָענט געווען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג — אָבער נאַציאָנאַל אין גייסט און שטרענג־טראַדיציאָנעל אין דער היים־פירערשאַפט. די טראַדיציאָנעלקייט האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט

אין פרומקייט, אין שטאַרק אָפּהיטן תפילות און מצוות, געוואָרן אַ טוער אין „מזרחי״. איז אים געוואַלדיק נישט געווען צום האַרצן וואָס זיין בכור האָט געמוזט מחלל שבת זיין מיטן גיין אין דער רוסישער גימנאַזיע, כאָטש פון שרייבן שבת איז ער געווען באַפרייט (פאַר אַ שיינער מתנה, וואָס דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע האָט באַקומען). איז ווען עס איז אויפגעקומען דער פּלאַן פון שאַפן אַ יידישע מיטלשול אין וואַרשע, אַ שול וואָס זאָל שבת זיין געשלאָסן און מ׳זאָל זיך דערצו לערנען העברעיש, האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון העלפן אָרגאַניזירן די שול און זיין בכור איז געוואָרן אַ תלמיד פונעם ערשטן אַרויסלאָז.

ביי קרינסקין אין דער שול האָט זיך קאָנצענטרירט די סמעטענע פון דער יוגנט, וואָס איז געקומען פון נאַציאָנאַל־יידישע און טראַדיציאָנעלע היימען, צווישן זיי — אַ זון פון דער חסידישער היים שלמה מענדעלסאָן. ער איז עס געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער צו די טורקאָווס, דער נאָענטסטער חבר פון שלמה־זלמן. מענדעלסאָן איז געווען אַ בן־בית אין דער פּרץ־סביבה, אַ צילבאַוווסטער יידישיסט און ער האָט באַווירקט דעם חבר זיינעם ער זאָל ענדערן זיין ביטול־באַציונג צו יידיש. אונטער מענדעלסאָנס השפּעה האָט דער יונגער גימנאַזיסט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, איבערצוזעצן אין יידיש סצעני־שע ווערק. ער האָט זיך אַפילו פּאַרמאָסטן אויף שעקספּירן, וועלכן ער האָט איבערגעזעצט פון פויליש און רוסיש, גראָד ווי ער האָט עס געטון מיט „אוריאל אַקאָסטאַ״. קרינסקי האָט זיין תלמיד אויך דערמוטיקט צו שרייבן בכלל און אונטער

זיין השפעה האָט ער אָנגעהויבן אויך צו שרייבן אין אַ סצע־נישער פאָרם — זיינע יוגנט־טראַגעדיעס אויף אַ היסטאָרישער טעמאַטיק „נעראָן און אַגריפּאַ", „ווהין?" (וועגן שפּאַנישער אינקוויזיציע) א.אַ.

אין די העכערע קלאַסן איז צו קרינסקין אָנגעקומען אַ נייער לערער פון העברעיש — אַ ווייניק־באַקאַנטער דיכטער, וואָס האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש לאנגפעלאָס „יהודה המכבי". צווישן פיל פאַרשטעלונגען, וואָס זענען דורך די שילערס געשפּילט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן, איז אין העברעיש געשטעלט געוואָרן לאָנגפעלאָס „יהודה המכבי". אין דער ראָל פון יאַזאָן — די ערשטע כאַראַקטער־ראָל, וואָס דער צוקונפטיקער קינסטלער האָט געשפּילט (וואָרים ביז דאַן פלעגט ער שפּילן בלויז העלדן און ליבהאָבערס צוליב זיין שיינער אויסערלעכקייט) — האָט ער געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג. מאַגנוס קרינסקי האָט גראַטולירט דעם טאַטן מיט אַזאַ באַגאַבטן זון און געזאָגט דערביי:

— מ'דאַרף אים אויסבילדן פאַרן טעאַטער.

— נישט ביי מיין לעבן, — איז געווען דעם פאָטערס ענטפער.

„יהודה המכבי" איז אַ צייט שפּעטער געשפּילט געוואָרן צום שול־אַרויסלאָז אין אַ גרויסן זאַל. דעם אָוונט האָט באַערט מיט זיין בייזיין י. ל. פרץ מיט זיין סוויטע. יאַזאָנס דערפאָלג איז יענעם אָוונט געווען נאָך גרעסער און פרץ אַליין איז אַריינ־געקומען צום יונגן אַקטיאָר, אים געדריקט די האַנט און גע־ראַטן דעם פאָטער דאָס זעלבע, וואָס קרינסקי מיט אַ צייט

פריער. דער יונגער קונסט־אַספּיראַנט האָט געשיינט פון גליק, מאַגנוס קרינסקי האָט פריידיק געשמייכלט, וואָס אַזאַ אויטאָריטעט ווי פּרץ האָט געטיילט זיין מיינונג. דעם פאָטערס פּנים איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שווערן וואָלקן און בלויז צוליב דרך־ארץ פאַר פּרצן האָט ער גאָרנישט געענטפערט, פאַרשוויגן זיין כעס.

ב

נישט לאַנג האָט געדויערט און דער בלאָטער האָט אויפ־געריסן. אין אַרויסלאָז־יאָר באַשטימען די תּלמידים וואָס זיי ווילן ווייטער טון, צו וואָס פאַר אַ שטודיום זיי זאָלן זיך גרייטן. די מערהייט תּלמידים האָט זיך געגרייט שטודירן רעכט, נאַטורוויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, מעדיצין. נפתּלי טורקאָוו האָט באַשלאָסן זיין זון זאָל שטודירן מעדיצין. דער זון אָבער האָט באַשלאָסן ביי זיך: ער וועט גיין לערנען זיך אין אַ דראַ־מאַטישער שול, ער מוז ווערן אַן אַקטיאָר.

אין וואַרשע זענען דאַן געווען דריי פּוילישע דראַמאַטישע שולעס: אַ מלוכהשע, ביי די רעגירונג־טעאַטערס, די אַזוי גערופענע אַפּליקאַציע־שול; אַ געזעלשאַפטלעכע, ביי דער פילהאַרמאָניע און אַ פּריוואַטע — פון דער קונסט־פּעדאַגאָגין הריניעוויעצקאַ. אין קיין איינער פון די דאָזיקע שולעס האָט מען נישט געקאָנט אָנקומען אָן די עלטערן. ראשית — צוליבן געלט. דאָס לערנען זיך אין אַ טעאַטער־שול האָט געקאָסט אַפילו טייערער, ווי שטודירן אויפן אוניווערסיטעט; צווייטנס

— ווייל די קאַנדידאַטן זענען בדרך־כלל געווען מינדעריעריקע און האָבן געמוזט צוזאַמען מיט די דאָקומענטן פאָרשטעלן די הסכמה פון די עלטערן, דער עיקר: פון פאָטער (די מוטער איז נישט געווען קיין יורידיש־פולבאַרעכטיקטע פערזאָן אין צאַרישן רוסלאַנד). איז פאַר דעם קונסט־אַספּיראַנט נישט פאַרבליבן קיין אַנדערע ברירה ווי דער טיפּישער וועג פון אַ סך קינסטלערס: אַנטלויפן פון דער היים. ס׳האָט אים דערביי צוגעשפּילט די פילזייטיקייט פון זיינע פעיקייטן און קינסטלערישע פאַראינטערעסירונגען.

וואָרים דער יונגער טורקאָוו איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ רענעסאַנס־נאַטור. אויסער זיינע סצענישע און שריי־בערישע פּרווון האָט ער זיך אויך אַקטיוו באַשעפטיקט מיט צייכנען, מאָלן, סקולפּטור. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אין די אָוונטן געלערנט אין דער וואַרשעווער קונסט־שול, אַרומגע־טראָגן זיך מיט אַ צייכנער־בלאָק, מיט אַ מאָל־ברעט און פּענדזלעס. מיט פּלאַסטעלין אויף אויסצוקנעטן סקולפּטורן, גראָד ווי זיין עלטערער חבר פון די קינדער־יאָרן, דער דאַן שוין אָנערקענטער שרייבער פון דער פּרץ־סביבה אפרים קאַ־גאַנאָווסקי. צו זיינע נאָענטסטע חברים האָט געהערט דער באַגאַבטער יונגער מאָלער, דער ראש פון דער קינסטלער־משפּחה זיידנבייטל, יוסף. יוסף זיידנבייטל האָט אויף אַ בוי־דעם פונעם האַנדלס־הויז פון די פּריוועסעס, אויף גזשיבאָוו־סקע 1, געהאַט זיין אַטעליע און זיין וווינונג, צוזאַמען מיטן סקולפּטאָר אברהם אָסטזשעגאָ און דעם מאָלער וולאַדיסלאַוו ווײַנטרויב. אַהין איז אָוועק דער רעוואָלטירנדיקער זון, באַ־

גלייט מיט דער מאַמעס הייסע טרערן און — פעקלעך עסן, וועלכע זי האָט אים בסוד מיטגעגעבן. אין די ווייטערדיקע טעג האָט זי דאָס עסן איבערגעשיקט דורכן צווייטן זון, יאַנאַס, וועלכער איז געווען אַ באַטייליקטער אין דער קאָנספּיראַציע.

אַ שיינע פּאָר וואָכן האָט געדויערט דער דאָזיקער גלות פון יונגן קינסטלער, וועלכער איז בעצם געווען צופרידן דערפון. ער האָט פון לאַנג געבענקט נאָך אַ באָהעמיש ציי־גיינער־לעבן —ביים שטרענגן טאַטן האָט ער עס נישט געקאָנט האָבן. דאָס פריילעכע לעבן איז אים גיך פאַרשטערט געוואָרן. דער פאָטער האָט זיך איינגעבראָכן, געשיקט צו אים זיך איבערבעטן און ביים איבערבעטן זיך האָט דער פאָטער אַנטפּלעקט אַ סוד: ער, דער פאָטער אַליין, האָט אַריינגעגעבן זיגמונטס פּאַפּירן אין דער אַפּליקאַציע־שול און אונטערגע־שמירט ווו מ׳דאַרף. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן דאָס שמירן — דער נאָמען „סאַלאָמאָן“, נישט געקוקט וואָס ער איז גע־ווען באַגלייט פון עכט־רוסישן טורקאָוו — איז געווען די שטערונג אַריבערצוטרעטן די שוועל פון אַ קאָרידאָר צום קונסט־היכל. דאַן האָט ער אַריבערגעטראָגן די פּאַפּירן אין דער פילהאַרמאָניע. אין יענער שול האָבן שוין געהאַט גע־לערנט יידישע תלמידים, צווישן זיי דער מקורב פון פּרצן, מאַרק שווייד.

אַזוי אַרום איז פאַרן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה דער יונגער טורקאָוו געוואָרן אַ תלמיד פון דער פּוילישער דראַמאַטישער שול, ווו ס׳האָבן געלערנט די אָנער־קענטע גרויסע פּוילישע בינע־קינסטלערס. ער איז אָבער

נישט געווען גליקלעך. זיינע פּראָפעסאָרן האָבן פאַרלאַנגט די תלמידים זאָלן זיי קאָפּירן — דער טעמפּעראַמענט פון טור־קאָוון האָט אים געטריבן און געשטויסן צום אינדיווידועלן שאַפן. האָט זיך דאָס גראָד אים בקרוב אונטערגערוקט פון גאָר אַ נישט דערוואַרטער זייט.

אין וואַרשע איז געווען טעטיק אַ געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר". ביי דער געזעלשאַפט האָט אַ ביאַליסטאָקער העברעישער לערער, נחום צמח, אָרגאַניזירט אַ סטודיע, וואָס האָט געהייסן „הבימה העברית". זיינע נאָענטסטע מיטאַרבע־טערס זענען געווען די יונגיטשקע חנה ראָווינאַ, מנחם גנעסין און בנימין ניצבערג, ווי אויך דער יונגער סטודענט אברהם לעווינסאָן. ווען צמח האָט זיך באַקענט מיט טורקאָוון, געוויר געוואָרן, אַז ער איז אַ סטודענט פון אַ פּוילישער דראַמאַטישער שול און אַז אין גימנאַזיע האָט ער זיך געלערנט העברעיש — האָט ער אים מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צוציען צו דער „הבימה העברית". צמח אַליין האָט שוין געהאַט אַ דערפאַרונג אין דער אַרבעט — ער האָט אייניקע יאָר געפירט אַזאַ סטו־דיע אין ביאַליסטאָק, אַרומגעפאָרן אויף גאַסטשפּילן אין פאַר־שידענע שטעט, געפאָרן אַפילו שפּילן קיין ווין פאַרן ציוניס־טישן קאָנגרעס — און איצט וויל ער ממשיך זיין די אַרבעט מיט נייע כוחות. האָט טורקאָוו אַ געוויסע צייט מיטגעאַרבעט מיט דער סטודיע, געשפּילט אין איינאַקטער „אברהמל הסנדלר", אָבער ער האָט לסוף געמוזט איבעררייסן, ווייל ס'האָט זיך נישט געלאָזט טון צוזאַמען מיטן לערנען אין דער דראַמאַטישער שול.

נאָך אַ יאָר איז דער צעבונטעוועטער סטודענט אַריבער אין דער פּריוואַטער דראַמאַטישער שול פון דער הריניע־וויעצקאַ, ווו די פּראָפעסאָרן זענען געווען יונגע קינסטלערס און די שיטה איז געווען מער אַ מאָדערנע, געבויט אויף איג־דיווידועלן געשטאַלטיקן די יונגע אַקטיאָרן. אַגב איז פון דער שול לייכטער געווען אַנצוקומען אַרבעטן אין אַ פּריוואַט־טעאַ־טער און וועגן רעגירונג־טעאַטער האָט דאָך אַ ייד נישט גע־קאָנט חלומען, אויב ער האָט זיך נישט געשמדט. דער אָנהייב אין דער נייער שול איז זיך גראָד צונויפגעפאַלן מיטן סוף פון דער רוסישער אָקופּאַציע און מיטן אָנהייב פון דער דייטשער. דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, אַז כמעט באַלד מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט די רוסישע מאַכט ווידער פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער, די דייטשע אָקופּאַנטן דאַקעגן האָבן עס גלייך דערלויבט. האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעב־האַפטיקע יידישע טעאַטער־טעטיקייט — סיי אין וואַרשע, סיי אויף אַלע אָקופּירטע דייטשע און עסטרייכישע געביטן. פאַר טורקאָוון האָט זיך דערמיט געעפנט אַ פעלד פון סצענישער טעטיקייט אין אַ געוויסער מאָס אויך אין יידיש — פּאַראַלעל צום לערנען זיך אין דער דראַמאַטישער שול.

זינט אייניקע יאָר איז טעטיק געווען אין וואַרשע אַ יידי־שע קולטור־געזעלשאַפט „הזמיר”, ווו ס'האָט זיך קאָנצענ־טרירט די פּרץ־סביבה — ביים לעבן פון י. ל. פּרצן און נאָך זיין פּטירה. ביי דער געזעלשאַפט זענען פאָרגעקומען רעפע־ראַטן, קעסטל־אָוונטן, לעקציעס, קורסן, אַ פאָלקס־כאָר אונ־טער דער אָנפירונג פון מ. שניאור, צייטנווייז אויך אָן ערנסטע

דראַמאַטישע סטודיע. די סטודיע איז אויפגעקומען ווי אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון י. ל. פּרצס אַקציע צו רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער און האָט אַ לאַנגע צייט געווירקט אונטער דער רעזשי פון אַן אַביטוריענט פון אַ פּוילישער טעאַטער־שול און פּרצס אַ תלמיד, דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג און רעזשיסער דוד הערמאַן. דער תלמיד פון דער דראַמאַטישער שול זיגמונט (דאָרט האָט מען טאַקע זיין נאָמען שלמה־זלמן פאַרביטן אויף זיגמונט, ס׳זאָל קלינגען היימישער פאַרן פּויליש אויער. די ענדערונג איז זינט דאַן דורכגעפירט געוואָרן אין אַלע זיינע דאָקומענטן), האָט זיך אין דער פרייער צייט באַטייליקט אין די פּראָבן פון דער הערמאַן־סטודיע, ווו ס׳זענען געווען אייניקע אַביטוריענטן פון דראַמאַטישע שולן, אַפילו אויסגעפּועלט פאַר זייערע פּראָבן דעם זאַל פון קרינסקיס גימנאַזיע. לויט קרינסקיס בקשה האָט ער אויך אויפגעפירט מיט די תלמידים פון גימנאַזיע און אייניקע הערמאַן־סטודיאַנטן אַ מאָליער־פאָרשטעלונג אין יידיש „די געצוווּנגענע חתונה״. דער רעזשיסערישער דעביוט זיינער האָט גורם געווען דוד הערמאַנס כעס, דערפירט צו אַ ריס און פאַנאַנדערפאַל פון דער סטודיע.

ווען די דייטשן האָבן ווידער דערלויבט צו שפּילן יידיש, האָט זיגמונט דערזען פאַר זיך אַ מעגלעכקייט צו באַנייען די טראַדיציעס פון „הזמיר״ — אינעם זאַל פון „הזמיר״. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט זיין עלטערן חבר פון „הבימה העברית״ בנימין ניצבערג, וועלכער איז געווען אַן אַביטוריענט פון אַ קיעווער רוסישער טעאַטער־שול און זיי זענען צוגעטראָטן

צו דער אַרבעט מיט אַ גרופּע סטודיאַנטן — געשאַפֿן דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע" ביים „הזמיר". ביי דער סטודיע איז געווען אַ קינסטלערישער ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון ה. ד. נאָמבערג, י. י. זינגער, אלתר קאַציזנע (באַקאַנטע שרייבערס פֿון דער פּרץ־סביבה), ווי אויך ב. ניצבערג און ז. טורקאָוו — די רעזשיסערן.

דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע" האָט זיך פֿאַרשריבן אַ שיין בלעטעלע אין דער געשיכטע פֿון ערנסטע יידישע טעאַטער־פּרווון אין וואַרשע, כאָטש מ'האָט געשפּילט בלויז איין מאָל אַ וואָך (שבת צו נאַכטס). ס'האָט געטראָגן בלויז אַ האַלב־פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, אַ סטודיע־כאַראַקטער און דאָס איז געווען זיין גרויסע מעלה. וואָרים ווי נאָר ס'איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו זיך צו פּראָפעסיאָנאַליזירן — אַ טייל פֿון דער גרופּע איז אַרויסגעפֿאָרן אויף גאַסטשפּילן אין דער פּראָווינץ — איז געקומען אַ פֿיאַסקאָ, וואָס האָט דערפֿירט צום פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿונעם אַמביציעזן טעאַטער־פּרווו. דער רעפּערטואַר פֿון „ווינקעלע" איז אויך געווען אַ סטודיע־אַרטיקער, ער איז באַשטאַנען פֿון איינאַקטערס: שלום עליכמס „מענטשן" און די איבערזעצונגען „פּעטראָ קאַרוזאָ" פֿון בראַקאָ, „געסט" פֿון פּשיבישעווסקי, „דער פֿאַרשלאָג" פֿון טשעכאָוו, „איינזאַמע" פֿון מעטערלינק, „דער קלאָון" פֿון קופּרין א.אַ. נאָכן פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון דער סטודיע האָבן ניצבערג און טורקאָוו געפּרוווט צו מאַכן שותּפֿות מיטן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער — אויפֿגעפֿירט אין „עליזעום"־טעאַטער

הערצלס „דאָס נייע געטאָ" און שלום אַשס „די יורשים" — נייערט אויך דאָס האָט נישט מצליח געווען.

דורך דער צייט האָט זיגמונט דערוויל געענדיקט די טעאַטער־שול (1916) און זוכה געווען צו אַ גרויסער הצלחה אין אַ כאַראַקטער־ראָל ביי דעם אַרויסלאָז פון דער שול. דאָס האָט פאַר אים געעפנט די טירן פון נייעם פוילישן טעאַטער, וואָס האָט זיך געשאַפן, דעם „טעאַטר אַרטיסטיטשני" („דאָס קינסטלערישע טעאַטער"). ער האָט באַקומען די ראָל פון אַ זקן אַ בעל־יועץ אין „סאַלאָמע" פון אָסקאַר אויילד. דאָס נייע טעאַטער האָט אָבער נישט געהאַט קיין אריכת־ימים און דער יונגער אַקטיאָר האָט זיך געמוזט אַנגאַזשירן אינעם גרויסן „טעאַטר פּאָלסקי" — דאָס באַדייטנדיקסטע וואַרשעווער טעאַ־טער, — אויף די קלענסטע עפּיזאָדן און אָנטייל אין מאַסן־סצענעס.

דער „טעאַטר פּאָלסקי" האָט זיך געפונען אויף אָבאַזשנע־גאַס, כמעט אין שכנות מיט קאַמינסקיס טעאַטער, פּונקט אַקעגנאיבער דער וווינונג פון דער יידישער קינסטלער־משפּחה קאַמינסקי. נפתלי טורקאָוו איז אַ סך יאָרן געווען באַפריינדט מיט דער קאַמינסקי־משפּחה, געווען אַ גרויסער פאַרערער פון אסתר־רחלס טאַלאַנט. ער האָט עס באַקענט בשעתו זיגמונטן מיט די קאַמינסקיס און ווען זיגמונט האָט געהאַט פאַרענדיקט שרייבן זיין טראַגעדיע „ווּהין?", האָט ער זי אָוועקגעטראָגן צו אברהם־יצחק קאַמינסקי אויף מבינות. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אברהם־יצחק קאַמינסקי האָט

אַפילו נישט אַריינגעקוקט אינעם כתב־יד — ער איז אייביק געווען פאַרוואָרפן מיט „ווערק" פון פריש־געבאַקענע דראַ־מאַטורגן און אַליין איז ער אויך געווען אַ מחבר פון פיעסן — און זיגמונטס טראַגעדיע איז פאַרלוירן געגאַנגען ביי אים. דעם מחבר פון דער טראַגעדיע האָט אָבער קאַמינסקי גוט געדענקט, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די אָנהייבן פון זיין טעאַטער־טעטיקייט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער זיך געוואָנדן צום יונגן טעאַטער־אַספּיראַנט.

די געלעגנהייט איז געווען פון אַ יום־טובדיקן כאַראַקטער. אין קאַמינסקיס טעאַטער איז פאָרגעקומען אַ בענעפיס פון אינספּיציענט (װעלכער איז דאַן אין יידישן טעאַטער קליג־גענדיק גערופן געוואָרן „רעזשיסער") הערמאַן פישער. צום בענעפיס איז איינמאַליק געשטעלט געוואָרן פרידריך שיל־לערס טראַגעדיע „די רויבער" אין אַ גאָר אָריגינעלער באַזע־צונג: אסתר רחל קאַמינסקאַ האָט געשפילט אַמאַליע; קאַרל מאָר האָט געשפּילט אַ דייטשער אַפיציר, אַ ייד, אַ דייטשער אַקטיאָר, וואָס פלעגט אָפט באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער; פראַנץ מאָר, דעם זון דעם קריפּל, האָט געשפּילט דער זיבע־ציק־יעריקער פּויליש־דייטשער־יידישער אַקטיאָר יוליוס אָס־קאָר, וועלכער האָט ביזן סוף פון זיין לאַנג לעבן גערעדט אויף דער יידישער בינע אַ דייטש, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר יידיש; און אויף צו שפּילן דעם אַלטן מאָר, אָסקאַרס פאָטער, איז ספּעציעל אַנגאַזשירט געוואָרן דער „טאַלענטירטער אַרטיסט פון דער פּוילישער בינע", דער ניינצן־יעריקער זיגמונט טורקאָוו. די דערמאָנטע פאָרשטעלונג איז געווען

דער אָנהייב פון זיין צוזאַמענאַרבעט מיט דער קאַמינסקי־משפּחה.

די אַטמאָספער אין „טעאַטר פּאָלסקי" — כאָטש דאָס טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן דורכן ייד אַרנאָלד שיפמאַן — איז געווען נישט גאָר פריינדלעך צו יידן, ווי בכלל אין די פּוילישע טעאַטערס. הינטער די קוליסן האָט מען אָפט געקאָנט זען אַנטיסעמיטישע לאָזונגען, כסדר האָט מען געהערט אַנטיסעמיטישע וויצן און שטעכווערטלעך. האָט נישט געהאָלפן דאָס פאַרפּוילישן שלמה־זלמן אויף זיגמונט — די אַטמאָספער פאַר אים איז געוואָרן נישט צום דערטראָגן. איז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דוד הערמאַן האָט צווישן געטון, אַז ער באַנייט זיין טעטיקייט און האָט פאַרבעטן זיגמונטן מיטצואַרבעטן, האָט דער יונגער אַקטיאָר רעזיגנירט פון פּוילישן טעאַטער און אַריינגעטראָטן צו דוד הערמאַנען אין אַנסאַמבל. געזאָלט האָט עס זיין אַ מין אַוואַנגאַרד־טעאַטער, וואָס איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון יונגע אַקטיאָרן, אַביטוריענטן פון פּוילישע טעאַטער־שולן.

הערמאַן האָט מיט דער גרופּע צוגעגרייט צוויי פאָרשטעלונגען: דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי" און נאָמבערגס „משפּחה". אין „פאַמיליע צבי" האָט זיגמונטן שטאַרק אימפּאָנירט די הויפּטראָל פונעם אַלטן משה מגיד, וועלכע הערמאַן האָט אים צוגעטיילט.

קורץ פאַר דער פּרעמיערע איז געשען אַ פּיינלעכע ענדערונג. דער דירעקטאָר פון „עליזעום", ה. עפּלבערג, האָט אָפּגעמאַכט מיט דוד הערמאַנען ער זאָל איבערנעמען מיט די

יונגע אַקטיאָרן זיינע דאָס טעאַטער בתנאַי, די טרופּע זאָל פאַרשטאַרקט ווערן מיט אַ „סטאַר״. דאָס איז געווען דער אַלטער אַקטיאָר אייזיקאָוויטש און אים האָט מען באַדאַרפט באַזעצן אין אַ סטאַר־ראָל. דער קרבן איז געווען זיגמונט. הערמאַן האָט ביי אים צוגענומען די ראָל פון משה מגיד און געהייסן אים אָנטיילנעמען אין דער מאַסן־סצענע. דער קרבן האָט לסוף געהאַט אַ דאָפּלטע סאַטיספאַקציע: דעם שטומען אָנטייל אין דער מאַסן־סצענע האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַן אַרטיסטישן דערפאָלג. ער האָט אָפּגעשפילט אַ צע־מישטן יידן, אַ קרבן פון פּאָגראָם און דערוואָרבן זיך דערמיט באַגייסטערטע אָפּרופן פון דער קריטיק; די צווייטע סאַ־טיספאַקציע איז געווען וואָס די פאָרשטעלונג ווי אַ גאַנצע איז דורכגעפאַלן און הערמאַן איז מיט אַ טייל פון זיינע סטודיאַנטן אַוועק פון „עליזעום״ — אויס געוואָרן דער שידוך מיט עפּלבערגן.

פאַר זיגמונטן, וועלכער האָט געהאַט רעזיגנירט פון זיין אַרבעט אין פּוילישן טעאַטער, איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאַרבלייבן אין רעאָרגאַניזירטן „עליזעום״. דער אַקטיאָר און רעזשיסער ש. לאַנדאַו — פון די באַגאַבט־סטע און קולטורעלסטע אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער — האָט איבערגענומען די אָנפירונג און געפּרוווט מיט פאַרשי־דענע מעלאָדראַמעס און אָפּערעטעס. נייערט אויך דאָס האָט נישט צוגעצויגן קיין עולם. אין דעם ניי־אַנטשטאַנענעם „צענ־טראַל־טעאַטער״, וואָס האָט זיך געפונען אין יידישן צענטער פון דער שטאָט, האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַן ערשטקלאַסיקער

אָפּערעטן־אַנסאַמבל, מיט וועלכן ס'איז שווער געווען צו קאָנ־קורירן. האָט אברהם יצחק קאַמינסקי איבערגענומען דאָס „עליזעום" — קאַמינסקיס טעאַטער איז שוין געווען באַזעצט דורכן דייטשן מיליטער פאַר זייערס אַ קולטור־צענטער — כדי צו שאַפן פאַר אסתר־רחלען אַ באַזע צו שפּילן אין וואַרשע. ער האָט געשטעלט אַ. דימאַס „די קאַמעליע־דאַמע", נאָמ־בערגס „משפּחה", דעם גאָרדין־רעפּערטואַר — אַלץ אָן דער־פאָלג. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע איז נישט געווען אַזוי פויגלדיק מ'זאָל קאָנען אויסהאַלטן אַזש דריי טעאַטערס (אין די יידישע גאַסן האָט נאָך דאַן געשפּילט „ווענוס" — אַ טעאַטער פון אַלטע אַק־טיאָרן און אַלטן רעפּערטואַר). אסתר־רחל קאַמינסקאַ האָט ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. זי האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע פון יונגע כוחות, צווישן זיי — איר טאָכטער אידאַ, וואָס איז גלייך געוואָרן אַן אויפּ־גייענדיקער שטערן און — זיגמונט טורקאָוו. מיט דער טרופּע האָט ער אָנגעהויבן זיין קאַריערע פון אַן אמתן פּראָפעסיאָ־נעלן בלאָנדזשענדיקן שטערן, זיין וואַנדער־וועג מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ, וואָס האָט געדויערט, מיט קליינע איבע־רייסן, ביזן טויט פון דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער".

ג

סוף 1916 איז זיגמונט טורקאָוו אַרויסגעפאָרן אין זיין ערשטן טורנע ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין אַנ־סאַמבל פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. די גרויסע קינסטלערין

איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעפּאָרן שפּילן איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך איר אויסגעפּרוּווטן רעפּערטואַר: יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת", „די שחיטה" און „כאַסיע די יתומה"; דוד פּינסקיס „די מוטער", באַטיילס „דאָס אומפאַר־שטענדיקע מיידל" און איבסענס „נאָראַ". פאַר די יונגע אַקטיאָרן אירע איז כמעט דער גאַנצער רעפּערטואַר געווען נישט באַקאַנט און זיי האָבן אין משך פון זייער אַ קורצער צייט געמוזט באַהערשן די ראָלן אין די דערמאָנטע פּיעסן, אין געציילטע פּראָבן, וואָס זענען געפירט געוואָרן ביי אסתר־רחל אין דער היים. דער צוואַנציק־יעריקער זיגמונט האָט באַדאַרפט אין משך פון 10 טעג צוגרייטן זעקס אַזעלכע פאַר־שידענע ראָלן, ווי שלמון אין „מירעלע", בצלאל ראַפּאַפּאָרט אין „שחיטה", יואל טראַכטענבערג אין „כאַסיע", זאַלקינד אין „מוטער", גראַף דע שאַראַנס אין „אומפאַרשטענדיקן מיידל" און ד"ר ראַנק אין „נאָראַ".

אין זיין בוך „טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט" באַשרייבט ער זיינע צוגרייטונגען צו דער נייער ראָל, וועל־כע ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין לעבן און צו די נייע ראָלן, וועלכע זענען אים פאָרגעשטאַנען אויף דער בינע: „דאָס ,שטודירן' איז באַשטאַנען פון פּשוטן באַהערשן דעם טעקסט, דאָס רעפּעטירן — פון פעסטשטעלן די שטעלונגען. פאַרן איבעריקן דאַרף שוין דער סופליאָר זאָרגן. אַזוי ווי איך בין נישט געווען געוווינט צו אַ סופליאָר און האָב מיך שטאַרק געשראָקן פאַרן מעכאַנישן איבערחזרן נאָך אים די ווערטער, האָב איך אַלע ראָלן אויסגעלערנט אויסנווייניק..."

„...איך האָב דאָן נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נישט געזען זיך מיט קיין מענטשן, נאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַפּאַ־ראַט וואָס נעמט אויף און פאַרפיקסירט אויף אַ מעכאַנישן אופן די טעקסטן פון מיינע ראָלן".

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער טורנע איבער שטעט און שטעטלעך פון דער פּוילישער פּראָווינץ אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע: קאַליש, לאָוויטש, קוטנע, פּלאָצק, וולאָצלאַ־וועק, טשענסטאָכאָוו, זאַגלעמביע (דער קוילן־ראַיאָן). דער ווינטער איז געווען אַ שאַרפער, אין באַהייצונג איז אומעטום געווען אַ מאַנגל — אַלץ איז אַוועק פאַר דער דייטשער מלחמה־אינדוסטריע — דער טראַנספּאָרט איז געווען אַ שלעכטער. גאַנצע שטעט זענען געווען פולשטענדיק חרוב, ווי אַ שטייגער קאַליש. די דאָזיקע טויזנט־יעריקע פּוילישע שטאָט, וואָס איז געלעגן האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ, איז גלייך אין די ערשטע מלחמה־טעג כמעט אינגאַנצן אָפּגעווישט גע־וואָרן פון דער דייטשער אַרטילעריע. נאָך צוויי יאָר האָט זיך די שטאָט אַביסל צוריקגעבויט, ס'האָבן אָבער נאָך אַלץ דאָמינירט חורבות. געשפּילט האָט מען אין דעוואַסטירטע זאַלן, אָדער אין נישט־באַהייצטע שאַפּעס, אין די אכסניות איז געווען קאַלט. האָט דער יונגער בלאָנדזשענדיקער שטערן, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ וואַרעמער היים, באַלד גע־כאַפּט אַ פעסטע צוקילונג, איינֹיקע טעג געשפּילט אַ הייזערי־קער און מיט הויכער היץ. שפּילן האָט מען געמוזט. די אימפּרעסאַריאָס האָבן געטענהט, אַז „שפּילן טעאַטער איז נישט קיין אַרבעט און מ'קאָן עס טון אַפילו קראַנקערהייט"...

דאָס ווערטל „די פאָרשטעלונג מוז אָנגיין” איז געווען מחייב. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דעם שפּעטערדיקן שפּילן קראַנקערהייט — אַן אָפּטע דערשיינונג אין יידישן טעאַטער — דער אָנהייב פון זיין בראָנכיט, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן ביי זיגמונטן דאָס גאַנצע לעבן.

איבערגעגעסן האָט מען זיך אויך נישט. אין די גרויסע שטעט האָט מען אַפילו מער געהונגערט — די דייטשע שפּייז־ראַציעס זענען געווען זייער קאַרג און זענען באַשטאַנען בעיקר פון ערזאַצן — און אַהין האָט מען געמוזט שמוגלען פּראָדוקטן פון דער דאָרפישער פּעריפעריע אַרום קלענערע שטעט. דאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די קלענערע שטעט, ווו די שמוגלערס האָבן אויפגעקויפט פּראָדוקטן, כדי זיי צו פירן קיין וואַרשע און לאָדזש. איז פאַר דער אָרטיקער באַ־פעלקערונג נישט געבליבן צופיל, ווער שמועסט נאָך פאַר צוגעפאָרענע. דערפאַר איז אָבער דער דערפאָלג געווען אַן אומגעהויערער. די פּראָווינץ־שטעט זענען געווען אויסגעהונ־גערט נאָך יידיש טעאַטער. אגב האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אַ סך יידישע משפּחות פון די גרויסע שטעט, וועלכע זענען אַהין אַנטלאָפן פאַרן הונגער. איז עס געווען אַ צייט פון נאַ־ציאָנאַלער און סאָציאַלער דערוואַכונג פון דער יידישער יוגנט. אין די שטעט און שטעטלעך זענען אויסגעוואַקסן קולטור־געזעלשאַפטן, ביבליאָטעקן און דראַמקרייזן. די דראַמקרייזן זענען געוואָרן אינסטיטוציעס, וואָס האָבן מיט דער צייט צוגעשטעלט פרישע כוחות פאַרן יידישן טעאַטער, נייערט נישט קיין קאָנקורענץ פאַרן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, פאַר־

קערט: זיי האָבן געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַר די צוגעפאָרענע טעאַטערס, אַרויסגערופן אינטערעס און פאַרשטאַרקט ביים ברייטן עולם דעם חשק צו גיין זען אַן „אמת טעאַטער". ווער שמועסט נאָך — דאָס טעאַטער פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

איז דער מאַטעריעלער דערפאָלג פונעם טורנע אויך גע־ווען זייער גרויס, אָבער די סמעטענע האָבן אַראָפּגענומען די אימפּרעסאַריאָס — צוויי געביפטע סוחרים, וועלכע האָבן די אַקטיאָרן אָפּגעפּטרט מיט אַ באַשיידענעם געהאַלט. זיגמונט איז געווען איבערגליקלעך אַפילו דערפון, ווייל דאָס איז פאַקטיש געווען דאָס ערשטע פאַרדינטע געלט זיינס פון שפּילן פּראָפעסיאָנעל יידיש טעאַטער. דערצו איז צוגעקומען דער גרויסער מאָראַלישער דערפאָלג, וועלכן ער האָט געהאַט. די אָרטיקע יוגנט האָט אין דעם יונגן בינע־קינסטלער דער־קענט אַ נישט־דורכשניטלעכן טאַלאַנט; ס'איז דערגאַנגען אין דער פּראָווינץ די ידיעה וועגן זיינע דרייסטע קינסטלערישע פּרוּוון אין וואַרשע, זיין צוגרייטונג און בילדונג, האָט די יונגע פּראָווינץ אים אַרומגערינגלט מיט אָנערקענען און ליבשאַפט — באַלד נאָך אסתר־רחל און אידאַ קאַמינסקאַ, מיט וועלכע מ'האָט זיך אומעטום געגרויסט. איז דער רום זיינער געווען געוואָרן גרויס. ווען ער האָט זיך אָבער געמאַכט אַ סך־הכל פון דעם גאַנצן טורנע, האָט עס אין זיינע אויגן גאָרנישט אויס־געזען אַזוי פריילעך:

„דער סך־הכל איז געווען אַ טרויעריקער. איך בין גע־וואָרן אַ ‚פּראָפעסיאָנאַל', ד. ה. זיך אויסגעלערנט ‚צו פּילן פריי' אויף דער בינע; צו באַוועגן זיך ביי די פאַרשידנסטע

סיטואַציעס, וואָס די צופעליקע דעקאָראַציעס האָבן געשאַפן אין יעדער שטאָט און אויף אַן אַנדער אופן; זיך אויסגעלערנט צוצופאַסן צו דער אַקוסטיק פון יעדן טעאַטער און צו פילן ווען מ׳דאַרף רעדן נאָרמאַל, אָדער שרייען, כדי ,עס זאָל דערגיין צום עולם׳ און דער עיקר — זיך אויסגעלערנט צוצו־פּאַסן צום געשמאַק פון יעדן עולם באַזונדער..." און ווייטער: „...איך האָב פאַר יעדער ראָל מיר געשאַפן איייניקע רעצעפּטן, אָפּהענגיק פון פּאַציענט — דעם צושויער..."

און ווייטער שרייבט ער אין זיינע זכרונות: „איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי געפערלעך דאָס איז פאַר אַן אָנפאַנגער, אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך געוואָלט ,געפעלן׳ און דאָס איז מעגלעך נאָר אין פאַל, ווען מ׳אָנט־שפּרעכט דעם געשמאַק פון עולם. ס׳איז געווען פאַר מיר אַ שטעקן מיט צוויי עקן". זיגמונט האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אַזאַ „גאַסטראָלירן" איז פאַר אַ יונגן קינסטלער שעדלעך, אַז ער דאַרף האָבן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט און אַ סטאַ־ביל טעאַטער, שפּילן פאַר אַן ערנסטער פּרעסע און קריטיק, אָבער ווו האָט מען געקאָנט געפינען אַזאַ טעאַטער אין יענע באַדינגונגען פון יידיש טעאַטער אין פּוילן? האָט ער באין ברירה געמוזט פאַרבלייבן אין דער וואַנדער־טרופּע פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ, וועלכע האָט זיך נאָך דעם ערשטן טורנע רעאָרגאַניזירט אין אַ קאָלעקטיוו, אַן אַזוי גערופענע חברים־טרופּע — אַן די פריערדיקע סוחרים־אימפּרעסאַ־ריאָס.

דאָס מאָל האָט זיך דאָס טעאַטער אַרויסגעלאָזט קיין

„אויסלאַנד״ — אויף די פּוילישע געביטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע. אַלץ האָט געערדט דערפאַר, אַז אויף די דאָזיקע געביטן דאַרף זיין אַ סך לייכטער און בעסער אין אַלע פּרטים. דער עסטרייכישער רעזשים איז תמיד געווען מילדער פונעם דייטשישן. אַ חוץ דעם האָבן זיך אויף פאַרשידענע שטאַפּלען פון דער אַרמיי און מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אויף די עסטרייכישע געביטן געפונען אַ סך יידן, יידישע יידן, נישט „יעקעס״, ווי אין דער דייטשער אַרמיי, נאָר היימישע גאַליציאַנער יידן. עסטרייך איז רייכער געווען אין לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, וועט נישט אויסקומען דאָרט צו הונגערן. והראיה — פון יענע געביטן איז אָנגעגאַנגען דער גרעסטער שמוגל פון שפּייז־מיטלען אין די געביטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אין די גרויסע שטעט.

ערב פרילינג 1917. די ערשטע שטאָט פון טורנע איז געווען די וויכטיקסטע שטאָט פון יענעם ראַיאָן, דאָס אַלט־יידישע לובלין, דאָס אַמאָליקע זיץ־אָרט פון ועד ארבע ארצות. די שטאָט, וואָס איז אין די רוסישע צייטן געווען אַ געוויינטלעכע פּראָווינץ־שטאָט, האָט ביי די עסטרייכער אויפגעלעבט ווי דער צענטער פון אַדמיניסטראַציע און ספּעקולאַציע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייעם קליין־ווין. אין אַמאָליקן עסטרייך האָבן אייניקע שטעט פון גאַליציע פּרעטענדירט אויף דעם טיטל, איז צו זיי צוגעקומען לובלין. מיט די נאַכט־לאָקאַלן, קאַפעען, פאַרוויילונג־ערטער, ווו מ׳איז געקומען לעבן און לאַבן פון עסטרייכישע און דייטשע געביטן.

דער דערפאָלג פון אסתר־רחלס טעאַטער אין לובלין האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. דריי חדשים האָט דאָס טעאַטער געשפּילט אין לובלין, אויסגענוצט מאַקסימאַל דעם גאַנצן ברייטן רעפּערטואַר און צוגעגרייט נייע פּיעסן, ווי: „די גייסטער" פון איבסען, ווו זיגמונט טורקאָוו האָט צום ערשטן מאָל געשפּילט אָסוואַלדן. דאָס טעאַטער איז אַרומגע־רינגלט געוואָרן מיט אַ גרויסן קרייז פון פריינד און פאַרע־רערס, ציווילע און עסטרייכישע מיליטערלייט, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען: דער פעלדראַבינער קאַפּיטאַן ד"ר מאיר באַלאַבאַן — דער גרויסער היסטאָריקער פון פּוילישן יידנ־טום; ד"ר משה קאַנפער, אַ באַקאַנטער יידיש־פּוילישער זשורנאַליסט און קריטיקער פון קראָקע; דער קינסטלער פריץ קליינמאַן, וועלכער האָט זיך יאָרן שפּעטער נישט־צערייסלעך פאַרבונדן מיט זיגמונטס טעאַטער, געוואָרן דער הויפּט־סצע־נאָגראַף פון „וויקט" און אַ צאָל אַנדערע אינטעלעקטואַלן פון ווין און בודאַפּעשט. די דאָזיקע באַקאַנטשאַפטן האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון יונגן קינסטלער. מיט זייער הילף האָט ער אויך דורכגעפירט אַ רעוויזיע פון די געשפּילטע ראָלן, אויפסניי זיי געשליפן, צווישן אַנדערע צוויי ראָלן, וואָס ער האָט געהאָט באַאַרבעט נאָך מיט דוד הערמאַנען און וועלכע ער האָט איצט באַקומען די געלעגנ־הייט צו שפּילן: משה מגיד אין פינסקיס „פאַמיליע צבי" און גדליה אין נאָמבערגס „משפחה".

פּראָפעסאָר באַלאַבאַן האָט טורקאָוון אַריינגעפירט אין די פאַרבאָרגענישן פון דער יידישער געשיכטע אין פּוילן; אַנ־

דערע אינטעלעקטואַלן — באַזונדערס די דערצויגענע אין דער רייכער ווינער טעאַטער־קולטור — האָבן אים געהאָלפן אויפצונעמען נייעסן אין דער טעאַטער־קונסט. ער שרייבט וועגן דעם אין זיינע טעאַטער־זכרונות: „איך האָב באַקומען אַ גרופּע פאַרערער־פריינד, יונגע אינטעלעקטואַלן פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַרמיי, ס׳רוב יידן, מיט וועלכע איך פלעג פאַרברענגען די פרייע צייט. זיי האָבן מיך באַקענט מיט די דערגרייכונגען און אַרטיסטישע פּערזענלעכקייטן פון בורג־טעאַטער און מיט דער אונגאַרישער דראַמאַטורגיע, וועלכע איז מיר ביז דאַן געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט זאַכלעכע און באַלערנדיקע קריטיק איבער מיינע ראָלן, ספּעציעל איבער די איבסען־פּערסאָנאַזשן ד״ר ראַנק און אָסוואַלד״.

נאָך דריי חדשים שפּילן אין לובלין איז געקומען אַ טריומף־טורנע איבער די שטעט פון יענער אָקופּאַציע־טייל: קעלץ, ראַדאָם, כעלם און פאַרענדיקט מיט דער געבוירן־שטאָט פון י. ל. פּרץ — זאַמאָשטש. „איך האָב ליב געהאַט אַרומצו־בלאָנדזשען ביינאַכט, נאָך אַ פאָרשטעלונג, איבערן מאַרק־פּלאַץ מיט זיינע קאָלומנאַדעס, נישעס, גאַלעריעס און טרעפּ. אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, פלעגט דאָ פּרץ אַרומ־בלאָנדזשען און וועבן זיינע וויזיעס צו ,ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק׳״... — שרייבט ער אין זיינע „טעאַטער־זכרונות״. — „עס האָט געררייצט מיט זיינע סודות דער פּאַליש פון דער אַלטער שול, מיט זיין קונע, מיט דער קייט, אין וועלכער מען פלעגט שמידן אַ זינדיקן, עס האָבן געוווּנקען צו מיר שאָטנס

פון דורות וואָס זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע נישט־דערלעבטע לעבנס און פּרץ האָט זיי צונויפגעזאַמלט און מיט יראת הכבוד אויפגעלעבט. קיין מער אינטערעסאַנטע שטאָט אויף צו פאַרענדיקן אונדזער ערשטן ,עסטרייכישן׳ טורנע האָב איך מיר נישט געקאָנט ווינטשן״ — פאַרענדיקט ער דאָס קאַפּיטל פון זיינע זכרונות.

צוריק אין וואַרשע — און ס׳הייבן זיך אָן די באַמיונגען צו מאַכן אַ טורנע איבער די געביטן פון פּויליש ליטע, וואָס זענען דאַן געווען דורכן דייטשן אָקופּאַנט אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער ראַיאָן „אָבער־אָסט״. די נסיעות איבערן לאַנד זענען געווען זייער באַשווערט דורכן אָקופּאַנט, וועלכער האָט איינגעפירט שטרענגע באַוועגונג־באַגרענעצונגען. דאָס האָט גורם געווען, אַז די גרויסע טעקסטיל־שטאָט, דאָס ברויזנדיקע יידישע ביאַליסטאָק, האָט איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס נאָכן פאַרלירן דעם גרויסן רוסישן מאַרק פאַר דער טעקסטיל־פּראָדוקציע. אַ מעלה האָט אָבער געהאַט ביאַליסטאָק, וואָס אַחוץ איר וויטאַלער יידישער קולטור־סביבה האָבן זיך דאָרט, אין דער דייטשער אַרמיי, געפונען אויך יידישע אינטעלעקטואַלן, ווי דער קינסטלער הערמאַן שטרוק, דער קאָמעדיאָגראַף סאַמי גראָנעמאַן, דער געזעלשאַפטלעכער עסקן ד״ר א. באַרט א. אַ. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס פאַרן שאַפן פון די „אָסט־יודען״. זיי זענען געווען די, וואָס האָבן געעפנט דעם וועג צו רום פון דער „ווילנער טרופּע״, וועלכע איז דאַן געווען אַן אומבאַקאַנטער קרייז פון יידישע

ליבהאָבערס פון ווילנע, מיט דער באַטייליקונג פון אייניקע יונגע געוועזענע רוסישע אַקטיאָרן.

אין ביאַליסטאָק איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַ־מענטרעף פון זיגמונט טורקאָוון מיט די „ווילנער" — אַ צו־זאַמענטרעף, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דויערנדיקער שאַפערישער און פערזענלעכער פריינדשאַפט מיט זיי. אסתר־רחלס אַנסאַמבל איז גראָד אָנגעקומען צו דער געזעגענונג־פאָרשטעלונג פון די „ווילנער". ס׳איז געשפּילט געוואָרן שלום אַשס „גאָט פון נקמה". טורקאָוו דערציילט, אַז דער איינדרוק פון דער ערשטער פאָרשטעלונג איז פאַרבליבן אומפאַרגעס־לעך. „ס׳האָט אַ ווייע געטאָן מיט אַ ט מ אָ ס פ ע ר, וואָס האָט אין יידישן טעאַטער תמיד געפעלט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ נייער טאָן, אַן אויפריכטיקער און ערלעכער..." ער קומט צום אויספיר, אַז דער דערפאָלג פון די „ווילנער" איז געווען אַ „כשר־פאַרדינטע אָנערקענונג און באַלוינונג פאַר ערלעכער, אָפּפערוויליקער אָנשטרענגונג פון אידעאַליסטן, פאַר דער גייסטיקער אָפּפרישונג, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער שווערער צייט; פאַרן נייעם טאָן, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אינעם פאַרחושכטן יידישן טעאַטער". ער האָט דערזען אין זייערע דערגרייכונגען אַן ענלעכקייט צו זיין שטרעבן אינעם „אַרטיסטישן ווינקעלע" און דאָס האָט פאַרשטאַרקט זיין ווילן צו שאַפן אין אַזאַ מין יידיש טעאַטער.

נייע ראָלן איז זיגמונטן אויסגעקומען צו שפּילן אין ביאַ־ליסטאָק: שוואַרצערן אין זודערמאַנס „היימאַט", רפאל פריד־לענדער אין „קרייצער סאָנאַטע" און מאַטיאַס פינגערהוט אין

„סאַפּאָ“ פון יעקב גאָרדין. די צוויי ראָלן זענען אים צוגעקומען צום נייעם טורנע איבער די זאַטע עסטרייכישע געביטן, נאָכן צוריקקומען פון דעם „אָבער־אָסט“. צום רעפּערטואַר זענען אויך צוגעקומען אייניקע פּיעסן, מיט וועלכע די „ווילנער“ האָבן דאַן געפייערט זייערע טריומפן אין וואַרשע, ווי קאָברינס „דער דאָרפסיונג“, אין וועלכער דער יונגער טורקאָוו האָט געשאַפן איינע פון זיינע גלאַנץ־געשטאַלטן — דעם אַלטן פּראָקאָפּ; אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט“ (מיט אים אין דער הויפּטראָל), פּרץ הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע“, ווי אויך דימאָווס „יאָשקע מוזיקאַנט“ און פולדעס קאָמעדיע „די צווילינג־שוועסטער“, ווו ער האָט ווידער אָפּגעשפּילט אַ קאָמישע כאַראַקטער־ראָל, וואָס האָט איבעראַשט מיט דער מאַסקע און מיט דער פּרעציזער באַאַרבעטונג פון יעדער סצענע, יעדן דעטאַל.

די מלחמה, וואָס האָט געדויערט שוין דאָס פערטע יאָר, האָט צוביסלעך געגוסטט, נייערט די לופט אין איראָפּע איז אַלץ מער געוואָרן אָנגעלאָדן מיט פרישן אויפרייס־שטאָף. אין רוסלאַנד האָט די מאַכט גענומען אין די הענט אַ רעגירונג פון „אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן־ראַטן“. אין בריסק האָבן די פאָרשטייערס פון דער נייער מאַכט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשע גענעראַלן וועגן אַ שלום. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געענדיקט מיט דער היסטאָרישער פאָרמולירונג פון טראָצקין „נישט מלחמה, נישט שלום“. זענען פון ביידע זייטן געשטאַנען קעגנערישע אַרמייען און זיך נישט געטשעפּעט, אין דער צייט ווען אויפן מערב־פראָנט איז נאָך

אָנגעגאַנגעט אַ הייסע בלוט־באַד. אין רעוואָלוציאָנערן רוס־לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אַ מערדערלעכער הונגער, דאָס לאַנד איז געווען אָפּגעשניטן פון זיין וויכטיקסטן שפּייז־מאַגאַזין — פון אוקראַינע, ווו ס׳האָבן געהערשט דייטשע אָקו־פּאַנטן מיט דער הילף פון זייערע אוקראַינישע מאַנעקענען. אוקראַינע איז נאָך געווען זאַט און גוט־פּראָספּערירנדיק.

פון אוקראַינע איז אָנגעקומען אַן אָנלאָקנדיקער פאָר־שלאַג: אסתר־רחל זאָל מאַכן אַ גרויסן טורנע מיט איר אַנ־סאַמבל. אוקראַינע איז געווען געדיכט באַזעצט מיט שטעט און שטעטלעך, ווו ס׳האָבן געוווינט גרויסע יידישע מאַסן, פאָלקסטימלעך־יידישע ישובים. אַמאָליקע בעסטע קאָנסו־מענטן פון יידיש טעאַטער. זומער 1918 האָט אסתר־רחל זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו דעם דאָזיקן טורנע. זי האָט צוזאַ־מענגעשטעלט אַ נייעם אַנסאַמבל — מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען זיך צו לאָזן אין אַזאַ ווייטער ריזיקאַלישער רייזע — און צוגעגרייט מיט דעם נייעם אַנסאַמבל איר אַלטן רעפּערטואַר. פאַרן אַרויספאָרן אין טורנע האָט מען נאָך דערוויל פאַרענדיקט אַ פאַמיליע־פּרעמיערע: די חתונה פון אידאַ קאַמינסקאַ מיט זיגמונט טורקאָוו. אין דעם גרויסן טורנע, וועלכער האָט זיך לסוף אַרויסגעוויזן אַ סך גרעסער, קאָמפּלי־צירטער און פילפאַרביקער, ווי עס האָט געקאָנט אויסמאָלן די רייכסטע פאַנטאַזיע; דעם טורנע, וואָס האָט געדויערט מער ווי צוויי יאָר, זענען שוין אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט געפאָרן ווי מאַן און ווייב.

ד

דער וועג אויף אוקראַינע האָט געפירט דורך די וואָלינער שטעט, וואָס זענען אָקופּירט געווען פון עסטרייכער: הרו־ביעשאָוו, לודמיר, לוצק, קאָוועל. דאָס זענען אַלץ געווען שטעט ווו ס׳האָט געהערשט פּראָספּעריטי, אַ גרויסע שפע פון עסנוואַרג. די אויסגעהונגערטע וואַרשעווער האָבן דאָרט געהאַט די געלעגנהייט אָנצועסן זיך און קומען צו די כוחות פאַרן גרויסן טורנע איבער אוקראַינע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ראָוונע, דער וואָלינער הויפּטשטאָט, וואָס איז געווען אונטער דייטשער אָקופּאַציע.

פאַרמעל האָט עס געהייסן, אַז דאָס איז אַ זעלבשטענדיקע אוקראַינישע רעפּובליק אונטער דער הערשאַפט פון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, וועלכער איז געווען דער ממונה איבער די האַידאַמאַקישע אָפּטיילונגען, די יורשים פון באָהדאַן כמיעלניצקי. פאַקטיש האָט דאָרט געהערשט די דייטשע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע מיט איר דיסציפּלין, וואָס האָט געצוימט די כוליגאַנישע האַידאַמאַקעס און געשאַפן פאַר דער צאָלרייכער יידישער באַפעלקערונג אַ מצב פון אויבנאויפיקער זיכערקייט און רו. נייערט ווען דאָס טעאַטער איז געקומען קיין ראָוונע, האָט מען שוין געקאָנט זען די ערשטע סימפּטאָמען פון דער אוקראַינישער שריפה: האַידאַמאַקישע אָפּטיילונגען האָבן זיך צעבונטעוועט און געלאָזט ווילגיין. די יידישע זעלבשוץ, וועלכע האָט אויף אוקראַינע געהאַט טראַדיציעס און דערפאַרונגען פון אַמאָליקע פּאָגראָמען, האָט זיך געגרייט צום ווידערשטאַנד. ס׳איז אָבער נישט געקומען

צו אַ קאַמף, ווייל דאָס דייטשע מיליטער האָט אין משך פון געציילטע טעג ליקווידירט, אָדער פאַרטריבן די באַנדעס. פון דעסטוועגן איז געווען געזונטער גיך צו פאַרלאָזן ראָוונע, צו געפינען זיך אין דער גרויסער פּאָרט־שטאָט אָדעס. ס׳איז פּאָרט נאָך געווען אַ פענצטער צו דער גרויסער וועלט — אַ האַלבוועגס אָפענער שוואַרצער ים.

ס׳איז געווען נאָוועמבער 1918. אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. ווי אַן אָפּהילך דערפון איז אין קיעוו געפאַלן די רעגירונג פון דייטשישן מאַנעקען, דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַן אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע רעגירונג מיטן „סאָציאַליסט" אַטאַ־מאַן פּעטליוראַ בראש, אַ רעגירונג, אין וועלכער ס׳איז אַפילו געווען אַ יידישער מיניסטער. פאַר יידן האָט אויפ־געשיינט אַ האָפענונג. פּעסימיסטן האָבן אַפילו, ווי תמיד, פאַר־זאָרגט געקנייטשט מיט די שטערנס, אָבער אָפּטימיסטן האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו ענטוזיאַזמירן מיט כסדרדיקע אויסרופן „כאַי זשיווע!". אין אָדעס איז די לאַגע געווען נישט אין הסכם מיט די אָפּטימיסטן. אויף די גאַסן האָט מען אָנגע־הויבן צו אַנטוואָפענען די דייטשן און דעם אויבן־אָן דערביי האָט פאַרנומען די באַרימטע אָדעסער אונטערוועלט, די מאָל־דאַוואַנקע. אין שטאָט האָט געהערשט אַ כאַאָס, דאָס טעאַטער האָט געמוזט אויפהערן צו שפּילן.

גלייך איז אָבער די שטאָט פאַרנומען געוואָרן דורך אָפּ־טיילונגען פון די אַליאירטע אַרמייען, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אין דער געגנט פון שוואַרצן ים. אין פּאָרט באַווייזן זיך

די מעכטיקע ענגלישע און פראַנצייזישע פּאַנצער־שיפן, די פּיסקעס פון זייערע האַרמאַטן זענען אָנגעשטעלט אויף די הויפּטגאַסן, באַרואיקט עס ווידער אַביסל די אָפּטימיסטן. אויף אַ קורצער צייט בלויז: די אַליאַנטן גיבן איבער די שטאָט אין רשות פון רוסישע מאָנאַרכיסטישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געהאַט געשאַפן אַ מיליטערישע רעגירונג אין קרים. אָדעס ווערט ווידער פּראָקלאַמירט ווי אַ חלק פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

ס׳איז דער אָנהייב פון בירגער־קריג אין אוקראַינע. שלאַכטן קומען פאָר צווישן די פּעטליוראָווצעס און באָלשעוויקעס, אויף פאַרשידענע פראָנטן קעמפן די ווייסע אַרמייען פון צאַרישע גענעראַלן און אַדמיראַלן: קאָלטשאַק, מאַמאָנאָוו, קראַסנאָוו, דעניקין, ווראַנגעל. ס׳וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן פאַרשידענע באַנדעס — פון אַנאַרכיסטן־פּירערס און סתם באַנדיטן — מאַכנאָ, אַנגעל, זעלאָני, סעמיאָנאָוו א.אַ. אַלע אַרמייען און אָפּטיילונגען קעמפן אונטער פאַרשידענע פענער, אין פאַרשידענע מונדירן — אָדער אָן מונדירן בכלל — אונטער פאַרשידענע לאָזונגען. אַלע פאַרייניקט בלויז איינס: שנאה צו יידן. ס׳צעבושעוועט זיך די שווידערלעכע פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט אין די יאָרן 1918—1920 פאַרפלייצט אוקראַינע מיט יידיש בלוט.

אין אָדעס איז געווען אַ סכנה אַרויסצוגיין אין גאַס ביינאַכט. ס׳האָט געהערשט דאָרט די מאַלדאַוואַנקע, די אָרגאַניזירטע אונטערוועלט. וועגן שפּילן טעאַטער אין די אָוונטן האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד — מ׳האָט מורא געהאַט

אַרויסצוגיין פון דער היים. ביי אסתּר־רחלס אַקטיאָרן האָבן זיך אויסגעלאָזט די אָפּגעשפּאָרטע וואַלינער געלטער, מ׳האָט אָנגעהויבן צו הונגערן. דער טרופּע האָט דאַן אַרויסגעהאָלפן אסתּר־רחלס אַן אַלטער פאַרערער, דער פאָרזיצער פון דאָר־טיקן „הזמיר", ד"ר י. בערנשטיין־כּהן, דער פאָטער פון דער אַקטריסע מרים בערנשטיין־כּהן. ער האָט אָוועקגעגעבן דעם זאַל פון „הזמיר" אויף צו שפּילן בייטאָג־פאָרשטעלונגען. ביי־טאָג האָבן נאָך ווי עס איז מענטשן איינגעשטעלט אַרויסצוגיין אין גאַס און אָדעסער יידן זענען געגאַנגען אין טעאַטער אַריין אַפילו ווען מ׳האָט געשאָסן אין די גאַסן. אויך דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט.

ס׳האָט זיך ווידער דערהערט אַ שטאַרקע באָמבאַרדירונג אין אַ געוויסן טאָג. גאַסן־קאַמפן האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַ־קערט צווישן די פּעטליוראָווצעס און רוסישע „פּרייווילליקע", צאַרישע אָפיצירן, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין אָפּגע־קליבענע קאַמף־אָפּטיילונגען. דער „פראָנט" האָט זיך אַרי־בערגעטראָגן אַזש צום האָטעל אין צענטער שטאָט, ווו ס׳האָבן געוווינט די אַקטיאָרן. מ׳האָט געשאָסן פון האָטעל און מ׳האָט געשאָסן אויפן האָטעל. דריי טעג האָט אַזוי געדויערט די גאַסן־שיסעריי, ביז די פּעטליוראָווצעס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון צענטער און זיך באַפעסטיקט אין אַ פאָרשטאָט, ווו ס׳האָט זיך אַריבערגעטראָגן די שיסעריי. ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג — מ׳מוז פאַרלאָזן אָדעס. אָבער ווי אַזוי און ווו אַהין פאָרט מען ? דאָס בעסטע וואָלט געווען אַהיימצופאָרן קיין וואַרשע, דאָס איז אָבער אַ חלום נישט צו דערגרייכן.

דאַרף מען זיך דערוויל אַרויסקריגן פון אָדעסער גיהינום, אויף די געביטן ווו ס'רעגירט די אוקראַינישע „דעמאָקראַ־טישע" רעפובליק. מיט דער הילף פון אַ מאָסקווער אימפּרע־סאַריאָ געלינגט זיי צו באַקומען אַ וואַגאָן אין אַן עשאַלאָן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דורכצורייסן זיך צו די „דעמאָקראַטישע" געביטן. אסתּר־רחלס טרופּע קומט בשלום אָן קיין ווינניצע.

געוואָרן איז עס אָנהייב 1919. מיט אַ קורצער צייט פריער איז פאָרגעקומען דער שוידערלעכער פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו, ווו די פּעטליורישע האַידאַמאַקעס האָבן אויסגעקוילעט טויזנ־טער יידן. כאַפּט מען אַריין אייניקע פאָרשטעלונגען, כדי צו פאַרדינען אויף ווייטערדיקע רייזע־הוצאות און מ'לאָזט זיך אין וועג אַריין, נענטער צו דער פּוילישער גרענעץ. אַזוי קומט מען אָן קיין ביעלאָצערקאָוו. אין שטאָט איז נישטאָ קיין עלעק־טרי — מ'שפּילט ביי חלבנע ליכט. מ'שפּילט אַבי איבערצו־קומען, אַבי דורכצושטופּן דעם אָוונט און צומאָרגנס ווידער מאַכן באַמיונגען וועגן קאָנען ווייטער פאָרן. דאָס גליק דויערט בלויז געציילטע אָוונטן. דער שטאָט־קאָמענדאַנט פאַרווערט, ווייל „יידן סימפּאַטיזירן מיט די באָלשעוויקעס". מ'דראָט מיט זיי צו טון דאָס זעלבע, וואָס אין פּראָסקוראָוו. מוז מען זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון דאָרט. מ'קומט אָן קיין טשערקאַסי, דערגייט זיי אַ ידיעה וועגן אַ בלוטיקן פּאָגראָם אין ביעלאָצערקאָוו.

אין טשערקאַסי גרייט מען זיך צו טון דאָס זעלבע מיט יידן, וואָס מ'האָט געטון אין אַנדערע אוקראַינישע שטעט. אין

די אָונטן איז אַ סכנה אַרויסצוגיין פון די היימען. שפּילט מען בייטאָג. געציילטע פאַרשטעלונגען בלויז און מ׳זוכט וועגן ווי אַזוי זיך פון דאָרט אַרויסצוקריגן. פּלוצלינג דערהערט מען קלאַנגען, וואָס האָבן דאָן אין יידישע אויערן געהאַט אַן ענ־לעכקייט, ווי דער שופר של משיח, להבדיל — קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל״. אין די גאַסן באַווייזן זיך מאַטראָסן מיט רויטע אָפּצייכנונגען. די שטאָט איז באַהערשט פון די באָל־שעוויקעס. גלייך שאַפט זיך אַן אָפּטיילונג פון אַלרוסישן פאַר־באַנד פון קונסט־אַרבעטער, מ׳אָרגאַניזירט אַנסאַמבלען, מ׳שיקט זיי שפּילן אין די באַפרייטע שטעטלעך פון דער געגנט, אָדער אין שטעטלעך, וואָס מ׳רעכנט, אַז זיי וועלן באַלד באַפרייט ווערן.

אסתר רחלס טרופּע באַקומט אַ באַקוועמען וואַגאָן און לאָזט זיך אַרויס שפּילן איבער די שטעט פון סאָוויעטיש אוקראַינע. אָבער די מיטאַרבעטערס צעבונטעווען זיך קעגן דער „משפּחה״, וועלכע פאַרנעמט דעם אויבן־אָן. מ׳וויל ביי זיי „נאַציאָנאַליזירן״ זייערע קאָסטיומען און צירונג, און ווייל זיי לאָזן זיך נישט, פאַרמסרט מען זיי אין טשעקאַ. דער הויפּט־באַשולדיקטער איז זיגמונט — ער איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָ־נער, מאַכט חוזק פון דער סאָוויעטישער מאַכט. ער ווערט אַרעסטירט, געשטעלט פאַרן משפּט פון טשעקאַ־קאָמאַנדיר. צוליב די אַרויסגערוקטע באַשולדיקונגען דראָט אים געשטעלט צו ווערן צו דער וואַנט. דאָס האָט נישט געהערט צו די שווערע זאַכן אין יענע טעג. יעדער ליקווידירטער מענטש איז — ווייניקער מיט אַ פּאָטענציעלן שונא. און שונאים זענען

דאָ אַ סך, דאַרף מען וואָס מער ליקווידירן. שולדיק, אָדער אומשולדיק — דאָס שפּילט נישט קיין ראָל. אין דער ווירק־לעכקייט קאָן דאָך יעדער זיין שולדיק. צו באַווייזן עס איז נישטאָ קיין צייט. דערשיסן דויערט ווייניקער.

דער אויספאָרשער און נאַטשאַלניק פון טשעקאַ איז גע־ווען אַ יידישער סטודענט. צו זיגמונטס מזל האָט דער סטו־דענט מיט אַ קורצער צייט פריער געשריבן טעאַטער־רעצענ־זיעס אין אַן אָרטיקער רוסישער צייטונג און איז געווען זיג־מונטס אַ גרויסער פאַרערער. ווען דער סטודענט האָט זיך באַקענט מיט דער באַשולדיקונג, דערקענט, אַז זי איז אַ פועל־יוצא פון קנאה, האָט ער באַשלאָסן צו באַפרייען דעם באשול־דיקטן, בתנאי: זיגמונט מיט אידען און יאַנאַסן מוזן גלייך פאַרלאָזן די שטאָט לובני. אסתר־רחל מוז פאַרבלייבן, ווייל אָן איר וועט זיך די טרופּע פאַנאַנדערפאַלן. נישטאָ קיין אַנדער ברירה: די „משפחה" לאָזט זיך אין וועג אַריין אָן דער מאַ־מען. מ׳פאָרט קיין כאַרקאָוו, ווו ס׳וווינט טורקאָווס משפחה — דער פעטער ישראל־חיים מיט זיין טאָכטער און דעם גוט־סיטואירטן איידעם. קודם כל וועט מען האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויפן אָרט וועט מען ווייטער זען.

כאַרקאָוו איז אין אַלע פּרטים געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ אין זיגמונט טורקאָווס אַנטוויקלונג. קודם־כל איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל זינט דריי יאָר וואָס ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. ביי די וואָגיקע פּאָ־זיטיווע השפּעות, וואָס אסתר־רחל האָט געהאַט אויף זיינע

קינסטלערישע ערשטע שריט אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טע־אַטער — מיט איר מעכטיקן טאַלאַנט און רייכער אינערלעכער וועלט; מיט דער ערנסטער באַציונג צו דער בינע און צו דער אַקטיאָרישער עבודה — האָט זי אָבער אויך געהאַט גע־וויסע נעגאַטיווע השפעות. ער איז אפשר אומבאַוווּסטזיניק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם רוטינירטן יידישן טעאַטער פון דער גאָרדין־תקופה, ווו אַלץ איז געגאַנגען, אַלץ איז געשפּילט געוואָרן, אַלע האָבן גערעדט לויט אַן איינגעשטעלטן סדר און שטייגער, ווו ס'איז נישט געווען קיין אָרט פאַר נאָוואַ־טאָרישקייט, פאַר די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אין דער טעאַטער־וועלט. באַזונדערס — אין יענע טעג, אונטער דער ווירקונג פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער תקופה אין רוסלאַנד, וועלכע איז אין פּרט פון שאַפערישע פאָרמעסטן געווען אפשר די רייכסטע אין דער גאַנצער געשיכטע פון ראַטן־פאַרבאַנד. אין דער גרויסער שטאָט כאַרקאָוו, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער רוסישער קולטור־צענטר, האָבן געווירקט אייניקע ערשטקלאַסיקע טעאַטערס: די ניי־אויפגעקומענע טע־אַטערס פון פּאָליטישער סאַטירע און קליינקונסט, אַן אויסגע־צייכנטע מאָדערנע אָפּערעטע און צוויי ערנסטע דראַמאַטישע טעאַטערס. איינער פון זיי איז געווען „דאָס ערשטע סאָוויע־טישע מלוכה־טעאַטער" אָנגעפירט פון באַרימטן אַרטיסט און אַוואַנגאַרד־רעזשיסער באָריס גלאַגאָלין.

גלאַגאָלין האָט דאַן געמאַכט גאָר דרייסטע פאָרם־עקס־פּערימענטן אין זיין טעאַטער. להיפוך צו מייערכאָלדן, איז ער אין גרונט מסכים געווען מיט סטאַניסלאַווסקיס תורה, אַז דער

עיקר איז דער מ ע נ ט ש אויף דער בינע. האָט ער זיך באמת פאַרן מענטשן, פאַרן אַקטיאָר, אויסצוגעפינען די גרעסטע מעגלעכקייטן פון אויסדרוק. ער האָט אָפּגעשאַפט די ענגע סצענישע ראַם און געגעבן דעם אַקטיאָר די מעגלעכקייט אויסצונוצן אַלע דימענסיעס. זאָל זיך דער אַקטיאָר באַדאַי רייסן צום הימל, אויב ער קאָן פון דאָרט ווירקנדיקער לאָזן הערן זיין וואָרט, אַנטפּלעקן זיינע געפילן. גלאַגאָלין האָט גע־כשרט אַלע טעכנישע מיטלען, אַלע אויסדרוק־וועגן, וואָס האָבן געקאָנט העלפן דעם אַקטיאָר אַרויסצובאַקומען זיין קינסטלערישן פּאָרטראַכט. ער האָט אויך איינגעפירט עפּנט־לעכע דיסקוסיעס אין טעאַטער — נאָך יעדער פאָרשטעלונג איז דער גאַנצער אַנסאַמבל אַרויס צום עולם און געפירט דיסקוסיעס וועגן דער פאָרשטעלונג, ווי אַ גאַנצע און וועגן אירע באַזונדערע פּרטים. „איך האָב ממש אויפגעלעבט אי־נעם כאַרקאָווער טעאַטער־קעסל, וואָס האָט געברויזט מיט זוכענישן, פאַרמעסטן, ירידות און דערגרייכונגען" — דער־ציילט טורקאָוו אין זיינע זכרונות.

נאָך אַ קורצער צייט שפּילן אין יידישן מלוכה־טעאַטער „אונדזער ווינקל", האָט זיך געמאַכט פאַר אים אַ גליקלעכע געלעגנהייט אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אינעם כאַרקאָווער טעאַטער־קעסל, ווי ער רופט עס אָן. גלאַגאָלין האָט גראָד געגרייט טשיריקאָווס „די יידן" — אַ שאַרפער פּראָטעסט פונעם מחבר קעגן די פּאָגראָמען פון פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אין דער תקופה פון בירגער־קריג באַקומען אַ גאָר ברענענדיקע אַקטועלקייט — וועלכע ער האָט זיך פאַרמאָסטן

צו געבן אויף גאָר אַ נייעם אופן. ער האָט אויסגעבויט אַ גראַנ־דיעזע סצעניִשע קאָנסטרוקציע, וואָס זאָל בילדן אַ קווערשניט פון אַ שטאָט און צעטיילט די אַקציע אויף פאַרשידענע פלאַכן. אַרום דער היים פון יידישן זייגערמאַכער, האָט ער געגעבן די גאַס מיט די שכנים און אויסגעברייטערט אַזוי אַרום די האַנד־לונג פון דער פאַמיליע־דראַמע צו אַ מאַסן־ספּעקטאַקל. צום רוסישן צושויער האָט ער אַפּעלירט נישט סתם וועגן רחמנות צו יידן, נייערט פון אַ העכערן קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, געבויט אויף דער קריסטלעכער מאָראַל. ער האָט די פאַר־שטעלונג אָנגעהויבן מיט אַ פּראָלאָג: יעזוס שלעפּט אַ ריזיקן קרייץ. דעם מאַן מיטן קרייץ האָט ער אַריינגעצויגן ווי אַ פּערסאָנאַזש אין דער האַנדלונג און אים פאַרוואַנדלט אין דעם ערשטן קרבן פון אַנטי־יידישן פּאָגראָם.

אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַן עפּיזאָדישע געשטאַלט פון אַ פּוילישן פּריץ. גלאַגאָלין האָט פאַרטראַכט, אַז די ראָל זאָל שפּילן אַן אַקטיאָר, וואָס קען גוט פּויליש — ער זאָל זיך די גאַנצע ראָל איבערזעצן אויף פּויליש. זיגמונט האָט פאָרגע־שלאָגן זיין קאַנדידאַטור און איז נאָך אַ פּראָבע אָנגענומען געוואָרן דורך גלאַגאָלינען, וועלכער האָט אין גאַנג פון די רעפּעטיציעס געבען אים פרייע הענט אויף אויסצוברייטערן זיין עפּיזאָד. דער דערפאָלג זיינער אויף דער פּרעמיערע איז געווען אַזוי גרויס, אַז איבער נאַכט איז דער יונגער פּליט גע־וואָרן אַ פּאָפּולערער אַקטיאָר אין כאַרקאָוו און גלאַגאָלין האָט אים גלייך אַנגאַזשירט צו שפּילן — דאָס מאָל שוין אין רוסיש — די ראָל פון אַבאָט אין מעטערלינקס „נס פון הייליקן אַנ־

טאַניוס״, אַ פאָרשטעלונג וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרנעם.

די פּאָר חדשים אין כּאַרקאָוו זענען פאַר טורקאָוון געווען די פּרוכטיקסטע און גליקלעכסטע אין די בלוטיקע יאָרן פון בירגער־קריג. כּאַרקאָוו איז געווען אַ געוויסע צייט אַן אַ זייט פון אַלע קאַמפּס־פראָנטן, די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין דער שטאָט, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער אינדוסטריע־צענטער, איז געווען האַלבוועגס סטאַביליזירט — כאָטש דער בירגער־קריג האָט נאָך געבושעוועט אויף פאַרשידענע פראָנטן און די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אויך. די מאָראַלישע און מאַטעריעלע לאַגע פון קינסטלער אין רוסישן מלוכה־טעאַטער איז געווען זייער אַ גוטע — דאָס איז אויך געווען פון גרויס וויכטיקייט, וואָרים זיין פרוי האָט זיך געפונען אין די הויכע חדשים און ער אַליין האָט געמוזט פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן ביידן. פון דעסטוועגן האָט אים אומאויפהערלעך געמאַטערט דער געדאַנק: ווי אַזוי דערקלייבט מען זיך אַ היים, קיין וואַרשע?

פלוצלינג איז געקומען אַן אַרויסרוף פון קיעוו. ס׳האָט זיך געשאַפן דאָרט אַ יידיש מלוכה־טעאַטער — דאָס צענטראַלע יידישע מלוכה־טעאַטער פאַר אוקראַינע. אסתר־רחל און אידאַ קאַמינסקאַ, זיגמונט טורקאָוו, זענען צוגעטיילט געוואָרן צו דעם טעאַטער. איז דאָך קיעוו פאָרט נענטער צו דער היים־שטאָט. מוז מען רעזיגנירן פון דער גוטער טעאַטער־שול אין כּאַרקאָוו, וואָס איז פאַר זיגמונטן געווען „אַן אַריינפיר אין דער קאָמפּליצירטער רעזשי־קונסט, וואָס איך האָב געלערנט

ביי דער זייט פון אַזאַ טאַלאַנטירטן קינסטלער ווי באָריס סערגייעוויטש גלאַגאָלין" — ווי ער באַצייכנט עס — און פאָרן קיין קיעוו.

די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, קיעוו, ווו ס'האָט זיך דאַן געהאַט סטאַביליזירט אויף אַ צייט די ראַטן־מאַכט, איז געווען אַ ברויזנדיקער צענטער פון יידישן קולטור־שאַפן. דאָרט האָט געווירקט — ווי אַ צענטראַלע יידישע אינסטיטוציע — די „קולטור־ליגע", וואָס האָט קאָנצענטרירט אַלע שרייבערס און קולטור־טוערס, אַרויסגעגעבן ביכער און זשורנאַלן, געפירט שולן און אויך איבערגענומען די אָנפירונג פון נייעם מלוכה־טעאַטער. דאָס איז געווען אַ נישט אָפיציעלע אינסטיטוציע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, וועלכע האָט זיך געזוכט אין די ערשטע סאָוויעטישע צייטן אויסווירקן אויפן קולטור־געביט און געהאַט צו פאַרצייכענען גאָר ערנסטע דערגרייכונגען דערביי — דויערנדיקע פאַרדינסטן פאַרן יידישן קולטור־שאַפן און געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך, ביי דעם קורצן צייט־אָפּשניט, וואָס דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז אויסגעקומען צו ווירקן סיי פאַר די אוקראַאינישע, סיי פאַר די סאָוויעטישע צייטן.

זיגמונטס דעביוט אין קיעווער מלוכה־טעאַטער איז געווען אַ געלונגענער: ער איז אויפגעטראָטן אין דער ראָל פון אַלטן בחור גריוועץ אין עמיל זאָלאַס „טערעזאַ ראַקען" — ווידער ביי דער זייט פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. מיטן אויפטריט האָט ער זיך דערוואָרבן די גרעסטע אָנערקענונג סיי פון דער אָנפירערשאַפט פון טעאַטער און קולטור־ליגע, סיי פון

דער גאַנצער פּרעסע, ווי אויך פון די עלטערע חברים־אַק־טיאָרן, וואָס איז געווען דאָס שווערסטע פון אַלץ און זייער אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער באַציונג צו אַ יונגן אַקטיאָר. אַ צווייטער דערפאָלג זיינער איז געווען אַ גאָר נישט־דער־וואַרטער, אַן אומגעריכטער: ס'איז אויפגעפירט געוואָרן זו־דערמאַנס „היימאַט", אין וועלכער ער האָט לעצטנס געשפּילט מיט אסתר־רחלען די ראָל פון אַלטן פאָטער. דאָ אָבער, אין מלוכה־טעאַטער, האָט זיך געפונען אסתר־רחלס לאַנגיעריקער פּאַרטנער פון ביז דער מלחמה, דער באַקאַנטער אַקטיאָר יעקב ליבערט, האָט זיך זיגמונט אָפּגעזאָגט צוצונעמען ביי אים די ראָל. אָבער פּטור בלא כלום האָט נישט געקאָנט זיין ביי דער אָנפירערשאַפט פון מלוכה־טעאַטער, וועלכע איז געווען פאַר־אינטערעסירט צו ווייזן דעם עולם נייע פּנימער, נייע אַקטיאָ־רישע טאַלאַנטן און טאַקע יונגע. איז אים צוגעטיילט געוואָרן די ראָל פון „ליבהאָבער", אַ זשאַנר, וועלכן ער האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה, דעם פאַן קעללער. כדי אויסצומיידן אַ דורכפאַל האָט זיגמונט פאַרוואַנדלט די ראָל אין אַ כאַראַק־טער־געשטאַלט — אָפּגעשפּילט אַ דעגענערירטן פּרייסישן סאָלדאַפאָן — און קעגן אַלע דערוואַרטונגען איז עס געוואָרן די צענטראַלע געשטאַלט פון דער פאָרשטעלונג. די אויפפאַסונג איז געווען אין גייסט פון דער צייט און די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט און זי האָט באַקומען אַן אידעישע באַדייטונג, וואָס איז אייגנטלעך בעצם נישט פרעמד געווען דעם יונגן קינסטלער שוין פון לאַנג.

די דערמאָנטע פאָרשטעלונג האָט זיך מיט נאָך אַ פּרט

פּאַראייביקט אין זיין זיכרון: בעת איינער פון די פּאָרשטע־לונגען האָט מען אים אויף דער בינע צווויסן געגעבן, אַז ער איז געוואָרן אַ פּאָטער. זיין טאָכטער רות איז געבוירן געוואָרן — דאָס ערשטע אייניקל פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. איז די פרייד פון דער פּאָרשטעלונג געווען אַ דאָפּלטע. זי איז אָבער געשטערט געוואָרן, ווייל אויפן הימל פון פּאָליטיש־מיליטע־רישן לעבן האָבן זיך ווידער געקנוילט שווערע וואָלקנס: דעניקינס אָפּענסיווע. דער צאַרישער גענעראַל האָט שוין גע־האַט איינגענומען גרויסע טיילן אוקראַינע, מיט כאַרקאָוו אַריינגערעכנט — זיינע אָפּטיילונגען האָבן זיך דערנענטערט צו קיעוו. קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן אין דער שטאָט גופא אויסצופירן סאַבאָטאַזש־אַקטן. אינעם זאַל פון מלוכה־טעאַטער האָט אויפגעריסן אַ באָמבע, די באַן־ליניעס זענען באַדראָט געוואָרן — די העכסטע צייט צו פאַר־לאָזן די שטאָט. קוים מיט צרות איז זיי געלונגען אַרויפצובאַ־קומען זיך אויף אַ שיף קיין האָמעל, כאָטש דאָס איז אויך נישט געווען פולשטענדיק זיכער. שיפן פלעגן אָפּגעשטעלט ווערן אין וועג דורך פאַרשידענע באַנדעס און די יידן האָט מען אַריינגעוואָרפן אין דניעפּר אַריין. אַזוי זענען דאַן אומגע־קומען אייניקע יידישע אַקטיאָרן אויך. קיין אַנדער אויסוועג איז אָבער נישט געווען — מ׳האָט געמוזט ריזיקירן. און ס׳איז זיי געלונגען, זיי זענען בשלום אָנגעקומען קיין האָמעל.

ווייסרוסלאַנד, האָמעל, דאָס איז געווען אַ נענטערער עטאַפּ אויפן וועג אַהיים. אַזוי האָט מען געהאָפט. מען האָט אַרויס־געשיקט אַ געשעפטפירער צו אָרגאַניזירן פאָרשטעלונגען אין

די שטעט אויפֿן וועג. האָט זיך אָבער דערנענטערט אַ נייער פֿראָנט און מ׳האָט געמוזט גאָר פֿאַרקערעווען קיין מאָסקווע, אפֿשר וועט פֿון דאָרט לייכטער זיין אַהיימצופֿאָרן. די רייזע קיין מאָסקווע האָט אין נאָרמאַלע צייטן געדויערט שעהן, דאַן איז מען געפֿאָרן צוויי וואָכן. אין לאַסט־וואַגאָנעס, די אַזוי גע־רופֿענע טיעפּלושקעס, אַן וואַסער און עסנוואַרג. דער עשאַלאָן האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג, אין מיטן אַ פֿעלד — ס׳האָט אויסגעפֿעלט האָלץ פֿאַרן לאָקאָמאָטיוו. האָט מען געמוזט אויפֿן וועג האַקןביימער כדי ווייטער צו לאָזן אין גאַנג דעם לאָקאָמאָטיוו. טיילמאָל אַפֿילו סתם אונטערקויפֿן די באַן־אַרבעטערס. און דאָ מוז מען נאָך זאָרגן וועגן אַ קליין קינד, פֿאַר וועלכן ס׳האָט אויסגעפֿעלט אַביסל מילך, ס׳האָט אויסגעפֿעלט וואַסער אויף אַרומצוּוואַשן. מיט ניסים איז מען ענדלעך, נאָך צוויי וואָכן צרות און מאַטערנישן, דערפֿאָרן אין דער הויפּטשטאָט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער וועלט־רעוואָלוציע, אין דער אַלטער הויפּטשטאָט פֿון דער מוטערל רוסלאַנד — קיין מאָסקווע.

ה

מאָסקווע פֿון האַרבסט 1919; די שטאָט איז איבערפֿולט מיט לאָזונגען, פּליטים און הונגעריקע. „אַלץ פֿאַרן פֿראָנט קעגן דעניקינען" — דאָס איז געווען די אַקטועלסטע לאָזונג. דאָס האָט גלייכצייטיק געהייסן: גאָרנישט פֿאַרן פּשוטן מענ־טשן. אַ פֿינצטערניש אומעטום, אויסגעהאַקטע פֿענצטערס און

צעבראָכענע טירן; ליידיקע פּאַליצעס אין די געשעפטן און איבערפולטע פלעצער פון שוואַרצן מאַרק, ווו מ׳האָט געקאָנט קריגן צו קויפן די ווערטפולסטע קונסט־בילדער, צירונג פון צאַרישן אוצר, אַנטיקן און אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, אָדער אַן אָפּגעטראָגענע פּאָר הויזן און שטיוול. אינעם האָטעל־צימער, וועלכן די פאַמיליע טורקאָוו האָט מיט גרויס שוועריקייט און פּראָטעקציע געקריגן, „איז געווען פול מיט אויסגעהונגערטע שטשורעס, וואָס פלעגן זיך אָפט ביינאַכט אַריינכאַפּן אין אונ־דזערע בעטן. איינער פון אונדז האָט געמוזט צוליב דעם זיין וואַך — אַ נאַכט איבער אַ נאַכט — און האַלטן שמירה איבער די שטולן, ווו דאָס קינד איז געשלאָפן" — שילדערט טורקאָוו יענע צייט אין זיינע זכרונות.

מאָסקווע איז דאָך אויך געווען דאָס וויגעלע פון דער גרויסער רוסישער טעאַטער־קונסט. אין יענע יאָרן פון חורבן און הונגער איז זי צוריק געוואָרן די מעטראָפּאָליע פון קונסט. ס׳איז געווען אַ ווונדערלעכער מאַגאַזין פון קונסט־ווערק — אין די פּאַלאַצן פון די רוסישע אַריסטאָקראַטן און אין די מו־זייען. איז זיגמונט געווען נישט צו זאַט, דערפאַר האָט ער זיך געקאָנט זעטיקן מיט אוצרות פון קונסט. ס׳איז פאַר אים ממש געווען אַ גן־עדן דאָס באַזוכן מוזייען און קונסט־גאַלע־ריעס, די טעאַטער־פאַרשטעלונגען אין פאַרשידענע מינים טעאַטערס. ביי דער זייט פון סטאַניסלאַווסקיס קונסט־טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט זיין טראַדיציאָנעלן רעפּערטואַר לויט סטאַניסלאַווסקיס שיטה און דעם אַלטן „מאַלי", וואָס איז שטענדיק געווען אַ זאַמלאָרט פון גרויסע אַקטיאָרישע טאַ־

לאַנטן, האָבן געווירקט טעאַטערס, ווו ס׳האָבן געברויזט פאַר־שידנאַרטיקע שטורמערס פון אַלטע טעאַטער־פאָרמען: מייערכאָלד, טאַיראָוו, וואַכטאַנגאָוו א.אַ. ס׳איז געווען די צייט פון „זוכענישן, געוואָגטע פּרוּוון און קאַרקברעכערישע פאָרמעלע המצאות, וואָס דאָס נאָך־רעוואָלוציאָנערע טעאַטער האָט דורכגעמאַכט, אַ פּראָדוקט פון דער צייט, אַ פּועל־יוצא פון איר שטורמישן ריטם און פון כסדרדיקן זוכן אַ פּאַסיקע פאָרם פאַר דעם נייעם אינהאַלט" — כאַראַקטעריזירט עס טורקאָוו אין זיינע זכרונות פון אַ שטורמישער צייט. ס׳איז געווען וואָס צו זען און ביי וועמען זיך צו לערנען.

אַ חוץ באַוווּנדערן קונסט־ווערק, דאַרף מען לעבן אויך. און פאַר אַן אַקטיאָר לעבן — אין אַלע פּרטים — מיינט: שפּילן. שפּילן אין מאָסקווע איז געווען אַ גרויסע אַחריות און איבערלעבעניש. נישט בלויז פאַרן יונגן טורקאָוו, נאָר פאַר אסתר רחל קאַמינסקאַ אַליין אויך. בעת אירע גרויסע פאַר־מלחמהדיקע טריומפן אין רוסלאַנד, האָט זי נישט זוכה געווען אין מאָסקווע צו שפּילן. זינט גאָלדפאַדענען, אין אָנהייב אַכציקער יאָרן, האָט מען דאָרט נישט געשפּילט קיין יידיש. די הייליקע רוסישע שטאָט איז געווען פאַרמאַכט פאַר יידן און פאַרהאַמערט פאַר יידיש טעאַטער. איז די שפּאַנונג צוליב די פאָרשטייענדיקע פאָרשטעלונגען געווען גרויס, קיין טעאַטער־זאַל איז אָבער נישט געווען צו קריגן. אַלע טעאַטער־בנינים און זאַלן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט ווי עס איז צו־פּאַסן פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען, זענען געווען פאַרנומען דורך די ווירקנדיקע טעאַטערס און סטודיעס, וואָס זענען

אויסגעוואַקסן ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן. זייער אימפּרעסאַריאָ איז קוים מיט צרות געלונגען צו קריגן אויף אַ געוויסער צאָל פֿאָרשטעלונגען דעם גראַנדיעזן זאַל פֿון „שפּיגל־טעאַטער", וואָס האָט אַמאָל געדינט פֿאַר זומערדיקע אָפּערן־אויפֿירונגען. אַ בינע, ווו מ'האָט געקאָנט אַרומפֿאָרן מיט פֿערד און וואָגן, אַ זאַל מיט אַ שוידערלעכער אַקוסטיק. זענען געווען גרויסע צרות, אָנשטאָט דעם דערוואַרטן דערפֿאָלג.

האָט מען ווידער געקאָנט באַזוכן טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען ביי אַנדערע, צווישן אַנדערע — די אַלטע פֿריינד פֿון „הבימה". נחום צמח האָט געהאַט דערוואָרבן אַ קליינעם בנין פֿאַר זיין באַנייטער סטודיע און געפֿירט אַן אינטענסיווע אַרבעט מיט דער הילף פֿון די גרויסע רוסישע מייסטערס — קאָנסטאַנטין סטאַניסלאַווסקי און יעווגעני וואַכטאַנגאָוו. זיגמונט האָט באַזוכט אייניקע לעקציעס אין „הבימה", רעפּעטיציעס פֿון דער נייער ווערסיע פֿון דוד פּינסקיס „היהודי הנצחי" און באַקומען פֿון צמחן אַ פֿאָרשלאָג צו פֿאַרבלייבן מיט דער פּרוי ווי מיט־גלידער פֿון „הבימה"־קאָלעקטיוו. דאָס איז געווען זייער אַ לאָקערנדיקער פֿאָרשלאָג, ווייל „הבימה" האָט גענאָסן פֿון דער פֿולסטער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג, ווי אַלע קינ־סטלערישע סטודיעס אין דער שטאָט. דאָס איז אָבער געווען פֿאַרבונדן מיט אָפּזאָגן זיך פֿון געדאַנק אהיימצופֿאָרן. און אויף דעם האָבן זיי נישט געקאָנט איינגיין.

איז ווידער געבליבן צו געזעגענען זיך מיט מאָסקווע און לאָזן זיך אויפֿן וועג אַ היים... דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט. וואָס נענטער אַ היים, אַלץ נענטער איז געווען צום

פראַנט, ווו ס׳האָט געפלאַקערט די פויליש־סאָוויעטישע מלחמה. איז יעדער אַרויספאָר פון מאָסקווע געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, ספּעציעלע דערלויבענישן, פּאַפּירלעך, וועלכע ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט אַרויסצובאַקומען. צו הילף אסתר רחלען מיט איר טרופּע איז געקומען דער אויטאָריטעט פון בילדונג־קאָמיסאַר אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי. ער האָט געשאַפן פאַר דער טרופּע די מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן קיין וויטעבסק, נאָענט צום פויליש־סאָוויעטישן פראָנט. פון דאָרט האָבן זיי געהאָפט צו דערקלייבן זיך קיין פּאָלאָצק, וואָס איז דאַן געווען אַ פעסטע גרענעץ־פּאָזיציע צווישן רוסלאַנד און פוילן. איבערן טייך גלובאָקע, וואָס איז דאָרט פאַרבייגעשוווּמען, פלעגט פאָרקומען אַן אויסטויש פון פּליטים צווישן פוילן און רוסלאַנד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורכן רויטן קרייץ. איינמאָל אין וואָך האָט מען איבערגעריסן די קעגנזייטיקע באַשיסונג, אויסגעביטן פּליטים, וועלכע האָבן געהאַט געהעריקע דאָקומענטן.

פלענער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין יענע יאָרן און באַדינגונגען, זענען שטענדיק געווען אילוזאָריש. אַזוי איז געשען מיט דער טרופּע, וואָס האָט זיך געלאָזט אַ היים. ווי נאָר די קולטור־אָפּטיילונג פון וויטעבסקער ראַט איז געוווּיר געוואָרן, אַז אין שטאָט ווײַלט אסתר רחל קאַמינסקאַ מיט איר טרופּע, האָט מען זיי קודם־כל פאַרהאַלטן אויף דריי פאָרשטעלונגען. נאָכן דערפאָלג פון די דריי פאָרשטעלונגען איז ווידער באַשלאָסן געוואָרן: די טרופּע מוז בלייבן אויפן גאַנצן סעזאָן אין וויטעבסק און צוגרייטן דאָרט דעם באָדן פאַר אַ יידיש

מלוכה־טעאַטער. זיי האָבן באַקומען צו דער דיספּאָזיציע אַ פּאַסיקן זאַל, באַקוועמע דירות פאַר אַלע אַקטיאָרן, אַלע פּריי־ווילעגיעס, וואָס קונסט־אַרבעטער האָבן באַקומען פון דער ראַטן־מאַכט, אַזוי איז די טרופּע צופעליק פאַרבליבן אין מאַרק שאַגאַלס וויטעבסק דעם ווינטער 1919־1920.

פאַרן יונגן קינסטלער האָט זיך געעפנט אַ נייער אַרבעט־געביט. קודם־כל זענען אידאַ קאַמינסקאַ און ער באַשטימט געוואָרן ווי די רעזשיסערן פון נייעם טעאַטער. אַ חוץ דעם האָט טורקאָוו איבערגענומען די אָנפירונג פון דער דאָרטיקער סטודיע, געוואָרן דער לערער פון דיקציע אין דער העכערער גרופּע, ווי אויך פון טעאַטער־געשיכטע. אַ ניי פעלד פון שאַ־פערישער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט. זיין ערשטע רעזשיסע־רישע אַרבעט איז געווען לעאָניד אַנדרעיעווס „דער געדאַנק״, אין וועלכער ער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל, ד״ר קערזשענ־צעוו, וואָס איז געוואָרן איינע פון זיינע באַדייטנדיקסטע קרעאַ־ציעס. אין דעם נעוראָטישן, טעמפּעראַמענטפולן, פאַרליבטן און צום סוף — משוגענעם וויסנשאַפטלער, האָט ער געפונען אַ פּאַסיק פעלד אויסצולאָדן זיין גרויסן סצענישן טעמפּעראַ־מענט און צו באַווייזן די רעזולטאַטן פון זיינע פּסיכאָלאָגיש־סצענישע גריבלענישן.

אין וויטעבסק — מיט די אַקטיאָרן, צוזאַמען מיט דער סטודיע — האָט דער יונגער רעזשיסער געמאַכט זיינע ערשטע פּרוּוון פון מאַסן־אויפירונגען, פאַרשטעלונגען מיט פאַרביקע מאַסן־סצענעס, וועלכע זענען מיט דער צייט געוואָרן די

שטאַרקסטע זייט פון זיין רעזשי־קונסט. אַזאַ פאָרשטעלונג איז געווען די באַאַרבעטונג פון מאַרק אַרנשטיינס „ווילנער באַ־לעבעסל" און קאַרל גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ", מיט אים אין דער ראָל פון אוריאל. זינט דאַן איז די ראָל אַריין ווי אַ וויכטיקע פאָזיציע פון זיין רעפערטואַר. די מערהייט געשפּיל־טע פּיעסן פון יענעם סעזאָן האָט ער אַליין איבערגעזעצט, אָדער בשותפות מיט אידאַ קאַמינסקאַ. צווישן זיי: אָקטאַוו מירבאָס „זשאַן און מאַדלענאַ" (ער האָט געשפּילט דעם פּאַב־ריקאַנט אַרגאַן), אַלעקסאַנדער דימאַס „קין" (די טיטל־ראָל). אַ חוץ דעם האָט ער געפירט אַן אינטענסיווע פּעדאַגאָגישע און רעזשיסערישע אַרבעט מיט דער בלויזער סטודיע, מיט וועלכער ער האָט צוגעגרייט סצענעס פון יידישע קלאַסיקערס, פראַגמענטן פון שעקספּירס „מאַקבעט" א.אַ. „די אַרבעט מיט דער סטודיע האָט מיר געדינט ווי אַן עקספּערימענטאַלער וואַרשטאַט פאַר מיין שפּעטערדיקער רעזשיסערישער טעטי־קייט. איך האָב אין איר געזוכט וועגן פון דערנענטערן זיך צום אַקטיאָר און מיטלען אויסצוגעפינען אין אים דעם געהע־ריקן צוגאַנג צו זיין ראָל" — דערציילט ער אין זיינע „טעאַ־טער־זכרונות".

פרילינג 1920 פאַרענדיקט זיך דער שיינער טעאַטער־סעזאָן אין וויטעבסק, ווייל מ'דאַרף זיך לאָזן אין וועג אַהיים. אַן עטאַפּ אויפן וועג אַהיים איז געווען דאָס שטעטל נעוועל — אַן אָרט צווישן אָזיערעס, רייך אין פיש, במילא אַ וויכטיק צוציונג־אָרט אין יענע הונגער־יאָרן. שפּילט מען אייניקע וואָכן אין נעוועל, כדי זיך אָנצונעמען מיט כוחות פאַרן ווייַ־

טערדיקן וועג. און פון דאָרט איז שוין אַ קאַצן־שפּרונג צום גרענעץ־פּונקט פּאָלאָצק. כדי אָנצוקומען קיין פּאָלאָצק מוז מען פֿאַרבײַפֿאָרן אַן אָפּענעם געביט ביים טייך גלובאָקע — אַן אָרט וואָס איז כסדר באַשאָסן געוואָרן דורכן פּוילישן מי־ליטער. האָט דער לאָקאָמאָטיוו געמוזט זיין אַ געפּאַנצערטער און אין די וואַגאָנעס האָט מען אויפגעשטעלט באַריקאַדעס פון די קאַסטנס מיט זאַכן, טשעמאָדאַנעס. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די פּאָדלאָגעס — צו זייער מזל. וואָרים פאַרן צופאָרן קיין פּאָלאָצק זענען די וואַגאָנעס צעלע־כערט געוואָרן פון פּוילישע קוילן. נייערט די גאַנצע טרופּע איז בשלום אָנגעקומען אין דער חרובער, צעשאָסענער שטאָט אַריין.

פּאָלאָצק איז כסדר געווען אונטער אַ האָגל פון קוילן. די גאַסן־קרייצונגען האָט מען געמוזט פאַרביילויפן איינגע־בויגן, יעדע רגע זיך פאַרבאַהאַלטן אין בלאָטיקע גריבער, ווען ס׳האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן אַ שיסעריי. די אָרטיקע באַפעלקערונג איז אַזוי שטאַרק געווען צוגעוווינט צו דער באַשיסונג, אַז אין זאַך האָט איר בלויז געפעלט: טעאַטער. און ווייל ס׳האָט זיך געמאַכט אַזאַ גוטע געלעגנהייט — אסתר רחל קאַמינסקאַ מיט איר טרופּע — מוז מען זען ביי זיי אַ פאָרשטעלונג. מעג זיין אַפילו אַ בייטאָגיקע. מ׳האָט שוין צו־געגרייט דעם גרויסן זאַל פון די באַן־אַרבעטער. איי מ׳שיסט? — דאַרף מען זיך בלויז האַלטן נאָענט צו די מויערן, גיין איינגעבויגן, פאַרביילויפן די גאַסן־קרייציקונגען, ס׳איז גאַנץ פשוט. „איבעריקנס — האָבן זיך געוויצלט די דאָרטיקע

קולטור־טוערס — קוילן מיידן אויס אַקטיאָרן. זיי האָבן דרך־ארץ פאַר דער קונסט".

צו דער איבעראַשונג פון די אַקטיאָרן איז דער גרויסער זאַל פון די באַן־אַרבעטער געווען פול געפּאַקט און דער עולם, אַפילו דער שטייענדיקער, האָט מיט גרויס שפּאַנונג אויסגעהערט און הנאה־געהאַט פון ליבינס מעלאָדראַמע „גאָטס שטראָף". איבערן אייזערנעם דאַך פון בנין האָט מען געהערט זיך קייקלען די קוילן פון די פּוילישע ביקסן — דערצו איז דער עולם געווען געוווינט פון לאַנג און די אַקטיאָרן האָבן זיך צוביסלעך צוגעוווינט. דאַקעגן האָט אַ קליי־ניקייט שיעור נישט צעשטערט די גאַנצע שמחה: אין לעצטן אַקט דאַרף זיך הינטער די קוליסן דערהערן אַ רעוואָלווער־שאָס. געוויינלעך פּלעגט מען עס תמיד מאַכן מיט אַ בלינדער קויל, כדי ס'זאָל חלילה קיינעם נישט באַשעדיקן, ס'זאָל בלויז געבן דעם נייטיקן קלאַנג. אָבער ווען דער שאָס האָט זיך דערהערט האָט פּלוצלינג באַהערשט דעם עולם אַ ווילדע פּאַניק: מ'איז געשפּרונגען דורך די פענצטערס, איבער די בענק, איינער איבערן אַנדערן. געשטויסן זיך, געשטופּט, געשריגן, ספּאַזמירט. געשרייען פון אַרומזוכן זיך, געוויינען פון פרויען און קינדער, קרעכצעניש פון צעקלאַפּטע און צעשלאָגענע.

מיטן אַהיימפאָרן האָט זיגמונט אָפּגעוואַרט אויף זיין ברודער יאָנאַס, וועלכער איז געהאַט פאַרבליבן אין כאַרקאָוו און דאָרט איבערגעלעבט אַ צייט פון די שוידערלעכסטע מלחמה־גרוילן און קראַנקייטן. איז אסתר־רחל מיט דער טרו־

פּע געפֿאָרן דערוויל שפּילן אַביסל ווייטער פֿון פּראָגט און זיגמונט מיט זיין פֿרוי און קינד זענען צוריק אַריינגעפֿאָרן קיין נעוועל, כּדי דאָרט איבערצוּוואַרטן אויף דער מעגלעכ־קייט אַהיימצופֿאָרן. סתּם וואַרטן האָט מען זיך אָבער נישט געקאָנט פֿאַרגינען, האָבן זיי — צוזאַמען מיט יאָנאַסן און מיט דער דאָרטיקער סטודיע — אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַ־טער: פּרץ הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע" און אייניקע איבערגעזעצטע פּיעסן, וואָס האָבן שפּעטער יאָרנלאַנג גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין זייער רעפּערטואַר, ווי סאָפֿיאַ ביעלאַיאַס „ווען דער טייוול לאַכט", „שמשון" פֿון אַנרי בערנ־שטיין א.אַ. אין נעוועל איז זיי אויך אויסגעקומען צו שפּילן יידיש טעאַטער אויף רוסיש. ס'האָט דאָרט געווירקט אַ רוסי־שע סטודיע, האָט דער רעזשיסער פֿון דער סטודיע זיך גע־מאַכט אַ בענעפֿיס, געשטעלט גאָרדינס „שחיטה" און פֿאַרבעטן די יידישע קאָלעגן מיטצושפּילן. האָבן זיי אימפּראָוויזירט די רוסישע איבערזעצונג פֿון זייערע אַלטע יידישע ראָלן.

אומגעריכט האָט זיך דער פֿראָנט דערווייטערט פֿון יענע מקומות. די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכן אַנדערן, כּסדר אַלץ ווייטער געשטויסן די פּוילישע כּוחות פֿון די רוסישע געביטן. בודיאָניס רייטערס האָבן דערגרייכט אַזש ביז די פּעריפֿעריעס פֿון וואַרשע. קומט אויס אויפֿסניי צו וואַנדערן, אַריינצוקומען אין די שטעט וואָס זענען נאָרוואָס באַפֿרייט געוואָרן פֿון די פּאָליאַקן, צווישן אַנדערע אין אַזאַ וויכטיקן יידישן צענטר, ווי מינסק. אומעטום שפּילט מען דערוויל, ווו און ווי אַזוי ס'לאָזט זיך, אָבער אַלץ דעם אַלטן

רעפּערטואַר, אַבי איבערצוקומען, אַבי ווייטער זיך לאָזן אין וועג אַריין — נענטער אַהיים. און די נאָענטסטע שטאָט צו פּוילן אויף יענער זייט איז דאַן געווען ווילנע. די שטאָט איז אָבער געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער ניי־אַנטשטאַנענער ליטווישער רעפּובליק, מוז מען האָבן ספּעציעלע דערלויבע־נישן אַריינצוקומען אַהין. דאָס געלינגט זיי צו באַקומען אַ דאַנק דער הילף פונעם באַקאַנטן פּוילישן רעוואָלוציאָנער, דעם קאָמיסאַר אונשליכט.

קיין ווילנע מוז מען פאָרן מיט אָקס, גיין צופוס — דורך אויפגעריסענע בריקן, צעשטערטע וועגן, וואָס האָבן אין נאָר־מאַלע צייטן נישט געהערט צו די בעסטע. אין אייניקע ערטער — דורך פלאַכע וואַסערן. די מענער האָבן גענומען אויף זיך די פּרויען, קינדער און דעם באַגאַזש און אַזוי האָט מען זיך פאָרויסגערוקט, ביז ס׳איז זיי ענדלעך געלונגען צו דער־שלאָגן זיך קיין ירושלים ד׳ליטא. דאָרט איז מען געווען כמעט אין דער היים. אַלטע באַקאַנטע, פאַרערערס פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. אַ ברויזנדיקע יידישע קולטור־סביבה, מיט אַ באַדייטנדיקער אינטעליגענץ. די שטאָט האָט וואָס אַן אמת איבערגעלעבט כסדרדיקע אויפטרייסלונגען, אַריבער פון האַנט צו האַנט, פון רעזשים צו רעזשים. ביי יעדן איבערגאַנג האָט זיך געגאָסן אַביסל יידיש בלוט. מיט אַ קורצער צייט פריער, בעת דער פּוילישער הערשאַפט, איז דאָרט פאָרגע־קומען אַ שטיקל פּאָגראָם, בעת וועלכן ס׳איז דערשאָסן גע־וואָרן דער באַקאַנטער שרייבער, דער טעאַטער־טוער און דראַ־מאַטורג א. ווייטער. איצט האָט מען ווידער אָנגעזאָגט אַ

פרישע דערנענטערונג פון פוילישן מיליטער צו ווילנע. די ליטווינער הייבן זיך אָן שטילערהייט צו עוואַקויִרן. אסתר־רחל פּאָרט אויף קורצע גאַסטשפּילן קיין קאָוונע, אין דער צייט ווערט די שטאָט פאַרנומען דורך דער פוילישער אַרמיי פון גענעראַל זשעליגאָווסקי. די פאַמיליע טורקאָוו נוצט אויס די ערשטע קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן, כדי ענדלעך צוריק־צוקומען אין דער היימשטאָט, קיין וואַרשע, סוף 1920.

ו

וואַרשע האָט קוים געהאַט אָפּגעאָטעמט נאָך דער סכנה פון סאָוויעטישן אַריינדרינגען — ערשט געציילטע חדשים פריִער זענען בודיאָניס רייטערס געווען אויף די פּעריפעריעס פון דער פוילישער הויפּטשטאָט. די דיפּלאָמאַטיע פון ביידע צדדים האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום, מ׳האָט אויסגע־טוישט מלחמה־געפאַנגענע — גאַנצע מחנות זענען אַריבער פון איין צד צום צווייטן — און דאָס פוילן־לאַנד האָט אָנגע־הויבן צו פאַרהיילן די ווונדן, דאָס לעבן האָט זיך צוביסלעך סטאַביליזירט. דאָס איז קענטיק געווען אויך אין יידישן טע־אַטער. צוויי ערנסטע יידישע טעאַטערס האָבן געווירקט אין וואַרשע — קאַמינסקיס טעאַטער איז געווען פאַרנומען דורך אַ מיליטערישער קריסטלעכער יוגנט־אָרגאַניזאַציע — דאָס אַלטע „עליזעום״, ווו די „ווילנער טרופּע״ האָט געפייערט אַ נישט־געזעענעם ביז דאַן טריומף מיט ש. אַנ־סקיס „דיבוק״ אין דוד הערמאַנס רעזשי; און דאָס נייע „צענטראַל״־טעאַטער,

ווּ אַן אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו מיט א. סאַמבערג און ש. לאַנדאַו האָט געשפּילט אַ געמישטן רעפּערטואַר פון דראַמע, מעלאָ־דראַמע און אָפּערעטע.

נאָכן אָנפרייען זיך מיט דער משפחה האָבן די צוריקגע־קומענע קינסטלערס געמוזט אָנהייבן צו טראַכטן וועגן פרנסה. קיין קאַפּיטאַלן האָט מען פון דער מער ווי צוויי־יאָריקער רייזע נישט מיטגעבראַכט, צומאָל נישט — קיין לייטישע מלבושים. איז מען נאָך אַ קורצן אָפּרו אַרויסגעפאָרן שפּילן אויף דער פּראָווינץ, ביז ס'האָט זיך אונטערגערוקט אַן ערנ־סטער פאָרשלאַג פון „צענטראַל"־טעאַטער — פאַר אסתר־רחל, אידאַ און זיגמונטן. דאָס לאָקנדיקסטע אין דעם פאָר־שלאַג איז געווען: זיגמונט איז געוואָרן איינער פון די רעזשי־סערן אין אַנסאַמבל. דערמיט הייבט זיך אָן די גלאַנץ־תקופה פון „צענטראַל"־טעאַטער, ווי אויך דער גרויסער אויפשטייג פון זיגמונט טורקאָוון — סיי ווי אַן אַקטיאָר, סיי ווי אַ רעזשיסער. „צענטראַל" איז דורך דעם געוואָרן די צווייטע וויכ־טיקע יידישע טעאַטער־פּאָזיציע אין פּוילן נאָך דער „ווילנער טרופּע".

דער רעזשיסערישער דעביוט פון טורקאָוון איז געווען אין אַן אָריגינעלער יידישער פּיעסע — אַלתר אייזנשלאָסעס „כסא הרבנות". דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דרך אין טעאַטער בכלל, ווּ נאָר ער איז געקומען און ווּ נאָר ער האָט געווירקט: מקרב צו זיין יונגע טאַלאַנטן, לאָזן קו־מען צום סצענישן אויסדרוק דער אָריגינעלער דראַמאַטורגיע. בקרוב קומט זיין ערשטער גרויסער נצחון — אַקטיאָריש און



אין דער ראָל פון האַרפּאַגאָן אין מאָליערס „דער קאַרגער"

רעזשיסעריש — מאַליערס „דער קאַרגער". מיט דער אויפֿי־
רונג האָט ער בכלל אַריינגעפֿירט אַ רעזשיסערישע נייעס אין
יידישן טעאַטער, לויט דער לערע פֿון גלאַגאָלינען: ער איז
געקומען צו די פּראָבן מיט אַ פּאַרטיקן, באַאַרבעטן רעזשי־
בוך, אין וועלכן יעדע ראָל און יעדע סצענע זענען געווען
פּרטימדיק אויפֿגעקלערט און אָנגעצייכנט. ער האָט אַליין
פּראָיעקטירט די דעקאָראַציעס — ס'האָבן זיך דערוועקט אין
אים זיינע מאָלערישע שוואַכקייטן — אויך אַ נייעס אַן און
פֿאַר זיך: אַ מאָדערנע, נייטראַלע ראַם, מיט אַ מינימום פֿון
מעבל, בלויז קוואַדראַטע בענקלעך, אַריינגעקאָמפּאָנירט אין
דער קאָנסטרוקציע פֿון דער בינע. אויף דעם נייטראַלן פֿאָן
האָבן אויסגעצייכנט געשפּילט די סטיל־קאָסטיומען פֿון דער
מאָליער־תּקופֿה. די אַקציע איז טיילווייז אַרויסגעפֿירט געוואָרן
פֿון דער בינע־ראַם, אַריינגעפֿירט אין זאַל, צווישן עולם,
אויפֿן פּראָסצעניום, אין אַ לאָזשע. דאָס אַלץ איז געווען אַ גע־
וואַלדיקע אָפּפֿרישונג אין יידישן טעאַטער. רעוואָלוציאָנערע
ממש נייעסן. דאָס סאַמע דרייסטע פֿון דעם אַלעם איז אָבער
געווען: דער 24־יעריקער זיגמונט האָט אויף זיינע פּלייצעס
גענומען די פֿאַראַנטוואָרטלעכע ראָל פֿון קאַרגן האַרפּאַגאָן —
אַ ראָל, וואָס איז אין וואַרשע געשפּילט געוואָרן פֿון די
גרעסטע פּוילישע קינסטלערס און אין וועלכער ס'האָבן גאַסט־
ראָלירט אַנדערע קינסטלערס מיט אַ וועלט־נאָמען. די פּרע־
מיערע פֿון „קאַרגן", אין אויגוסט 1921, איז פֿאַרוואַנדלט גע־
וואָרן אין זיגמונט טורקאָווס גרויסן טריומף ווי אַן אַקטיאָר
און רעזשיסער, ס'האָט באַפֿעסטיקט זיין קינסטלערישע פּאָ־

זיציע אין יידישן טעאַטער, אין דעם וויכטיקסטן צענטער פון דער דעמלטדיקער יידישער טעאַטער־קונסט אין אייראָפּע, אין וואַרשע. די ראָל פון קאַרגן האַרפּאַגאָן איז פאַרבליבן אין זיין רעפּערטואַר ממש ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — ער האָט זי געשפּילט אין אַלע זיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט אין פאַרשידענע צייטן.

דערמוטיקט מיטן דערפאָלג פון „קאַרגן" האָט דער קינ־סטלער, נאָך אייניקע מינדערוויכטיקע פּיעסן פון איבערגאַנג־כאַראַקטער, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין „צענטראַל" אויף צו געבן די מעגלעכקייט אויסצושפּילן זיך די פירנדיקע אַקטיאָרן, באַשלאָסן אויפצופירן אַ זעלטן־געשפּילטע מאָליער־פּאָזיציע „די ליבע אַלס דאָקטאָר". דאָסמאָל האָט ער זיך גאָר ברייט פאַרמאָסטן — סיי מיט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, סיי מיט דער גאַנצער אויפירונג: דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף קאַמינסקי האָט אָנגעשריבן מוזיק, אַ באַלעטמייסטער האָט איינגעשטעלט טענץ — די זאַך איז געשטעלט געוואָרן ווי אַ קאָמישע באַלעט־אָפּערע אין סטיל פון די מאָליערישע הויפּ־שפּילן, געוועזן דורכגעפלאָכטן מיט סאַטירישע אַקצענטן, פריילעכע סיטואַציעס פון אַ קאָמעדיאַ דעל אַרטע־כאַראַקטער — ס'איז געווען אַ צעשפּילטע פעעריע פון ריטם, באַוועגונג, קלאַנג און הומאָר, אַ פולשטענדיקע נייעס אין יידישן טעאַ־טער, אַ זעלטנקייט אַפילו פאַרן פּוילישן טעאַטער אין יענע יאָרן. זי איז געווען קינסטלעריש שלימותדיק אין דער פאַר־טראַכטונג און סטיל, אין דער אויספירונג פון יעדן פּרט. און — זי האָט געליטן אַ שרעקלעכן דורכפאַל. דער יידישער

עולם — און אויך דער יידישער אַקטיאָר — זענען נאָך נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ פֿאָרשטעלונג. „ס׳איז אַ פּורים־שפּיל״ — האָט מען געטענהט, אַ חוזק פֿון עולם. און די על־טערע טעאַטער־קאָלעגן, וואָס האָבן מקנא געווען די ביז־איצטיקע דערפֿאָלגן פֿון „יונגערמאַנטשיק״, אָדער גאָר „דאָס יינגל״, האָבן זיך געפּאַטשט אין בויך פֿאַר שמחה. אָן אַנ־טוישטער האָט זיגמונט פֿאַרלאָזט דעם „צענטראַל״־טעאַטער, איבערגעגאַנגען מיט אידען צו דער „ווילנער טרופּע״, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן צו שפּילן אין באַפּרייטן קאַמינסקי־טע־אַטער.

ביי די „ווילנער״ זענען זיי בלויז אויפגעטראָטן אין צוויי פּיעסן — אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט״ און שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה״ — וואָס זענען נישט דערגאַנגען צום עולם אינעם ריזעדיקן האָל פֿון קאַמינסקיס טעאַטער, מיט דער שוידערלעכער אַקוסטיק. די „ווילנער״ זענען געווען אַ צונויפּ־געשפּילטער קאָלעקטיוו, געשפּילט אין אַ פֿרעמדן פֿאַר די וואַר־שעווער אַקטיאָרן דיאַלעקט און די טורקאָווס האָבן זיך דאָרט געפֿילט פֿרעמד. און ווייל דער קאָלעקטיוו פֿון „צענטראַל״־טעאַטער האָט נאָך אַ קורצער צייט געזוכט שלום צו מאַכן מיט זיי, צוריק זיי פֿאַרבעטן אין זייער אַלטער היים און צוגעגעבן דערביי אַ שאַנס פֿאַר זיגמונטן: רעזשיסירן גאָגאָלס „רעווי־זאָר״, וואָס האָט זיך געפּונען אויפן וואַרשטאַט פֿון טעאַטער און שפּילן די ראָל פֿון כלעסטאַקאָוו, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין דעם שלום־פֿאָרשלאַג. דער „רעוויזאָר״ איז געוואָרן טור־קאָווס אַ נייער דערפֿאָלג — ווי דער רעזשיסער פֿון דער

פאַרשטעלונג — און ער האָט דעם „רעוויזאָר" יאָרן שפּע־טער אויפגעפירט מיט פאַרשידענע אַנסאַמבלען אין פאַר־שידענע לענדער (שפּעטער געשפּילט די ראָל פון גאָראָדני־טשי) אין יידישע טעאַטערס און לסוף אויך אינעם בראַזיליאַ־נער טעאַטער.

אָנהייב 1922 זענען אויפסניי אויפגעשוווּמען רעפּערטואַר־שוועריקייטן אין „צענטראַל"־טעאַטער, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין יידישן טעאַטער און נישט בלויז אין יידישן. מ'האָט געשפּילט דעם אַמעריקאַנער פאַרס „פּאָטאַש און פּערלמוטער" (סאַמבערג־טורקאָוו), די ווינער קאָמעדיע „ד"ר שטיגליץ" א.אַ. ס'האָט זיך אונטערגערוקט די גוטע וואָך פון סעזאָן — פּסח — און ס'איז נישט געווען וואָס צו שפּילן. האָט מען באַשלאָסן אויף יום־טוב אויפצופירן אויף דער גיך שלום אַשס „מאָטקע גנב", רעזשיסירט פון ש. לאַנדאַו און ז. טורקאָוו. אומגעריכט איז די דאָזיקע פאַרשטע־לונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייטערדיקן גראַנדיעזן דער־פאָלג פון יידישן טעאַטער — אַ צווייטן נאָכן „דיבוק". — די סיבה איז מן־הסתם געווען אין אַ גרויסער מאָס דער פּיקאַנ־טער שטאָף פון אַשס פּיעסע, אָבער אויך נישט אין אַ קלע־נערער מאָס — די קאָנצערט־שפּיל פון גאַנצן אַנסאַמבל מיט א. סאַמבערגן (מאָטקע) און קלאַראַ סעגאַלאָוויטש (מערי). זיגמונט האָט אין דער פאַרשטעלונג געהאַט אויך אַן אַקטיאָ־רישן דערפאָלג אין דעם עפּיזאָד פון פּריץ — אַ נייע אויפ־לאַגע פון דער געשטאַלט, וואָס ער האָט געהאַט געשפּילט אין כאַרקאָוו ביי גלאַגאָלינען אין רוסישן טעאַטער.

אין גרעסטן ברען פונעם דערפאָלג פון „מאָטקע גנב״ האָט געוויילט אין וואַרשע דער באַקאַנטער שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו, וועלכער האָט איבערגעגעבן אין „צענטראַל״־טעאַטער אַ דראַמאַטיזאַציע פון זיינעם אַ ראָמאַן פונעם לעבן פון דער אַמעריקאַנער יידישער אונטערוועלט „הייס בלוט״, וואָס האָט זיך אין געוויסע פּרטים איבערגערופן מיט „מאָטקע גנב״. איז עס געווען אַ שטיקל איבערחזרונג, דראַמאַטורגיש שוואַכער. די איבערחזרונג איז נאָך אונטערגעשטראָכן געוואָרן דערמיט, וואָס די צוויי הויפּטראָלן האָבן געשפּילט די זעלבע צוויי אַקטיאָרן, וואָס אין „מאָטקע גנב״. די פאָרשטעלונג איז אין משך פון געציילטע וואָכן אַראָפּ פון רעפּערטואַר. זיגמונט טורקאָוו האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין אַ קינסטלערישן טעאַטער מוז דער רעפּערטואַר זיין פּלאַנירט פון פאָרויס, פאַרשידנפאַרביק, אָן איבערחזרונגען. צו דעם צוועק איז נייטיק אַ פאַסיקער אַנסאַמבל, ווו ס׳זאָלן האָבן אַן אָרט יונגע אַקטיאָרישע כוחות, וויליקע צו עקספּערימענטן און זוכענישן. דערפאַר איז ער אַרויסגעטראָטן פונעם קאָלעקטיוו פון „צענטראַל״ און צונויפגעשטעלט אַזאַ אַנסאַמבל פון יונגע כוחות דער עיקר. מיט דעם אַנסאַמבל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַרבעטן אין ווילנע, וואָס האָט געהאַט רייכע טראַדיציעס פון טעאַטער־זוכענישן.

אָנגעהויבן האָט דער נייער אַנסאַמבל אין ווילנע מיטן „קאַרגן״ און ס׳האָט זיך איבערגעחזרט דער וואַרשעווער דערפאָלג — אויפן ווילנער שטייגער ד. ה. די ווילנער יידישע שולן און גימנאַזיעס זענען געוואָרן מיטבאַטייליקטע

אינעם דערפאַלג. פאַר זיי זענען געשפּילט געוואָרן ספּעציעלע פאָרשטעלונגען און אין די שולן זענען פאָרגעקומען לעקציעס וועגן דער פאָרשטעלונג, וועגן מאָליערן און וועגן יידיש טעאַטער. ווייטער איז אַוועק אַ סדרה פון אסתּר־רחלס רעפּער־טואַר, זייערע אייראָפּעאישע פּיעסן, ווי „נאָראַ״ ״שמשון״ פון אַנרי בערנשטיין און ס׳איז צוגעגרייט געוואָרן די אויפטריט־פּיעסע פאַר אסתּר־רחלען אין וואַרשע — אָסטראָווסקיס „אומ־שולדיק שולדיקע״. גלייכצייטיק האָט טורקאָוו געאַרבעט מיטן קאָלעקטיוו איבער אַ נייער דראַמאַטיזאַציע פון לעאָניד אַנ־דרעיעווס דערציילונג וועגן „די זיבן געהאָנגענע״ און גע־גרייט זיך אויפצופירן זיינע אַ באַליבטע פּיעסע — יעזשי זשולאַווסקיס „שבתי צבי״. צו דער אויפפירונג פון דער פּיעסע איז אָבער נישט געקומען אין ווילנע צוליבן גרויסן דערפאָלג פון „די זיבן געהאָנגענע״. מיט דעם קאַפּיטאַל פון געפּלאַנטן און צוגעגרייטן רעפּערטואַר איז דער אַנסאַמבל צוריק אַריינגעפאָרן אין וואַרשעווער „צענטראַל״־טעאַטער, ווו ס׳זענען צוקאָאָפּטירט געוואָרן אייניקע עלטערע אַקטיאָרן פון פריערדיקן אַנסאַמבל, ווי ש. לאַנדאַו, מ. און ב. ליפּמאַן, ד. לעדערמאַן, וו. גאָדיק א.אַ.

„אומשולדיק שולדיקע״ איז אין וואַרשע געוואָרן בלויז אַן איבערגאַנג־פּיעסע מיט אַ ראָל פאַר אסתּר־רחלען. גערעכנט האָט מען, אַז אויך „די זיבן געהאָנגענע״ וועט זיין בלויז אַן איבערגאַנג־פּיעסע און דעם גאַנצן טראָפּ האָט מען געלייגט אויף די צוגרייטונגען צו „שבתי צבי״. אומגעריכט האָט אָבער די אויפירונג פון „זיבן געהאָנגענע״ אַזוי אָנגעריסן, אַז

די פרעמיערע פון „שבתאי צבי" איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. גלייך אויף דער פרעמיערע האָט דער עולם און די קריטיק פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז די איינדרוקפולסטע און רירנדיקסטע נישט־יידישע פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער פאַר די לעצטע יאָרן. מיט די באַשיידנסטע אויסערלעכע מיטלען, בלויז מיט דער אַטמאָספער, טאָן און איבערלעבונג פון אַקטיאָרן, איז דערגרייכט געוואָרן אַן אומגעוויינלעכער רושם און די פאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן חדשים־לאַנג מיט נישט קיין אָפּגעשוואַכטן דערפאָלג. צום ערשטן מאָל נאָכן „דיבוק" האָט זיך די ערנסטע פּוילישע טעאַטער־קריטיק ווידער פאַראינטערעסירט מיט יידיש טעאַטער און געשריבן וועגן זיינער אַ פאָרשטעלונג באַגייסטערטע אָפּרופן. דער גרויסער פּוילישער בינע־קינסטלער אַלעקסאַנדער זעלווערָאָוויטש, וועלכער האָט געפירט אַ קורס אין דער מלוכהשער טעאַטער־שול, איז מיט זיינע תלמידים געקומען זען די פאָרשטעלונג, אַנאַליזירט זי פאַר די תלמידים. ער איז בכלל געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער — צוזאַמען מיט זיינע תלמידים — פון טורקאָווס פאָרשטעלונגען. דאָס פּוילישע טעאַטער האָט אַפילו פאָרגעשלאָגן זיין געוועזענעם מיטאַרבעטער, זיגמונט, ער זאָל אויפירן אויף פּויליש די „זיבן געהאָנגענע" און שפּילן מיט זיי זיין ראָל מישקע ציגאַניאַק. ער האָט זיי אָבער געדאַנקט פאַרן כבוד.

דער דערפאָלג פון די „7 געהאָנגענע" איז געווען סיי אַ רעזשיסערישער, סיי אַן אַקטיאָרישער. קודם־כל פון זיגמונטן, נייערט מיט אים אויך פונעם גאַנצן גלענצנדיק־צו־

מישקאַ ציגאַניאָק

אין לעאָניד אַנדרעיעווס „די זיבן געהאָנגענע״

נויפגעשפילטן אַנסאַמבל. וואָרים די צונויפגעשפּילטקייט פֿו־
נעם אַנסאַמבל איז געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע עלע־
מענטן פֿון רעזשיסערס נצחון. חוץ דעם האָט ער באַוויזן צו
שאַפֿן די נייטיקע גרויל־שטימונג פֿון דער רוסישער אונטער־
דריקונג־מאַשין, וועלכע האָט תמיד געזוכט משפּיל צו זיין
דעם מענטשן, פֿאַרוואַנדלען אים אין אַ שמאַטע; ס׳איז בולט
אַרויסבאַקומען געוואָרן די דערהויבנקייט פֿון די אידעאַליס־
טישע רעוואָלוציאָנערן און זייער קאָנטראַסט — די ווילדקייט
פֿון די פּשוטע מערדערס, וואָס זענען צוזאַמען מיט זיי פֿאַר־
משפּט געוואָרן, בראש מיטן וואַלד־גזלן מישקאַ, וואָס איז
דורך ז. טורקאָוו געשפּילט געוואָרן מיט אַ ברויזנדיקן טעמ־
פּעראַמענט און פֿאַסצינירנדיקער באַוועגלעכקייט פֿון חיהשן
אומרו. די דאָזיקע קאָנטראַסטן, אויפֿן פֿאָן פֿון אַן איבער־
צייגנדיק בילד וועגן דער רוסישער ווירקלעכקייט און שטיי־
גער, זענען געווען פֿון די ווירקנדיקסטע עלעמענטן אין דער
פֿאָרשטעלונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך האַרמאָניש צונויפֿגע־
גאָסן די דינסטע טענער מיט שאַרפֿע דיסאָנאַנסן.

אין משך פֿון די חדשים, וואָס „7 געהאָנגענע" איז גע־
שפּילט געוואָרן, איז דערווייל אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַר־
בעט איבער „שבתאי צבי", ווייל ס׳איז אויפֿגעקומען דאָס
פּראָבלעם: וואָס וועט אסתּר־רחל קאַמינסקאַ שפּילן? אין
„7 געהאָנגענע" האָט זי געשפּילט אַ קליינעם עפּיזאָד און
מ׳קאָן נישט אַזאַ קינסטלערישע פּערזענלעכקייט סתּם מאַ־
גאַזינירן אין אַ טעאַטער. געלעזט דאָס פּראָבלעם האָט אַן
אַנטדעקטער מאַנוסקריפּט פֿון ד״ר שלמה עטינגערס „סערקע־

לע״, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט הונדערט יאָר פריער. אין דער קאָמעדיע האָט זיך געפונען אַ פּאַסיקע ראָל פאַר אסתר־רחלען — טאַקע די אשת־חיל סערקעלע — און פאַר טורקאָוון די מעגלעכקייט אויסצוסטיליזירן אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז געוואָרן איינער פון די אוצרות פון דער יידישער קולטור־קולטור־געשעענישן אינעם יידישן פוילן. ס'איז אויפגעלעבט געוואָרן איינער פון די אוצרות פון דער יידישער קולטור־ירושה, פון די וואָרצלען, פון די מקורות, וועלכע האָבן באַוויזן דעם אָפּשטאַם פון טעאַטער־קונסט ביי יידן מיט דורות פריער. זיגמונט, ווי אַן אַקטיאָר, האָט אין דער פאָרשטעלונג געשפילט דעם קליינעם עפּיזאָד פון קרעטשמער — ער האָט דערמיט באַוויזן זיין געטריישאַפט צו דער דורך אים גע־פרעדיקטער שיטה, אַז אין אַ שאַפעריש טעאַטער דאַרף אַ פירנדיקער אַקטיאָר אויך שפּילן נישט באַדייטנדיקע ראָלן. און דווקא אין דעם עפּיזאָד — ער האָט געמאַכט פון קרעטשמער אַ ליטוואַק און אויסגעשפּילט די קאָנטראַסטן מיט דער גאַליציאַנער סביבה, וועלכע איז אָפּגעשפּילט געוואָרן מיט געטריישאַפט צום דיאַלעקט, אַפילו מיטן דייטש פון משכי־לים — האָט ער דערוואָרבן זיך אָנערקענונג פאַר דער אַקטיאָ־רישער איינפאַלערישקייט זיינער.

געטריי דער ליניע, וואָס מער פאַרביק צו מאַכן דעם רעפּערטואַר, האָט דער רעזשיסער געשטעלט גלייך נאָך „סערקעלע״ אַ דייטשע פּיעסע אויף כינעזישער טעמאַטיק — יוליוס בערסטעלס „דער זינדיקער הער טשו״. דאָס איז גע־ווען אַ דרייסטער עקספּערימענט צו ווייזן דעם יידישן עולם

אַ האַנדלונג פון גאָר אַ פרעמדער וועלט, גלויבונגען, שטייגער, סטיל, אַפילו מוזיק פון שפּראַך. געשפּילט האָט ער די ראָל פון זינדיקן — אַ נייער טיפּ אין זיין געשטאַלטן־גאַלעריע, סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך. נאָך דעם איז געקומען די לאַנג צוגעגרייטע און דערוואַרטע פּרעמיערע פון „שבתאי צבי״. און מיט איר — איינע פון די אָפּטע אַנטוישונגען, וואָס טרעפן אין דער קונסט בכלל, מכל שכן אין טעאַטער: דאָס רעאַגירן פון עולם אויף דער נייער פּרעמיערע איז געווען קאַלט, כמעט גלייכגילטיק — אַ פרעמדקייט האָט געבלאָזן פון זאַל אויף דער בינע אַרויף. פאַרן קינסטלער איז עס געווען אַ ווייטיקלעכע אַנטוישונג. ער האָט די פאָרשטעלונג אויסגעחלומט אין משך פון יאָרן — די זאַך ווי אַ גאַנצע און די געשטאַלט פון שבתאי צבי ספּעציעל — און צום עולם איז עס נישט דערגאַנגען. נישט געקוקט אויף די מייסטעריש אויסרעזשיסירטע מאַסן־סצענעס אויף דער קליינער בינע און דעם אַקטיאָרס טיפן אַריינלעבן זיך אין דער געשטאַלט פון פאַלשן משיח. אַפּנים אַז אַ פ אַ ל ש ע ר משיח, אַ געפאַלענער נביא — דאָס האָט נישט אַפּעלירט צום האַרץ פון יידישן עולם. דערצו נאָך, ווען ס׳איז סערווירט געוואָרן אינעם גייסטיקן סאָוס פון „יונג־פּוילן״, פון דעקאַדענטישן סימבאַליזם און סעקסאָצענטרישקייט פון דער „נאַקעטער נשמה״, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זשולאַווסקיס דור אין דער פּוילישער ליטעראַטור. פון דעסטוועגן איז די פאָרשטעלונג אַ סך יאָרן פאַרבליבן אין טורקאָווס רעפּערטואַר — צוליב דער ראָל, וואָס איז אים אַזוי ליב געווען — און דער גרויסער

מאַנאָלאָג פון שבתאי אזי געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע פּאָזיציעס אין זיינע קאָנצערט־אויפטריטן.

אַ ווייטערדיקער דרייסטער עקספּערימענט איז געווען די אויפירונג פון מענדעלעס „פּריזיוו״. ווידער איז עס געווען אַ פּרוּוו אויסצונוצן די קולטור־ירושה פון אונדזער קלאַסיק, אַן אַלט יידיש טעאַטער־ווערק — אויך דערלאַנגט אין אַ מאָ־דערנער טעאַטער־ראַם. דער רעזשיסער האָט די האַנדלונג דורכגעפלאָכטן מיט פּורים־שפּילערישע אינטערמעדיעס, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון י. מ. ניימאַן, אַרויסגעפירט פראַגמענטן פון אַן אַלטער פּורים־שפּיל אויף דער בינע. דאָס האָט אָבער אַלץ נישט נושא חן געווען ביים וואַרשעווער עולם. עפּעס האָט מען געמיינט, אַז דאָס מאַכט מען חוזק פון זיי, מ׳האָט אַלץ נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז פּורים־שפּיל איז דער מקור פון יידיש טעאַטער. האָט טורקאָוו ביי דער נאָענטסער פאָרשטעלונג באַשלאָסן איבער־צורייסן מיטן עקספּערימענטירן: שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער״ האָט ער געשטעלט אַן פּרעטענזיעס, טראַדיציאָ־נעל־רעאַליסטיש, מיט מעלאָדראַמאַטישע אַקצענטן פון דער דראַמאַטיזאַציע. אַ מעלה האָט אָבער די פאָרשטעלונג געהאַט מיט אירע ראָלן, קודם־כל — גאָלדע, אין וועלכער אסתּר־רחל קאַמינסקאַ האָט ווידער געהאַט די מעגלעכקייט צו וואַרעמען מיט דער האַרציקייט פון אירס אַ יידישער מאַמע און טביה, וואָס איז אויף לאַנגע יאָרן געבליבן אין טורקאָווס רעפּער־טואַר. ווי די לעצטע פּאָזיציע יענעם סעזאָן האָט ער ווידער ריזיקירט אַן עקספּערימענט: ער האָט אויסגעפירט ווי אַ שפּי־

לעווּדיקן גראָטעסק אַ באַאַרבעטונג פון אברהם גאָלדפאַדענס „צווײ קוני־לעמל" — פון פאָרויס אויפגעפירט עס אויף געציילטע וואָכן, ווייל דער אַנסאַמבל האָט זיך געגרייט צום גרויסן טורנע — איז דאָס ריזיקאָ פון עקספערימענט נישט געווען אַזוי גרויס.

פאַרן טורנע איז דער אַנסאַמבל פון „צענטראַל" פראָקלאַמירט געוואָרן ווי דער „וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער („וויקט") אונטער דער רעזשי פון זיגמונט טורקאָוו" און איז מיט אַ טייל פון זיין צוגעגרייטן רעפּערטואַר, דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, אַרויסגעפאָרן פרילינג 1924 אין זיין ערשטן, גרויסן טורנע. נייערט פאַרן אַרויספאָרן אין דעם טורנע, אין דער לעצטער תקופה פון „צענטראַל" איז פאָרגעקומען נאָך אַ וויכטיקע געשעעניש אין זיגמונט טורקאָווס קינסטלערישער קאַריערע: ער האָט רעזשיסירט דעם ערשטן יידישן פילם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין פוילן, ה. בוימס „תקיעת כף", ווי אויך געשפילט אין דעם פילם די פילגע־שטאַלטיקע ראָל פון אליהו הנביא. דער אָנהייב האָט אים אָפּנים אָנגערעגט צו אַ ריזיקאַלישן שריט, וואָס ער האָט געמאַכט איניקע יאָר שפּעטער — צום פאָרן קיין בערלין שטודירן די פילם־קונסט.

ז

דער „וויקט" איז געוואָרן דאָס קינסטלערישע לעבנס־ווערק פון זיגמונט טורקאָוון. אין משך פון די 16 יאָר, וואָס דאָס טעאַטער האָט (מיט איבעררייסן) עקזיסטירט אין פאַר־

אליהו הנביא — אין איינער פון די פאַרוואַנדלונגען —
אינעם פילם „תקיעת כף״ (קלאַנג־ווערסיע)
עס זיצט ביים טיש : קורט קאַטש

שידענע געשטאַלטן, איז עס וואָס אַן אמת מער געווען נישט־טעטיק, ווי טעטיק. אין פאַרשידענע תקופות האָט עס געטראָגן אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער אין פרט פון צוזאַמענשטעל, אָרגאַניזאַציע און רעפּערטואַר, דאָך האָט עס באַוויזן צו פאַרשרייבן איינס פון די שענסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. דער „וויקט” איז געווען די שטאַרקסטע קינסטלערישע אינספּיראַציע פאַר זיין שאַפער און אָנפירער. דער בעסטער און פּרוקטיקסטער שאַפערישער וואַרשטאַט זיינער. אַפילו אין די יאָרן וואָס דער „וויקט” איז געווען אין אַרכיוו, האָט דער געדאַנק וועגן ווידער באַנייען אים געהאַט אַ סטימולירנדיקע קראַפט פאַרן קינסטלער.

צום ערשטן טורנע האָט דעם אַפּיש פון „וויקט” נאָך באַשיינט דער נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. פאַרענטפערן דעם אַפיש האָט די „מאַמע” שוין נישט געקאָנט — זי איז געפערלעך קראַנק געוואָרן און דרינגענדיק אַרויסגעפאָרן קיין ווין אויף אַן אָפּעראַציע. איז דער „וויקט” נאָך איניקע חדשים גאַסטשפּילן — נאָך אַ גרויסן טריומף אין די וויכטיקסטע גאַליציאַנער שטעט — פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און זיגמונט טורקאָוו איז אַרויסגעפאָרן קיין ווין, וווּ אסתר־רחל האָט זיך געפונען אין אַ סאַנאַטאָריע, כדי זי אַהיים־צובריינגען. אַ צייט האָט ער געמוזט וואַרטן דערויף אין ווין און די צייט האָט ער אויסגענוצט אויף צו באַקענען זיך מיט די רומפולע ווינער טעאַטערס און זייערע פאָרשטעלונגען: „בורג־טעאַטער”, ריינהאַרדטס „יאָזעפשטאַט”, די צאָלרייכע

ליטעראַריש־סאַטירישע קאַבאַרעטן, וואָס זענען אין ווין גע־
שטאַנען אויף גאָר אַ הויכן ניוואָ א.אַ.וו.

צוריקגעקומען קיין פּוילן, איז זיגמונט ווידער פאַרבעטן
געוואָרן קיין ווילנע צום גלענצנדיקן אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו,
וואָס האָט דאָרט דאָן געשפּילט, ווי אַן ערשטער אַקטיאָר און
רעזשיסער. דאָרט האָט ער — פּאַראַלעל מיטן באַנייען אַלטע
אויפירונגען — אויך געמאַכט אייניקע נייע מאַסן־אויפירונגען:
„יזכור" פון ה. סעקלער, „גיבור אין קייטן" און „דער גלאָקנ־
ציִער פון נאָטרדאַם" פון וויקטאָר הוגאָ. נאָך בעתן ווילן אין
ווין האָט ער געהאַט אָנגעבונדן קאָנטאַקטן וועגן די גאַסט־
שפּילן פון „וויקט" מיט אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. דעריבער
האָט ער נאָכן פאַרענדיקן דעם ווילנער סעזאָן ווידער אָרגאַ־
ניזירט דעם „וויקט", וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אסתּר־רחלס
גאַסטשפּילן אין וואַרשע מיט „מירעלע אפרת" און „גלאָקנ־
ציִער פון נאָטרדאַם". וואַרשע האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן
און פון ווין האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. האָט זיך דער
„וויקט" ווידער געמוזט פאַנאַנדערלאָזן.

ס'הייבט זיך אָן אַ נייע תּקופה פון וואַנדערונגען איבער
דער פּראָווינץ — לכתּחילה מיט אסתּר־רחל קאַמינסקאַ און
נאָכן רעצידיוו פון איר קראַנקייט — מיט אידאַ בלויז און אַ
קאַמעראַלן אַנסאַמבל מיט אַ צאָל ווייניק־פּערזאָניקע פּיעסן.
מיט געוויסע איבעררייסן האָבן די טורנעען געדויערט ביזן
סעזאָן 1926־1927. אין משך פון דער צייט זענען געמאַכט
געוואָרן די צוגרייטונגען צו באַנייען דעם „וויקט" אין וואַר־
שע — דאָסמאָל אין קאַמינסקיס טעאַטער, אונטער דער לייטונג

פון אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו — די אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע, פינאַנסיעלע און רעפּערטואַר־צוגרייטונגען. זייער פייערלעך איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פון באַנייטן „וויקט" מיט זיגמונט טורקאָווס נייער אויפפירונג — אַ מאָדער־ניזאַציע פון אברהם גאָלדפאַדענס „לא תחמוד", מיט אַקטועלע אינטערמעדיעס פון משה בראָדערזאָן. פון פאָרם־שטאַנדפונקט איז דאָס געווען אַ דרייסטע, סינטעטישע פאָרשטעלונג, עקס־פּרעסיאָניסטיש אין איר פאַרטראַכטונג און אויספאָרמירונג און עקספּרעסיוו אין אַנסאַמבל־שפּיל, מיט דער באַטייליקונג פון דעם גרויסן „וויקט"־אַנסאַמבל, וואָס איז ווידער באַשטאַ־נען פון צאָלרייכער יוגנט, אַחוץ דעם קערן פון עלטערע אַקטיאָרן. דער איינציקער, וואָס האָט נישט געשפּילט אין „לא תחמוד" איז געווען דער רעזשיסער אַליין. דאָס איז גע־ווען זייער וויכטיק, כדי ער זאָל קאָנען ווי געהעריק דיריגירן מיטן גאַנצן קאָמפּליצירטן ספּעקטאַקל, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויף אַ גראַנדיעזער סצענישער קאָנסטרוקציע — טרעפּ, ווינדעס, ליכט־שפּיל — מיט אַ באַלעט, אָרקעסטער און רייכער אויסשטאַטונג. אַ באַזונדערער מאָטיוו פאַרן פאַרנעם פון דער פאָרשטעלונג איז געווען די פאַרבינדונג מיטן פייערן דעם יובל פון גאָלדפאַדען־טעאַטער, אַ דאַטע וואָס איז אָפּגע־מערקט געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער וועלט.

גלייך נאָך דער פּרעמיערע פון „לא תחמוד" איז טורקאָוו צוגעטראָטן צו די רעפּעטיציעס פון ראָמען ראָלאַנס „די וועלף", ווו ער אַליין האָט מיטגעשפּילט, געשאַפן אַ קרעפּ־טיקע געשטאַלט פון רעוואָלוציאָנערן קאָמאַנדיר טעיע. די

„וויקט"־פּרעמיערעס אין קאַמינסקיס טעאַטער האָבן געמוזט אָפּט געביטן ווערן, כמעט יעדן חודש — אַ חוץ די קאַמעראַלע פֿאָרשטעלונגען, פּאָפּולערע, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין די מיטן־וואָך־טעג — דער גרויסער זאַל פֿון 1400 פּלע־צער האָט עס מחייב געווען. די פּרעמיערעס האָבן געמוזט טראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער צוליב דעם פֿאַרנעם פֿון דער בינע. דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרעסערע קאָסטן און במילא האָט דער „וויקט" פּרעטענדירט אויף אַ גרעסערן עולם, וואָס זאָל זיין בכוח צו דעקן די קאָסטן. דאָ געשעען אָפּטמאָל סיורפּריזן: פֿאָרשטעלונגען, וואָס מ'ריכט זיך אויף זייער דערפֿאָלג, פֿאַלן בכלל דורך, אָדער גייען דורך שוואַך; דאַקעגן ספּקדיקע דערפֿאָלגן ווערן אָפּטמאָל פֿאַרוואַנדלט אין אמתע, צומאָל — באַדייטנדיקע. אַזוי איז געשען מיט „לא תחמוד" און „וועלף": „לא תחמוד", מיט דער פֿאַרביקייט, הומאָר, אַקטועלער סאַטירע, מוזיק, באַלעט, געזאַנגען און אַ שפּיל פֿון מאָדערנע טעאַטער־טריקן, איז אַדורך אַ סך שוואַ־כער, ווי מ'האָט זיך געריכט; די „וועלף" — אַ פּראָבלעם־פּיעסע, אין איין דעקאָראַציע, אָן איין פֿרוי — דאָס איז געוואָרן דער גרעסטער דערפֿאָלג און גרעסטע דערגרייכונג פֿון „וויקט" אין יענעם סעזאָן.

צווישן איין גרויסער פּרעמיערע און אַ צווייטער — אין די וואָכנטעג זענען געשטעלט געוואָרן די קאַמעראַלע פֿאָר־שטעלונגען „מאָרפיום" פֿון ל. הערצער, „דער געדאַנק" פֿון לעאָניד אַנדרעיעוו, „דעם אָרעמאַנס מזל" פֿון ס. יושקעוויטש, אָדער פּיעסן פֿון אַלטן רעפּערטואַר פֿון יידישן דראַמאַטישן

טעאַטער — האָט טורקאָוו צוגעגרייט אַ נייע גראַנדיעזע אױפֿירונג, פֿון װעלכער מ'האָט אַ סך דערוואַרט, פֿון װעלכער מ'האָט געוואַרט גליקן און וואָס איז דורכגעפֿאַלן מיטן קנאַק. געווען איז עס יעקב פֿאַטס „אין גאָלדן לאַנד", אַ פֿאַנטאַסטישע פּיעסע וועגן אויסוואַנדערן פֿון אונטערגייענדיקן שטעטל אין אַן אויסגעחלומט, סימבאָליש גאָלדן לאַנד. דער באַקאַנטער בונדישער טוער יעקב פֿאַט איז דערביי געשטרויכלט געוואָרן מיט זיין אַמאָליקן טעריטאָריאַליזם, וועלכער האָט נאָך אַפּנים געהויזט אין אים: ער האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע, וואָס איז לייכט אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ ציוניסטישע. האָט דער „בונד" געהאַט טענות צו אים דערפֿאַר, די ציוניסטן האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי און די קאָמוניסטן האָבן במילא באַיקאָטירט. די זאַך איז געווען סצעניש שוואַך אויך — נישט קיין געשטאַלטן, נאָר סימבאָלן האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף דער בינע און רעזאָנירט — איז נישט געקוקט אויף דער גלענצנדיקער רעזשי, וועלכע האָט געשאַפֿן מאָנומענטאַלע מאַסן־גרופּירונגען, מיט אַ סך צענדליקער מענטשן אויף דער בינע; אויף די אָריגינעלע דעקאָראַציעס פֿון מאַנע קאַץ, דער געלונגענער מוזיק פֿון יוסף קאַמינסקי, איז זי גיך אַראָפּ פֿון אַפֿיש.

אַביסל אַ בעסערן מזל האָט געהאַט דוד פּינסקיס „דער אוצר" — אין דער פֿאָרשטעלונג האָט דער רעזשיסער נישט געשפּילט די ערשטע צייט, ערשט אין טורנע איבערגענומען די ראָל פֿון כאַניע קברן — זי איז געשפּילט געוואָרן אַפֿילו מער ווי אַ חודש, ווייל ס'האָט לענגער געדויערט די צוגרייטונג

פון דער פינאַל־פאַרשטעלונג פונעם סעזאָן — אידאַ קאַמינ־סקאַס דראַמאַטיזאַציע פון דאָסטאָיעווסקיס „די ברידער קאַ־ראַמאַזאָוו״, אין וועלכער טורקאָוו האָט געשפּילט מיטיאַ קאַ־ראַמאַזאָוו, די צעשפּאָלטענע רוסישע נשמה. מיט אַ טייל פון דעם דערמאָנטן רעפּערטואַר און אַביסל אַ רעאָרגאַניזירטן אַנ־סאַמבל איז דער „וויקט״ אַרויסגעפאָרן אויף זיין צווייטן גרויסן טורנע איבער פּוילן. און אויפן סעזאָן 1927־1928 — מיט כמעט אין גאַנצן אַ נייעם אַנסאַמבל און אַן אויסגעברייטערטן רעפּערטואַר, אין וועלכן ס׳זענען אַריין די וויכטיקסטע פּאָ־זיציעס פונעם ערשטן „וויקט״ — איז דאָס טעאַטער אַרויס־געפאָרן אויף זיין גרויסן טורנע איבער רומעניע.

אַ קנאַפּ יאָר האָט געדויערט דער טורנע פון „וויקט״ (די לעצטע חדשים — אין אַ רעדוצירטער פאָרם פון אַ „קליינער וויקט״) איבער די פּראָווינצן און שטעט פון גרויס־רומעניע: רעגאַט מיט בוקאַרעשט, פּלאָעשטי; מאָלדאַוויע, מיט יאַס — דאָס וויגעלע פון גאָלדפאַדען־טעאַטער — באָטאָשאַן, דאָראָהאָי א.אַ. בוקאָווינע מיט טשערנאָוויץ, בעסאַראַביע מיט קישיניעוו, בעלץ, ליפּקאַן א.אַ. רומעניע איז אין אַלגעמיין געווען אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר יידיש טעאַטער פון אַלע קאַטע־גאָריעס — קורץ פאַרן אָנקומען פון „וויקט״ איז דאָרט איי־ניקע יאָר אַרומגעפאָרן די „ווילנער טרופּע״ און אַן אָפּערעטן־טרופּע פון פּוילן; ס׳האָבן דאָרט סטאַביל געשפּילט אייניקע אָרטיקע וואַנדער־אַנסאַמבלען. די צייט איז אָבער נישט גע־ווען גינסטיק פאַר טעאַטער. אַ חוץ דעם האָבן דאָרט גע־הערשט די געזעצן פון געבן און נעמען, פון כאַבאַר, שוחד,

דער אַזוי גערופֿענער באַקשיש, וואָס האָט געגעבן אַ ברייט פֿעלד פֿאַר שאַנטאַזשירן יעדן איינעם, בפֿרט נאָך פּרעמדע, אויסלענדערס. מיטן שאַנטאַזשירן האָבן זיך צייטנווייז פֿאַר־נומען די אייגענע אימפּרעסאַריאָס און געשעפֿטפֿירערס, ווער שמועסט נאָך — פּרעמדע, קאָנקורענטן. איז נישט געקוקט אויף אַ באַדייטנדיקן דערפֿאָלג פֿון „וויקט", באַזונדערס די ערשטע חדשים און אין גרויסע שטעט, זענען די אָנפֿירערס פֿון „וויקט" קוים מיטן לעבן צוריקגעקומען קיין פּוילן. נישט בלויז וואָס דער טורנע האָט זיי נישט געגעבן קיין שום ריווח אין פּרט פֿון נייעם רעפּערטואַר, נייע ראָלן, קיין שום שאַפֿע־רישן ריווח, נייערט זיי זענען אויך מאַטעריעל פֿון דאָרט צוריקגעקומען צעבראָכענע.

נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן האָבן זיי זיך דעריבער נישט געקאָנט פֿאַרגינען לאַנג צו רוען און מ'האָט זיך ווידער געמוזט לאָזן אין וועג אַריין, ווייל אין וואַרשע זענען די טעאַ־טערס געווען פֿאַרנומען. אין „עליזעום" האָבן די „ווילנער" חדשים לאַנג געגאַנגען פֿון זייער דערפֿאָלג מיט שלום אַשס „קידוש השם"; אין קאַמינסקיס טעאַטער האָט געקוועטשט די טרערןביים עולם די אַמעריקאַנער מעלאָדראַמע; אין „סקאַ־לאַ" איז געווען די היים פֿון דער פּראָספּערירנדיקער קלייִנ־קונסט; אין די פּעריפֿעריע־טעאַטערס איז בכלל נישט געווען קיין רייד אַן ערנסט טעאַטער זאָל האָבן דריסת הרגל. איז געבליבן דער איינציקער אויסוועג — די ליבע, גאַסטפֿריינד־לעכע פּוילישע פּראָווינץ. דאָס מאָל אָבער — מיט אַ קלייִנעם „וויקט", אַ פֿאַרקלענערטן פּערסאָנאַל און רעפּערטואַר פֿון

קלענערן פאַרנעם: אַ קאַמעראַלע פּיעסע פון אידאַ קאַמינסקאַ „אַמאָל איז געווען אַ מלך"; וואַלענטין קאַטאַיעווס קאָמעדיע „די קוואַדראַטור פון ראָד"; די טראַגעדיע פון יודזשין אָ'נעיל „די תאווה" — ווו טורקאָוו האָט ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיין רעזשיסערישע מייסטערשאַפט אַפילו פאַר וואַנדער־באַדינגונגען און אויך די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ קערנדיקע קרעאַציע אין דער געשטאַלט פון אַלטן פאַרמער; די טראַגיקאָמעדיע פון סעמיאָן יושקיעוויטש „דעם אָרעמאַנס מזל", ווו די הויפּטראָל, סאָנקין, דער שלימזלדיקער געווינער פון אַ גרויס געווינס, דאָס קליינע מענטשעלע, וואָס פאַרלירט זיך ווען ס'באַקומט גרויסע מעגלעכקייטן, האָט געהערט צום קינסטלערס בעסטע אַקטיאָרישע קרעאַציעס; „אָן אַ היים" פון יעקב גאָרדין, ווו ער האָט געשאַפן אַ מאַרקאַנטן כאַראַק־טער־עפּיזאָד פון אַן אַמעריקאַנער ייד, אַ שלימזל; אַנרי בערנשטיינס „שמשון" — די הויפּטראָל, דער דערפאָלגרייכער פראַנצויזישער געשעפט־מענטש און האָרנטרעגער אין דער היים.

ווידער אַ קנאַפּ יאָר און זומער 1929 ווערט דער טורנע געענדיקט. דער קינסטלער איז געווען אַ דערשעפּטער, שאַפע־ריש אַן עקרדיקער, אָן אַ פּערספּעקטיוו ווייטער צו פירן דעם „וויקט" און עפּעס אויפטון ווי אַ רעזשיסער און אַקטיאָר, ווײַ־טער שאַפן עפּעס ווערטיקס. די וועגעטאַציע פון אַ וואַנדער־אַקטיאָר ווערט אים דערווידער און ער באַשליסט צו פאָרן קיין בערלין, שטודירן די פילם־קונסט אין שייכות מיט די אָנהייבן פון קלאַנג־פילם, מיט דער אויסזיכט צו ווערן אין

פוילן דער ערשטער קוואַליפיצירטער קלאַנג־פילם־רעזשיסער. ער איז אין בערלין אָנגעקומען אינעם וויכטיקסטן צענטער פון דער פילם־אינדוסטריע, אין די אַטעליעס פון „אופאַ”. נאָך אַ געוויסער צייט שטודירן די טעכניק פון קלאַנג־פילם, איז ער אָנגעקומען ווי אַן אַסיסטענט צום באַקאַנטן רוסישן רע־זשיסער, דעם עמיגראַנט וולאַדימיר סטריזשעווסקי, געהאַט מיט אים די געלעגנהייט ענג מיטצואַרבעטן ביים פילם „טראַיקאַ”, אין וועלכן ס'האָט געשפּילט דער גענימאַלער רוסי־שער אַקטיאָר מיכאַיל טשעכאָוו און די פילם־סטאַרין אָלגאַ טשעכאָווא. דורך די חדשים אַרבעט אין בערלין האָט ער אויך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די בערלי־נער טעאַטערס, וואָס זענען דאַן געווען אין שטאַרקן אויפבלי: ריינהאַרדט, יעסנער, פּיסקאַטאָר — ס'איז געווען וואָס זיך צו לערנען און ביי וועמען.

אין וואַרשע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דער־וואָרבענע קענטעניש אין בערלין האָבן ווייניק געקאָנט נוצן ברענגען אין דער אָפּגעשטאַנענער פּוילישער פילם־אינדוס־טריע. איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי ווידער צו נעמען דעם וואַנדערשטעקן, אַרומפאָרן מיט קאַמעראַלע פאָר־שטעלונגען פון אַלטן רעפּערטואַר, מיט אַ נייער צווייפּערזאָ־ניקער פּיעסע „דאָס געשריי פון געוויסן” (לאַמבערטיע) פון לואי ווערנעי מיט אידאַ קאַמינסקאַ. די פּיעסע האָט זיגמונט טורקאָוו יאָרנלאַנג עקספּלאָאַטירט אין זיינע טורנעען איבער דער וועלט. סוף 1930 ווערט ער צום ערשטן מאָל פאַרבעטן אויף גאַסטשפּילן קיין ריגע, אין יידישן מיעוטים־טעאַטער

(אַ מלוכהש־סובסידירט טעאַטער), נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן — ווידער אַ טורנע און דאַן צוויי אויפירונגען אין קאַ־מינסקיס טעאַטער: דיצענשמידטס „דאָס הויז פון פאַרברעכער״ — אַן אָנזאָג וועגן אָנקום פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד, אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז אַדורך אָן אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג; און אידאַ קאַמינסקאַס דראַמאַטיזאַציע פון שלום אַשס „אָנקל מאָזעס״ — אַ פאָרשטעלונג וואָס איז זינט דאַן געוואָרן איינע פון די בכבודיקסטע פּאָזיציעס אינעם רעפּערטואַר פון קינ־סטלער און די ראָל פון אָנקל — איינע פון די אינטערעסאַנטע געשטאַלטן, וואָס ער האָט געשאַפן. די פאָרשטעלונג האָט ער יאָרנלאַנג געשפּילט אין פאַרשידענע לענדער, אויף פאַרשי־דענע קאָנטינענטן, אויך בעת זיינע גאַסטשפּילן אין דער „ווילנער טרופּע״ (אין יאָר 1932) און זי איז אַריין אינעם רעפּערטואַר פונעם באַנייטן „וויקט״.

זומער 1931 פאָרט טורקאָוו אַרויס מיט אַ קליינער גרופּע אַקטיאָרן אויף זיינע ערשטע גאַסטשפּילן אין בעלגיע און פראַנקרייך. פון נייע אויפירונגען שפּילט ער דאָרט בלויז לייוויקס „הירש לעקערט״ און צום ערשטן מאָל — דעם גאָראָדניטשי אין גאָגאָלס „רעוויזאָר״. דאָס איבעריקע איז אַלץ איבערגעקייט און איבערגעניטשעוועט פון אַלטן רע־פּערטואַר. סוף יאָר — גלייך אַרויסגעפאָרן אויף אַ טורנע נאָכן צוריקקומען אַהיים, געשפּילט אַ דרייפּערזאָניקע פּיעסע, וואָס איז ספּעציעל פאַר אים אָנגעשריבן געוואָרן פון י. ב. נאַפּטאַלזאָן „דער איינציקער מענטש״. נאָך דעם קומט אַ טור־נע מיט אַ יובליי־אָוונט, גאַסטשפּילן ביי די „ווילנער״ אין

לאָדזש, גאַסטשפּילן אין ביאַליסטאָקער טעאַטער, ווו ער פירט אויף צום ערשטן מאָל צוויי נייע קאַמעראַלע פּיעסן: „קאַמף און פּאַראַט" פון אָסיפּ דימאָוו און „ד"ר לעווי" פון מייקל גאָלד — אַ ראָל, וואָס איז אויף לאַנגע יאָרן אַריין אין זיין שטענדיקן רעפּערטואַר אומעטום.

דער איינציקער ערנסטער פּרווו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, איז געווען דער „פּאַקט" („פּאַרייניקטע אַקטיאָרן") — אַן אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון זיגמונט טורקאָוו און אַלעקס שטיין. זיי ביידע און אברהם מאָרעווסקי אויך ווי רעזשיסערן און אַקטיאָרן, ווי אויך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, געניאַ שליט. געזאָלט האָבן נאָך צושטיין: אידאַ קאַמינסקאַ, לידיאַ פּאָטאָצקאַ, א. סאַמבערג, רודאָלף זאַסלאַווסקי, שלמה קוטנער — איינער פון די שטאַרקסטע אַקטיאָרישע אַנסאַמבלען, וואָס דאָס יידישע פּוילן האָט געזען. מ'האָט אָבער באַוויזן בלויז אויסצופירן א. נירוואַס סאַטירע „פּאַרקויפטע נשמות" און אַלתר קאַציזנעס אַקטועלע קאָמעדיע „אין קריזיס" און דער „פּאַקט" איז צעפאַלן. פאַר זיגמונט טורקאָוון האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון אַ גרויסער וואַנדערונג, בעת וועלכער ער איז ווידער געוואָרן אָפּגעריסן פון דער היים אויף אייניקע יאָר.

אָנגעהויבן האָט זיך די גרויסע וואַנדערונג אין ווילנע, ווו ער האָט באַנייט „לא תחמוד" און אַליין געשפּילט אין דער פאָרשטעלונג. דערנאָך איז ער צום ערשטן מאָל אַריינגעפאָרן אין דער „ווייטער ליטע", וואָס האָט זיך געפונען טאַקע אין דער נאָענט, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען,

האָט אָבער נישט אָנגעהאַלטן קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט פּוילן און מיט אַ פּוילישן פּאַס האָט מען אַהין נישט געטאָרט אַריינפאָרן. איז די רייזע געגאַנגען אַרום און אַרום, דורך לעטלאַנד, ווּ מ׳האָט געמוזט זיך פאַרזאָרגן מיט אַ ספּעציעלן צייטווייליקן דאָקומענט און אַריינפאָרן קיין ליטע אויף אַ נישט לעגאַלן אופן. די הויפּטשטאָט, קאָוונע, איז געווען דער וויכטיקסטער טעאַטער־צענטר אין דעם קליינעם לענדעלע און צוזאַמען מיט די פּראָווינץ־שטעט: שאַוועל, פּאָניעוויעזש, מעמל, ווילקאָמיר — האָט טורקאָוו דאָרט אָפּגעשפּילט כמעט אַ פולן טעאַטער־סעזאָן. צו די אַלטע אויפפירונגען זיינע האָט ער אין ליטע אויך געשטעלט שלום אַשס „קידוש השם״ אין וויכערטס דראַמאַטיזאַציע — און געשפּילט די ראָל פון הייליקן שניידערל (איבערגעחזרט אויך די אויפירונג אין אייניקע לענדער פון דרום־אַמעריקע — ווי אויך דעם סצענישן רעפּאָרטאַזש פון פּוילישן שרייבער יעזשי טעפּאַ „איוואַר קרויגער״ (וועגן דעם באַנקראָטירטן שוועדישן „שוועבעלעך־קעניג״) און געשפּילט די טיטלראָל אין דער פאָרשטעלונג.

נאָך ליטע איז געקומען דער צווייטער גאַסטשפּיל אין פּאַריז (1934) און פון דאָרט — דער גרויסער טורנע איבער לאַטיין־אַמעריקע. אין טורקאָווס וואַנדערונגען האָט דער דאָזיקער טורנע געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל — נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געוואָרן דער לאַנגדויערנדיקסטער, נייערט אויך און דער עיקר דערפאַר, ווייל ער האָט צוגעגרייט פאַרן קינסטלער אַ צווייטע היים, ווּ ער האָט

געקאָנט געפינען אַ מקום מקלט בעת דער לאַנגער היטלע־ריסטישער נאַכט פון גרוילן אין אייראָפּע. וואָרים טאַקע בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, איז געוואָרן דאָס אָרט ווו ער איז צו ערשט אַהינגעקומען פון אייראָפּעישן בראַנד און דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיינע אויפטריטן אין דרום־אַמע־ריקע. זינט דאַן שפּילט דרום־אַמעריקע אַ וויכטיקע ראָל אין זיין לעבן, שאַפן אוןווירקן. „איך בין גיך געוואָרן אַן איי־געגער מענטש אין אַרגענטינע, אַרומגערינגלט מיט פריינד און פאַרערער" — שטעלט ער פעסט אינעם דריטן באַנד פון זיינע זכרונות „די איבערגעריסענע תקופה". אגב: אַלע פיר ביכער פון זיגמונט טורקאָוון זענען דערשינען אין בוענאָס־איירעס, אינעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום". אָבער פונעם שטאַנדפונקט פון טעאַטער־שאַפן ממש — נייע אויפפירונגען, נייע ראָלן — האָט בוענאָס־איירעס און דער גאַנצער לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט אין יענער צייט גאָרנישט געגעבן דעם קינסטלער.

די לענגערע גאַסטשפּילן אין בוענאָס־איירעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ טורנע איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ, יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס און שטעטלעך, וואָס האָבן אין אַ סך פּרטים דערמאָנט דעם שטייגער פון די מזרח־אייראָפּעישע יידישע שטעטלעך. אפשר דערפאַר האָט זיך טורקאָוו דאָרט גלייך דערפילט, ווי אַן אייגענער. וואָס שייך בראַזיל איז טאַקע דאָס דאָזיקע לאַנד געוואָרן דאָס צווייטע פאָטערלאַנד זיינס אין די מלחמה־יאָרן און דער צווייטער וויכטיקסטער צענטר פון שאַפן, כאָטש אין אַ גרע־

סערער מאָס אין פּאָרטוגעזיש, ווי אין יידיש. און די לענדער: אורוגוואַי, טשילע, פּערו, עקוואַדאָר, קאָלאָמביע, פּאַנאַמע, קובאַ, מעקסיקע — דאָס זענען אַלץ געווען עטאַפּן אין די צוויי יאָר וואַנדערונגען איבער לאַטיין־אַמעריקע, דורכגעפירט מיט דער אַרטיסטין אסתר פּערלמאַן ווי זיין פּאַרטנערין. די עיקר־דערגרייכונג פונעם טורנע איז אָבער געווען: דאָס דערקענען די אַלטע אַמעריקאַנער קולטורן (פון די אינקאַס, מאַיאַס א.אַ.) און דאָס נייע לעבן פון לאַטיין־אַמעריקע. פאַר טורקאָוון, דעם אויפמערקזאַמען אָבסערוואַטאָר מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען, פאַר יושר און הומאַנישקייט, איז דאָס געווען אַ רייך פעלד פון אָבסערוואַציע, ווי אויך אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אַלטע קונסט־אוצרות פון די אינדיאַנער. ער איז געוואָרן אַ זאַמלער פון לאַטיין־אַמעריקאַנער פאָלקלאָר און פון פאָלקסטימלעכע קונסט־ווערק און כאָטש ס'איז אין חורבן וואַרשע פאַרלוירן געגאַנגען זיין רייכע זאַמלונג, האָט ער נאָך דער מלחמה זי באַנייט און באַרייכערט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. אַ גרויסע איבערלעבונג איז אויך געווען פאַר אים דאָס פייערן זיין 20־יעריקן יובליי פון בינע־טעטיקייט, וואָס איז גאָר דערהויבן דורכגעפירט געוואָרן דורך צאָלרייכע פריינד אין מעקסיקע, אינעם יאָר 1936.

דער ערשטער עטאַפּ צוריק אין אייראָפּע איז געווען: צום דריטן מאָל פּאַריז. געווען איז עס די תקופה פון פאָלקס־פראָנט, פון גרויסן אויפשטייג, וואָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דער שטימונג ביים עולם. אגב: די ערשטע גאַסטשפּילן

אין פּאַריז זענען פאָרגעקומען בעת אַ גרויסער אויפלעבונג אין שטאָט — בעת דער קאָלאָניאַלער אויסשטעלונג — (1931), די דריטע — בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג. געווען אַפילו פּלענער וועגן שאַפן אַ וועלט־טעאַטער, אַ יידיש טעאַטער ביי דער וועלט־אויסשטעלונג, די פּלענער זענען צעשוווּמען געוואָרן אינעם טעמפּאָ פון פּאַריזער לעבן און אויפהייטערונג. די שטימונגען פון פאָלקס־פראָנט זענען דאַ־קעגן נישט פאַרבליבן אָן אַ השפעה אויפן געשפּילטן רע־פּערטואַר: „סאַקאָ און וואַנצעטי", אַ רעפּאָרטאַזש וועגן זייער פּראָצעס, „נפתלי באָטווין" פון א. וועוויאָרקע. די סאָציאַלע טעמאַטיק, די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן, זענען תמיד דעם קינסטלער געווען צום האַרצן, זיי זענען געווען אין איינקלאַנג מיט זיין טעמפּעראַמענט. פּאַקטיש איז דאָס געווען זיין אי־דעישער וועג אינעם טעאַטער און אין לעבן — ביז דער גרויסער אַנטוישונג, וואָס איז געקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכן באַקענען זיך נענטער מיט דעם אמת וועגן דער ווירקלעכקייט און פירענישן פון „דער וועלט פון מאָרגן".

אין יענער שטימונג און יענע באַדינגונגען וואָלטן זיך די פּאַריזער גאַסטשפּילן אפשר פאַרצויגן אַ לענגערע צייט. טור־קאָוון איז עס געווען צום האַרצן און די פאָלקסטימלעכע יידי־שע סביבה אין פּאַריז פון יענע יאָרן — אויך. איז אָבער אָנ־געקומען אַ פאַרבעטעניש פון פּוילן, וואָס האָט נאָך שטאַרקער געלאָקט: יידישע פּראָדוצענטן האָבן געגרייט אַן ערשטן יידי־שן קלאַנג־פילם. דעם סצענאַר האָט אָנגעשריבן משה בראָ־

דערזאָן. טורקאָוון איז איבערגעגעבן געוואָרן די רעזשי. די הויפּטראָלן האָבן געזאָלט שפּילן די „אַראַראַט"־קינסטלער דזשיגאַן און שומאַכער. ווען זיך ענדלעך מאַכן אַ געלעגנהייט צו עקספּלאָאַטירן די דערפּאַרונגען, וואָס ער האָט זיך דער־וואָרבן דורכן יאָר שטודירן קלאַנג־פילם אין בערלין, איז ער גלייך אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צו רעזשיסירן דעם פילם „פריילעכע קבצנים". די אַרבעט האָט אָבער נישט געגעבן קיין סאַטיספאַקציע, די פּראָדוצענטן האָבן אַ סך צוגעזאָגט און ווייניק געגעבן, זיי האָבן אָפּעריִרט מיט זייער באַגרענעצטע מיטלען און אָפּגעשטאַנענע טעכנישע מעגלעכקייטן. האָבן די „פריילעכע קבצנים" געמוזט אַרויסקומען גאָר קבצניש.

דאַקעגן די צווייטע פילם־פּראָפּאָזיציע — דאָס דרייען אַ קלאַנג־ווערסיע פונעם אַלטן פילם „תקיעת כף" — איז יאָ עולה יפה געווען. רעזשיסירט דעם פילם האָט דאָסמאָל הענ־ריק שאַראָ, טורקאָוו האָט איבערגענומען די קינסטלערישע אָנפירונג פון פילם און אַ נייע געשטאַלטיקונג פון דער ראָל אליהו הנביא. אין יענער תקופה האָט ער אויך געשפּילט די טיטל־ראָל אין דער פילם־קאָמעדיע „דער פּורים־שפּילער", וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אין „גרין־פילם". ער האָט אויך פאַרשטאַרקט זיין שרייבערישע טעטיקייט — צו די אַמאָ־ליקע דערציילונגען פון טעאַטער־לעבן (וועלכע ער האָט גע־שאַפן מיט יאָרן פריער. פון איינער פון זיי איז געבוירן גע־וואָרן זיין פּיעסע „אָסקאַר"), זענען צוגעקומען רייזע־איינ־דרוקן, רעפּאָרטאַזשן, געדרוקטע אין די „ליטעראַרישע בלע־טער" און אין דער „פאָלקסצייטונג". דאָס וויכטיקסטע איז

אָבער אין יענער צייט געוואָרן די אַרבעט אינעם טעאַטער „נאָוואָשטשי".

ח

די פּאָר חדשים אין „נאָוואָשטשי" זענען געוואָרן אַ תקופה פון באַנייטן קינסטלערישן אויפשטייג. צוליב דער גרויס פון טעאַטער (דריי שטאָק, ביי 1500 פּלעצער), איז געווען אַ נויטווענדיקייט יעדע 4—6 וואָכן צו שטעלן אַ נייע פּרעמיערע, צו שאַפן אַ נייע געשטאַלט. דאָס האָט דעם קינ־סטלער אָנגעגורט מיט פרישע כוחות. דער גאַנצער רעפּער־טואַר פון יענעם סעזאָן איז געווען אַ דורכויס יידישער. דאָס איז געווען דער ענטפער פון טורקאָוון, דעם נאַציאָנאַלן ייד און קינסטלער, אויף דער היטלעריסטישער כוואַליע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַדראָען די וועלט נאָך איר נצחון אין דייטשלאַנד. דאָס איז אויך געווען אַן ענטפער אויף דעם אַלץ שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, אויף דעם אַנטי־יידישן באָיקאָט און עקסצעסן.

חנא גאָטעספעלדס קאָמעדיע „מחותנים" איז געשטעלט געוואָרן צום אָנהייב פון סעזאָן, אָבער אין צוגרייטונג איז גלייך געווען ה. לייוויקס „שאָפּ", אויסגעברייטערט צו אַ מאַסן־אויפירונג. „שאָפּ" איז געשטעלט געוואָרן ווי אַ מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג, צו וועלכער די מוזיק האָט געשאַפן אַ מאָדער־נער קאָמפּאָזיטאָר, ג. האַלפּערן, די לידער־טעקסטן — איציק מאַנגער. די גאַנצקייט איז געשפּילט געוואָרן אויף אַ גראַנדיע־

זער קינעטישער קאָנסטרוקציע, זי איז דערהויבן געוואָרן צו אַ בילד פון אַ מעכטיקן קלאַסן־געראַנגל. די אינטימע כמעט פאַמיליע־דראַמע פון לייוויקן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרנעמיקן סאָציאַלן ספּעקטאַקל מיט אַ בולטן אויסקלאַנג.

אַ וויכטיקע קולטור־ און קינסטלערישע געשעעניש איז געוואָרן די אויפֿירונג פון שלום־עליכמס „די בלאָנדזשענדע שטערן‟, אין דער דראַמאַטיזאַציע פון מאַרק ראַזומני, מוזיק — האַלפּערן, לידער־טעקסטן פון איציק מאַנגער. די פאָר־שטעלונג איז נישט בלויז געווען אַ רעזשיסערישע דערגריי־כונג, נייערט — און דער עיקר — די אַקטיאָרישע דערגריי־כונג פון טורקאָוון אין דער ראָל פון האָצמאַך, דער געשטאַלט פון אַלטן יידישן וואַנדער־אַקטיאָר. דער קינסטלער האָט אין דער געשטאַלט פון האָצמאַכן אַריינגעלייגט זיין גאַנצע ליב־שאַפט צום יידישן אַקטיאָר און יידיש טעאַטער, זי איז ריין־אַקטיאָריש אויך געוואָרן איינס פון זיינע וואַגיקסטע שאַפע־רישע אויפטוען. די פאַרשטעלונג ווי אַזאַ איז שפּעטער אַריין אויך אין רעפּערטואַר פון „וויקט‟ און געדינט דעם מחבר ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — אין יידיש און אין עברית.

זלמן שניאורס „פאַנדרע‟, אין דער דראַמאַטיזאַציע פון שלמה שיינבערג, איז געווען די לעצטע אויפֿירונג פון יענעם סעזאָן. אין דער פאַרשטעלונג איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך מיטלען און אַ שלל פון אַרבעט; זי איז פאַרמאָסטן געוואָרן ווי אַ מעכטיקער אַפּאָטעאָז פון יידישן ווידערשטאַנד, פון יידישן שטאָלץ און געשטעלט געוואָרן מיט אַ גרויסן פאַרנעם פון באַזעצונג און אויסשטאַטונג — זאַכן, וועלכע מ׳האָט זיך בלויז

געקאָנט דערלויבן אויף דער גראַנדיעזער בינע פון „נאָוואָש־טשי" און דער געוואַגטקייט פון דער דירעקציע פונעם טעאַ־טער. קיין מזל האָט אָבער די פאָרשטעלונג נישט געהאַט — נאָך פאַרן געבוירן ווערן איז זי דערשטיקט געוואָרן. די צענזור האָט קורץ פאַר דער פּרעמיערע אויסגעשניטן פון איר לע־בעדיקע שטיקער — גאַנצע סצענעס, טעקסט, אַפילו טיילן פון לידער — און זי איז געוואָרן פאַרעווע, אַ סריס. קאָן מען, פאַרשטייט זיך, נישט רעדן וועגן אויפטוען פון דער רעזשי, ס׳האָט זיך געמוזט אָפּשלאָגן אויך אויפן רעזשיסערס שפּילן די טיטל־ראָל, וועלכע איז סייווי נישט געווען קיין ראָל פון זיי אַמפּלואַ.

נאָך קורצדויערנדיקע גאַסטשפּילן אין ריגע און קאָווגע, ווו ער האָט אַ חוץ אַלטע אויפירונגען געשטעלט אויך אלתר קאַציזנעס „שוואַרצבאַרד" („וועלטגעוויסן") — אַ פּיעסע וועגן שלום שוואַרצבאַרדס אַטענטאַט אויף פּעטליורען און די מאָ־טיוון, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם אַטענטאַט (אין פּוילן איז די פּיעסע אייניקע יאָר פריער אויפגעפירט געוואָרן פון אַלעק־סאַנדער גראַנאַכן און איז פאַרווערט געוואָרן דורך דער צענ־זור) — געשפּילט האָט ער אין דער פאָרשטעלונג שלום שוואַרצבאַרדן; ווי אויך אַ באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין" (די טיטל־ראָל), איז ווידער פאָרגעקומען אַ קליין־אַנסאַמבלדיקער טורנע איבער פּוילן און צוגרייטונגען צום ווידעראויפלעבן דעם „וויקט". אין אַ מאַניפעסט צום יידישן עולם, אין שייכות מיטן באַנייען דעם „וויקט", האָט טורקאָוו אַזוי פאָרמולירט דעם געזעלשאַפטלעכן אויפגאַב

אין דער ראָל פֿון קוואַזימאָדאָ —
וויקטאָר הוגאָס „דער גלאָקנציער פֿון נאָטרדאַם״

פון באַנייטן טעאַטער: „מיר דאַרפן איצט אַרויסקומען מיט מוסטערן פון דער פּאָזיטיווער זייט פון יידישן לעבן, שאַפן און געשיכטע". אונטער דעם קוקווינקל זענען צוגעגרייט געוואָרן די וויכטיקסטע פּאָזיציעס פון באַנייטן „וויקט", וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין ווירקן אין סעזאָן 1938־1939, אין דער בעס־טער טעאַטער־שטאָט פון גאַליציע, אין לעמבערג, אינעם גרויסן „קאָלאָסעום"־טעאַטער.

די ערשטע חדשים זענען געווען אַ מין צוגרייטונג צום אייגנטלעכן אָנהייב פון „וויקט". ס'איז באַנייט געוואָרן זיגמונט טורקאָווס אַלטער רעפּערטואַר: „אָנקל מאָזעס", „בלאָנדזשענ־דע שטערן", „גלאַקנצ‍יער פון נאָטרדאַם", "7 געהאָנגענע" א.אַ. דעם 25־טן דעצעמבער 1938 איז געווען דער פּרווו־טאָג פאַרן „וויקט": די פּרעמיערע פון אַ. גאָלדפאַדענס „שולמית", אין אַ נייער סצענישער און טעקסטועלער באַאַרבעטונג פון רע־זשיסער, מוזיק באַאַרבעט פון שלמה פּריזאַמענט, מיט סטי־ליזירטע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון פריץ קליינמאַן. „מיר ווייזן אַ יידיש טעאַטער־שטיק, וואָס האָט אין זיך פּרעכטיקע מוסטערן פון דערהויבענער מענטשלעכער עטיק; אַ טעאַטער־שטיק, וואָס פאַרמאָגט דעם שטאַרקסטן עלעמענט פון אַלטגריכישער און שעקספּיריאַנער טראַגעדיע: פאַטום... ...אָבער פאַרמאָגט גלייכצייטיק דעם עלעמענט פון יידישער עטיק; מחילה פאַר בעל־תשובה" — שרייבט טורקאָוו אין זיין פריער־ציטירטן מאַניפעסט. דערביי גיט ער אַן אָנצוהערע־ניש צו דער אַקטועלער פּאָליטישער לאַגע: „ביי אומשטענדן,

װעלכע פֿאַרװערן צו װעקן פּראָטעסט און אויפֿברויז, זאָל קומען אַ ניגון אָנשטאָט דעפּרעסיע און פֿאַרצווייפֿלונג״.

„שולמית״ איז געװען אַ סטיליזירטע סינטעטישע פֿאָר־שטעלונג: שפּיל, געזאַנג (ס׳זענען ספּעציעל אָנגאַזשירט גע־װאָרן אייניקע באַגאַבטע אָפּערן־זינגערס), באַלעט, מוזיק, פֿאַרביקע אויסשטאַטונג און שפּיל פֿון ליכט. פֿון גאָלדפֿאַדענס פֿאַרעלטערטער פּאָעטיק איז באַזייטיקט געװאָרן דער שימל און שטויב פֿון יאָרן און ס׳איז צו די ביבליש־נאַציאָנאַלע אַקצענטן פֿון דעם װערק סובטעל אַריינגעפֿירט געװאָרן אויך אַ סאָציאַלער אַקצענט, װאָס האָט אַפּעלירט צו אַלע קרייזן פֿונעם עולם. און אַזוי װי בעת גאָלדפֿאַדענס פֿירן זיין טעאַטער אין װאַרשע (מיט אַ יובל יאָרן פֿריער), איז אויך דאָס מאָל „שולמית״ געװאָרן דער גרעסטער דערפֿאָלג פֿון יידיש טעאַ־טער אין די לעצטע יאָרן. קנאַפּע 150 פֿאָרשטעלונגען אין לעמבערג, סטאַניסלאַװאָװ און קראָקע, האָבן פֿאַרזאַמלט ביי די הונדערט טויזנט צושויער. דער אומגעהויערער דערפֿאָלג אין װאַרשע, װוּ די פֿאָרשטעלונג איז געשפּילט געװאָרן ביז אַ דייטשע באָמבע האָט חרוב געמאַכט דאָס טעאַטער אין סעפּ־טעמבער 1939 (דאָס איינציקע טעאַטער בכלל, װאָס האָט נאָך דאַן געשפּילט אין װאַרשע) — דאָס זענען געװען די בולטסטע באַװייזן פֿונעם דערפֿאָלג, נישט צו רעכענען די צאָלרייכע אָפּרופֿן און באַגייסטערטע אָפּשאַצונגען אין דער גאַנצער פּרעסע.

טורקאָװ האָט אָבער נישט געהאַלטן פֿון רוען אויף

לאָרבערס. ער אַליין האָט אין „שולמית" נישט געשפּילט, האָט ער צוגעגרייט דורך דער צייט די ווייטערדיקע רעפּער־טואַר־פּאָזיציעס פון „וויקט", וואָס האָבן אויספּאָרמירט דעם כאַראַקטער פון אַ מאָדערן גאָלדפאַדען־טעאַטער: „די בראָ־דער־זינגער" — אַ קאָמעדיע, וואָס איז דורך ישראל אַשנדאָרף און שלמה פּריזאַמענט צוגעגרייט געוואָרן אויפן סמך פון גאָלדפאַדען־מאַטעריאַל און בראָדער־זינגער־לידלעך. טורקאָוו האָט אין דער פאָרשטעלונג געשפּילט אַ טראַדיציאָנעלע גאָלד־פאַדען־באָבע און ווי אַ רעזשיסער האָט ער געשאַפן איינס פון די פאַרביקסטע ספּעקטאַקלען זיינע. מעגלעך, אַז דער אַנטי־קלעריקאַלער כאַראַקטער פון דער פּיעסע, אָדער דער שאָטן פון „שולמית"־דערפאָלג, האָט דערביי געווירקט — די פאָר־שטעלונג האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטן אויפן אַפיש. איז גלייך נאָך איר געקומען די דריטע גרויסע גאָלדפאַדען־פּרע־מיערע פון „וויקט": „בר־כוכבא", אין דער באַאַרבעטונג פון שותּפות אַשנדאָרף־פּריזאַמענט און סצענאָגראַפישער קאָמפּאָ־זיציע פון פּריץ קליינמאַן, וועלכער האָט אויסגעפורעמט אַלע לעצטע ספּעקטאַקלען פון „וויקט".

„אויב ,שולמית' האָט געווירקט אידיליש, באַרואיקנדיק, האָט ,בר־כוכבא' געמאָנט, געוועקט, געפאָדערט וואַכזאַמקייט און גרייטקייט צו טאָטן..." „...מיר האָבן אויסגעפירט דורכן ,וויקט' די שענסטע נאַציאָנאַלע מיסיע וואָס האָט געקאָנט אין יענער גרויליקער צייט צוגעטראָגן ווערן די געפאַלענע, אומ־רואיקע און צערייצטע געמיטער" — שרייבט טורקאָוו מיט רעכט וועגן דעם אינעם דריטן באַנד פון זיינע זכרונות „די

איבערגעריסענע תקופה״. זאָל אויך דערלויבט זײַן צו ציטירן געצײלטע שורות וועגן דער „בר־כוכבא״־אויפֿירונג, וואָס דער שרײַבער פֿון די שורות האָט געשריבן אין אַ נישט־גינסטיקער צײַט (אין יאָר 1950) אין זײַן בוך, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, „יידיש טעאַטער אין פּוילן״: „עס איז געווען ד ע ר יידישער ספּעקטאַקל, דאָס נייטיקע, וואָס דאָס יידישע טעאַ־טער האָט אין יענע אומרואיקע טעג געדאַרפֿט געבן דעם יידישן פֿאָלקס־מענטש״.

מיט זײַנע נײַע אויפֿירונגען איז דער „וויקט״ ווידער אַרויס אויפֿן אויבן־אָן פֿון יידישן טעאַטער־לעבן אין פּוילן, אין אַ צײַט ווען דאָס קינסטלערישע יידישע טעאַטער אין לאַנד האָט איבערגעלעבט דעם גרעסטן אויפֿשטײַג: דאָס „טעאַטער פֿאַר יוגנט״ מיט גאָלדפֿאַדען־מאַנגערס „כישופֿמאַכערין״, שעק־ספּירס „שטורעם״ און יעקב פּרעגערס „מלך פֿריילעך״; אי־דאַ קאַמינסקאַ־אַנסאַמבל מיט לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסן־קוואַל״, יהושע פּערלעס „נײַע מענטשן״, מאַקס באַומאַנס „גליקל פֿון האַמעלן״; בראָדערזאָנס מיניאַטור־טעאַטער „אַראַראַט״ מיט דזשיגאַן־שומאַכער; יאָנאַס טורקאָווס קאַמעראַל־טעאַטער און אַ גרויסע צאָל אַנדערע אַנסאַמבלען. איז דער „וויקט״ זומער 1939 אַרײַנגעפֿאָרן קיין וואַרשע, אין „נאָוואָשטשי״־טעאַטער, נאָך אַ גאַנץ ערנסטער קאָנקורענץ, נײַערט זיכער מיט זײַן דערגרייכטן קינסטלערישן קאַפּיטאַל. ער האָט אים אָבער נישט זוכה געווען צו באַווײַזן אין וואַרשע — בלויז געצײלטע חדשים באַווײַזן צו שפּילן „שולמית״, וואָס איז געווען דער שלוס־אַקאָרד פֿון יידישן טעאַטער־אויפֿבלי אין פּוילן.

„דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט גאָלד־פאַדען און מיט אים זיך פאַרענדיקט. גאָלדפאַדען איז געווען דאָס שוואַנען־ליד פון יידישן טעאַטער" — מיט די ווערטער שליסט זיגמונט טורקאָוו דעם דריטן באַנד פון זיינע זכרונות. די פעסטשטעלונג איז אָן שום ספק ריכטיק לגבי דעם „וויקט" און נאָך מער לגבי זיגמונט טורקאָוון פערזענלעך. לגבי דעם „וויקט" — איינעם פון די שענסטע דערגרייכונגען פון יידיש טעאַטער אין פוילן; לגבי זיגמונטן — וואָס דער „וויקט" איז געווען זיין לעבן־ווערק און וועלכער האָט פאַרענדיקט זיין שפּילן יידיש טעאַטער מיט זיין אייגענער ביאָגראַפישער גאָלדפאַדען־פּיעסע, געשפּילט אין ישראל אין יאָר 1969. דער „וויקט" האָט זיך געענדיקט אין אַ צייט, ווען דער קינסטלער האָט געמאַכט ברייט־פאַרמאָסטענע פּלענער אין אַלע פּרטים. אין פּרט פון רעפּערטואַר — געשלאָסן אָן אָפּמאַך מיט אַלתר קאַציזנע ער זאָל באַאַרבעטן זיין „דעם יידס אָפּערע", ווי אויך צוגרייטן באַאַרבעטונגען פון אייניקע גאָלדפאַדען־פּיעסן אויף ביבלישער טעמאַטיק; אין פּרט פון שפּיל־פּלענער זענען גע־ווען פאַרבעטונגען פון פאַרשידענע לענדער אין דער וועלט דער „וויקט" זאָל קומען אויף גאַסטשפּילן און אויף סוף 1940 איז געפּלאַנט געוואָרן אַ גרויסער אויסלענדישער טורנע. אויסגעלאָזט האָט עס זיך אַלץ מיט די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, אַוועק מיט די גאַז־אויוונס פון די היטלערישע קרעמאַ־טאָריעס, מיט חורבן פון יידישן אייראָפּע.

דעם קינסטלער געלינגט זיך אַרויסצוראַטעווען, צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי, ראַזאַ, פון היטלער אָקופּירטן וואַרשע

אין פרילינג 1940 — נאָך שוידערן פון דייטשער צוואַנג־אַרבעט, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אַ קורצע צייט. אַן אַדיסייע פון דורכגליטשן זיך דורך אָקופּירטע לענדער, ברענגט זיי קיין איטאַליע, ווו ער פאַלט אַריין אין אַ לאַגער און נאָכן אַרויסבאַקומען זיך פון דאָרט, געלינגט אים, מיט דער הילף פון זיין ברודער מאַרק, וועלכער האָט זיך שוין דאַן געפונען אין אַרגענטינע, צו דערשלאָגן זיך דורך שפּאַניע און פּאָרטוגאַל קיין בוענאָס־איירעס. אָפּגעשפּילט אַ קורצע תקופה דאָרט, פאָרט ער אַריבער קיין בראַזיל, שפּילט אין ריאָ און סאַן־פּאַולאָ, ביז ער באַזעצט זיך אין דער ווייטער פּראָווינץ־שטאָט רעסיפע, כדי זיך צוצוגרייטן צו אַ נייעם עטאַפּ אין זיין לעבן און שאַפן — די בראַזיליאַנער תקופה. אין דער תקופה האָט טורקאָוו, פּאַראַלעל צו זיין אַרבעט ווי אַן אַקטיאָר און רעזשיסער אין יידיש, אויך אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין אַ פרעמדער, ווילדפרעמדער שפּראַך פאַר אים, אין פּאָרטוגעזיש. פריער ווי אַ רעזשיסער אין רעסיפע, שפּעטער אין ריאָ — סיי ווי אַ רעזשיסער, סיי ווי אַן אַקטיאָר.

אין רעסיפע האָט ער פלייסיק געלערנט די נייע שפּראַך. דאָרט האָט ער אויך געמאַכט זיין ערשטע אויפפירונג אין פּאָרטוגעזיש, אַ פּיעסע פון אַן אָרטיקן שרייבער פּאַולאָ גאָנסאַל־וועס „די קאָמעדיע פון האַרץ״, צו וועלכער ער האָט אויך פּראָיעקטירט די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען דעם קוריאָזן אופן, ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן זיין פּאָרטוגעזישע טעאַטער־קאַריערע: אין רעסיפע האָט עקזיס־טירט זינט יאָרן אַ בראַזיליאַנער אַמאַטאָרן־קרייז, וואָס האָט

גראָד אויפגעפירט אַ פּיעסע, אין וועלכער ס׳דערשיינט אַ כּי־נעזער. קיינער פון קרייז האָט אָבער נישט געקענט די קונסט פון גרים, כדי צו פאַרוואַנדלען דעם שפּילנדיקן אין אַ כינעזער. צופעליק איז צו די אָנפירערס פון קרייז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין רעסיפע געפינט זיך אַ „פּוילישער אַקטיאָר״, אַן עמי־גראַנט, וועלכער קען די מלאכה. האָט מען באַשלאָסן אים אויסצופרווון. טורקאָוו, וועלכער איז בכלל געווען אַ מייסטער פון שאַפן סצענישע מאַסקעס, האָט דערפאָלגרייך פאַרוואַנדלט דעם בראַזיליאַנער אין אַ כינעזער, צו דער איבעראַשונג פון אַלע אַמאַטאָרן. האָבן זיי אים באַשלאָסן צו פאַרבעטן אויף רעזשיסירן די נאָענטסטע פּיעסע, וואָס זיי האָבן זיך געקליבן אויפצופירן, די דערמאָנטע „קאָמעדיע פון האַרץ״. איי, ער האָט נאָך נישט געקענט קיין פּאָרטוגעזיש, כדי זיי צו געבן אָנווייזונגען און פאַרטייטשונגען, כדי אַליין צו פאַרשטיין די פּיעסע אַפילו? — האָט אים זיין פרוי, ראָזאַ, וועלכע האָט גיך באַהערשט די פּאָרטוגעזישע שפּראַך, געדינט ווי אַן אי־בערזעצערין און אַן אַסיסטענטין. די אויפירונג האָט געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג, אַ דאַנק דער רעזשי, די רעזשי־סערישע איינפאַלן און אַרבעט מיט די אַמאַטאָרן און דאָס איז דערגאַנגען ביז קיין ריאָ. טורקאָוו איז גלייך פאַרבעטן געוואָרן אַהין, אין דער דאָרטיקער סטודיע „אָס קאָמעדיאַנטעס״, ווי אַ רעזשיסער.

בראַזיליע איז געווען אַ ברייט פעלד פאַר פּיאָנערישער טעאַטער־טעטיקייט, מ׳קאָן זאָגן — אַ רוי־ערד. דאָס דאָזיקע

ריזעדיקע לאַנד, וואָס האָט געציילט איבער 50 מיליאָן איינ־וווינערס, האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגן טעאַטער, קיין אָרי־גינעל טעאַטער־שאַפן. ס'האָבן דאָרט גאַסטראָלירט בלויז אַנסאַמבלען פון פּאָרטוגאַל, אָדער „סטאַרן" פון דאָרט מיט אָרטיקע גרופּעס. אין איניקע שטעט זענען אויך געווען אָרטי־קע דראַמאַטישע קרייזן און סטודיעס — נישט קיין פּראָפע־סיאָנעלע, ליבהאָבערישע יונגע אַרטיסטישע כוחות. מיט אַזאַ קרייז טאַקע האָט זיגמונט טורקאָוו אָנגעהויבן זיין פּאָרטוגע־זישע טעטיקייט אין רעסיפע און בקרוב איז אים באַשערט געוואָרן צו זיין איינער פון די מיטגרינדערס פונעם נאַציאָ־נאַלן בראַזיליאַנער טעאַטער אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ.

ט

אין רעסיפע האָט זיגמונט טורקאָוו לכתחילה אָנגעהויבן זיין אַרבעט מיט אַ יידישן דראַמאַטישן קרייז, ערשט שפּעטער האָט ער די אַרבעט געפירט פּאַראַלעל איןביידע קרייזן, ביזן אַוועקפאָרן קיין ריאָ. פאַרן יידישן קרייז האָט ער געמוזט עפּטער צושטעלן מאַטעריאַל — די יידישע באַפעלקערונג אין רעסיפע איז געווען גאָר אַ קליינע — אַ ספּעציעל צוגעפּאַסטן פאַרן דאָרטיקן עולם. צופיל פּאַסיקע פּיעסן פון דעם מין זענען נישט געווען, האָט ער זיך דערמאָנט זיין האָבי פון די יוגנט־יאָרן און אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר דער בינע. אַזוי

זענען אַנטשטאַנען אַ צאָל אײנאַקטערס (אײניקע פון זײ זענען אויך איבערגעזעצט און אויפגעפירט געװאָרן אין פּאָרטוגע־זיש), װי „אָסקאַר״ (אין ישראל האָט ער אויסגעברײטערט צו אַ גאַנצער פּיעסע), „מעדעם־סאַנאַטאָריע״, װי אויך די גאַנצע פּיעסן: „קראָכמאַלנע־גאַס״ — װעגן ײדישן פֿאָלקס־לעבן אין װאַרשע, „אברהם גאָלדפאַדען״, אַ ביאָגראַפישע פּיעסע װעגן פֿאָטער פון ײדישן טעאַטער און נאָך.

אַן ענלעכע פּאַראַלעלע אַרבעט האָט ער געפירט אין ריאָ, װוּ ער איז אַריבערגעפאָרן פון רעסיפע און װוּ ער האָט אָנגע־הויבן זײן עיקר־אַרבעט אין פּאָרטוגעזיש. אין ריאָ האָט עק־זיסטירט אַן ערנסטער און גרויסער ײדישער דראַמאַטישער קרײז בײ דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק. טורקאָװ האָט אי־בערגענומען די אָנפירונג און רעזשי פונעם קרײז. ער האָט דאָרט געפירט אַ װיכטיקע טעאַטער־דערציערישע און פּעדאַ־גאָגישע אַרבעט — פונעם ציקל לעקציעס, װאָס ער האָט גע־האַלטן פאַר די מיטגלידער פון קרײז איז אין יאָר 1948 אויסגעװאַקסן זײן בוך „שמועסן װעגן טעאַטער״ — װי אויך אַ פּאַרצװײגטע אַקטיאָריש־רעזשיסערישע טעטיקײט.

דער שלום־עליכם־קרײז איז אַ דאַנק דעם פּאַרנעם פון זײן טעטיקײט געװאָרן אַן ערנסטע ײדישע טעאַטער־סטודיע און פאַר טורקאָװן — אַ װאַרשטאַט פאַר אינטערעסאַנטן ײדישן אַקטיאָריש־רעזשיסערישן שאַפן. פון נײע אויפפירונגען, װאָס ער האָט דאָרט געמאַכט, איז כדאי צו דערמאָנען די אויפפירונ־גען: חיים סלאָװעסעס „די נקמה־נעמער״ און „המנס מפלה״



זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו
אין ה. לייוויקס „מהר"ם פון רוטנבערג"

און דער עיקר: ה. לייוויקס „דער מהר״ם פון ראטענבערג״, וואָס ווערט אַ געשעעניש אין דאָרטיקן טעאַטער־לעבן סיי צוליב דער רעזשי, סיי צוליבן קינסטלערס קרעאַציע אין דער הויפּטראָל. ער פירט אויך אויף אין יידיש פּיעסן פון ישראל־דיקע שרייבערס: שולמית בת־דוריס „דער מישפּט״ און יגאל מוסינזונס „בערבות הנגב״ (אין די זאַמדן פון נגב). מיט פּאָר־שידענע פאָרשטעלונגען פון קרייז מאַכט ער אַרויספאָרן אין אַנדערע שטעט פון בראַזיל, ווי סאַן־פּאַולאָ און פּאָרטאָ־אַלעגרע.

זיין עיקר־אויפטו אין ריאָ איז אָבער געווען צו פאַרוואַנד־לען — צוזאַמען מיט אייניקע באַקאַנטע פוילישע אַקטיאָרן, עמיגראַנטן, אַנטלאָפענע פאַר היטלערן — די סטודיע „אָס קאָמעדיאַנטעס״ אינעם לעגיטימען בראַזיליאַנער נאַציאָנאַל־טעאַטער. אָנגעהויבן האָט טורקאָוו ווי אַ רעזשיסער אין „אָס קאָמעדיאַנטעס״ מיט גאָגאָלס „רעוויזאָר״. זיין טענדענץ איז אָבער געווען — גראָד ווי אַמאָל אין „וויקט״ און לעצטנס אין ישראלדיקן „זוטא״ — אויסצופירן אָריגינעלן, מקורדיקן רע־פּערטואַר. צום גליק האָט זיך דאַן געמאַכט אַ געלעגנהייט אָנ־צוהייבן דערמיט: „אָס קאָמעדיאַנטעס״ האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן עקספּערימענט צו באַנייען אַ פּיעסע פונעם פּאָפּולערן אָרטיקן דראַמאַטורג נעלסאָן ראָדריגעז. דאָס איז געווען אַן איבערפלעכלעכע, פּסיכאָלאָגיזירנדיקע פּיעסע, וואָס האָט גע־הייסן „די פרוי אָן זינד״. זי האָט פּרעטענדירט אויף „דאָסטאָ־יעווסקישקייט״, אָבער בעצם געווען אַ סענסאַציאָנעלע מעלאָ־דראַמע. טורקאָוו האָט פאָרגעשלאָגן דעם מחבר אַריינצופירן

אַלס פּויער דאַמאָן אין זשאָרזשע אַמאַדאָס „די ענדלאָזע ערד“
אינעם טעאַטער „אָס קאָמעדיאַנטעס“

ענדערונגען אין דער פּיעסע, ער האָט פאַרבונדן די האַנדלונג מיט פילם־פראַגמענטן און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ סינטעז פון „ווירקלעכקייט אויף דער בינע און אימאַזשינאַציע אויפן עקראַן" — ווי ס׳האָט געשריבן די בראַזיליאַנער פּרעסע. און דער אויספיר פון רעצענזיעס איז געווען: „דער גרויסער דער־פאָלג פון דער פּיעסע איז צו פאַרדאַנקען דער רעזשי".

די ווייטערדיקע אָריגינעלע אויפפירונג איז שוין געווען אין אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער, אין וועלכן „אָס קאָמעדיאַנ־טעס" איז אין צווישנצייט פאַרוואַנדלט געוואָרן. אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט אַ חוץ די באַקאַנטע אַק־טיאָרן פון טעאַטער — אויך באַגאַבטע יונגע נעגער־אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אויף דער בינע אָפּגעשפּילט זייער מיסטעריעזן, רעליגיעז־מיסטישן טאַנץ פון די בראַזיליאַנער נעגערס „מאַ־קומבאַ". טורקאָוו אַליין האָט געשפּילט אין דער פאָרשטעלונג די ראָל פון אַ נעגער־פּויער, דעם שוואַרצן דאַמיאַן. געווען איז עס אין דער דראַמאַטיזירונג פון זשאָרזשע אַמאַדאָס ראָמאַן „די ענדלאָזע ערד" („שטחים אָן אַ סוף"). די דערמאָנטע פאָר־שטעלונג איז געוואָרן טורקאָווס באַדייטנדיקער רעזשיסערי־שער אויפטו אין בראַזיליאַנער טעאַטער און איינע פון די וויכטיקסטע טעאַטער־געשעענישן אין בראַזיל. אַ בילד פון דער פאָרשטעלונג רעפּרעזענטירט בראַזיל אין דער אַרויס־געגעבענער זאַמלונג פון אינטערנאַציאָנאַלן טעאַטער־אינסטי־טוט.

די אַרבעט אין „אָס קאָמעדיאַנטעס" איז געוואָרן דער גורם פון זיין ענגער פאַרבינדונג מיטן פּאָרטוגעזישן טעאַטער

בכלל. פון דאָרט ווערט ער אַנגאַזשירט צו די גאַסטשפּילן פון דער באַרימטער פּאָרטוגעזישער קינסטלערין דולצינאַ דע מאָראַיעס. ביי איר דעביוטירט ער אין דער ראָל פון אַלטן פּאַסטעך אין גאַבריעל ד׳אַנונציאָס „די טאָכטער פון יאָריאָ״ און דערווערבט זיך מיט דער ראָל די אָנערקענונג פון העכסטע בראַזיליאַנער קולטור־קרייזן. ווי גרויס ס׳איז געווען די אָנערקענונג פון דער בראַזיליאַנער קונסט־וועלט פאַר טורקאָוון, קאָן מען מישפּטן לויט דער פּייערונג פון זיגמונט טורקאָוס 30 יאָר טעאַטער־טעטיקייט (אין יאָר 1946). אין „אָס קאָמעדיאַנטעס״ איז דאַן געשפּילט געוואָרן אָ׳נעילס „תאווה״ און די פאָרשטעלונג איז געוואָרן „אַ יום־טוב פון בראַזיליאַנער טעאַטער״, ווי ס׳האָט געשריבן אַ דאָרטיקער זשורנאַל. דער פּאָפּולערער בראַזיליאַנער טעאַטראָלאָג זשאָראַסי קאַמאַרגאָ האָט ביי דער געלעגנהייט באַצייכנט טורקאָוון ווי איינעם פון די „גלענצנדיקסטע פאָרשטייערס פון דער אוניווערסאַלער טעאַטער־משפּחה״. גלייכצייטיק מיט דער פּייערונג אין בראַזיליאַנער טעאַטער איז אויף דער יידישער גאַס פאָרגעקומען אַ גרויסע יובּיליי־פּייערונג, אויף וועלכער דער יובּילאַר האָט געשפּילט זיין גאָלדפאַדענען.

אָנהייב 1949 פאָרט טורקאָוו אַרויס אויף אַ לענגערער רייזע איבער דער וועלט. איניקע חדשים ווײַלט ער אין פּוילן, וווּ ער טרעט אויף מיט זיין פרוי, ראָזאַ, מיט קאָנצערט־אָוונטן איבער די יידישע יישובים פון לאַנד. אין דערזעלבער צייט גרייט ער צו מיטן וראָצלאַווער נידערשלעזישן יידישן טעאַטער די אויפירונג פון שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן״

— צו דער דערעפענונג פונעם ניי־אויסגעבויטן טעאַטער־בנין א. נ. פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. אויף דער פּרעמיערע שפּילט ער זיין באַליבטן האַצמאַך אין דער פאָרשטעלונג. די רעגירנ־דיקע פּוילישע קונסט־קרייזן האָבן אים פאַרגעלייגט פאַנטאַס־טישע באַדינגונגען און פּריווילעגיעס ער זאָל פאַרבלייבן אין פּוילן — ער דאַנקט זיי דערפאַר. אויפן מאַקאַברישן בית־עולם פון יידישן לעבן קאָן ער קיין טעאַטער נישט פירן.

דאָס יאָר לויפט אַדורך מיט גאַסטשפּילן אין פּאַריז, לאָנ־דאָן און אייניקע אַנדערע מערב־אייראָפּעישע שטעט און דאַן קומט דער ערשטער באַזוך אין ישראל. דאָס לאַנד און דאָס לעבן אין לאַנד — נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן פון יענע צנע־יאָרן — פאַרכאַפּט דעם קינסטלער. „יידן, קיין עין־הרע, אַזויפיל יידן צוזאַמען" — האָט ער זיך געפרייט אין אַ בריוו צו זיין פאַמיליע. ער באַשליסט עולה צו זיין. דערווייל קויפט ער זיך אַ דירה אין אַ הויז, וואָס דאַרף אויסגעבויט ווערן און פירט אויף אין „קאמרי" שלום עליכמס „בלאָנ־דזשענדע שטערן". די פאָרשטעלונג פאַלט דורך אין ישראל. די עכט־יידישע טעמע — דערצו: יידיש־טעאַטער־טעמע — איז פרעמד געווען דעם אייראָפּעיש־איינגעשטעלטן יונגן „קאַ־מרי". די אַקטיאָרן האָבן זיך נישט געקאָנט איינלעבן אין דער אַטמאָספער פון דער פאָרשטעלונג און אין די געשטאַלטן. די פאָרשטעלונג איז געווען אַ פרעמדקערפּער אין רעפּערטואַר פון „קאמרי". זינט דאַן האָט זיך אָבער געשאַפן אַ פריינדלע־כע פאַרבינדונג פון קינסטלער מיטן „קאמרי"־טעאַטער און אייניקע יאָר נאָך זיין עולה זיין — אין יאָר 1956, נאָך זיין

דריי געשטאַלטן פֿון דער מאָנאָפּיעסע
„די נאַכט האָט גערעגנט מיט זילבער” פֿון פּעדראָ בלאָך

צוריקקומען פון די גאַסטשפּילן אין אויסטראַליע — טרעט ער אויף אין דעם טעאַטער, שפּילט אין טאָראָנטאָ ווײַלדערס „די לוסטיקע שדכנטע״.

ער פאָרט צוריק קיין בראַזיל כּדי דאָרט צו ליקווידירן זײַן הײם, וואָס איז אים געוואָרן אַזאַ פרײַנדלעכער מקום מקלט אין די שווערסטע יאָרן פון זײַן און פונעם לעבן פון יידישן פאָלק. אין 1952 איז ער עולה קיין ישׂראל און באַזעצט זיך אין זײַן באַשײדענער דירה, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אויסבויען אויף קרן־קיימת 80 אין תּל־אביב. דער ערשטער פּאַרמעסט זײַנער אין ישׂראל איז צו שאַפן אַ „יידישן פאָלקס־טעאַטער״, אויפן אָרט פון ליקווידירטן „גאָלדפאַדען־טעאַטער״. אין משך פון חדשים פירט ער אויף אַ צאָל פון זײַנע אַלטע פאָרשטעלונגען און אײניקע נײַע. צווישן זיי — י. בר־יוסעפס קאָמעדיע „מײַן ווײַב, דער מיניסטער״ און שפּילט צום ערשטן מאָל די מאָנאָ־פּיעסע פון באַקאַנטן בראַזיליאַנער שרײַבער פּעדראָ בלאָך, וואָס האָט זי ספּעציעל אָנגעשריבן פאַר טורקאָוון, „די נאַכט האָט געררעגנט מיט זילבער״, אונטערן נאָמען „צוריק צום לעבן״.

דאָס טעאַטער לעבט איבער אַ קריזיס. צום סטאַביליזירטן ישׂראלדיקן עולם דערגייט עס נישט; פריערדיקע עולים פון יידיש־רעדנדיקע לענדער זענען פאַרטון מיט קליטה־צרות, קיין נײַע עולים קומען נישט אָן פון דאָרט. די יוגנט הערט בכלל אויף צו קומען, אויב זי איז נאָך די ערשטע צײַט גע־גאַנגען אין יידישן טעאַטער — זי גייט שוין אין העברעישן

טעאַטער, אויב זי גייט בכלל. דאָס אַלץ מאַכט טורקאָוון זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט. ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז אַ ווערטיק יידיש טעאַטער אָן אַ הינטערלאַנד פון יוגנט קאָן נישט האָבן קיין דויערנדיקן קיום און באַשליסט איבערצוגיין צו דער פינפטער בינע־שפּראַך, — וואָס איז אייגנטלעך געווען די ערשטע אין זיינע יוגנט־חלומות וועגן טעאַטער — צו העברעיש. דאָס לאַנד לעבט זיך אויס אין עברית, די יוגנט ווערט דערצויגן אין עברית, איז אויב מ׳וויל זיך אויף אַן אמת איינוואָרצלען אינעם לעבן פון לאַנד, מוז מען באַהערשן די שפּראַך, וועלכע ער האָט דורך אַזויפיל יאָרן נישט באַנוצן לגמרי פאַרגעסן.

ווי דער שטייגער ביי זיגמונט טורקאָוון: באַשלאָסן און געטון. ער פאָרט אַוועק אויף אַ האַלב יאָר אין אַ פאַרמאַכטן אולפּן הינטער חיפה און קומט צוריק פון דאָרט מיט אַ פאַרטיקן פּראָגראַם פון רעציטאַציעס און סצענעס אין עברית. מיט דעם פּראָגראַם מאַכט ער אַ טורנע איבער פאַרשידענע יישובים, דער עיקר — איבער קיבוצים. דאָס אינספּירירט אים אויך און דערפירט צום געדאַנק צו שאַפן אַ באַוועגלעך טעאַטער פאַר קיבוצים, וועלכע זענען אין פרט פון קונסט־קאָנסומציע שטאַרק באַוואָלהט געווען אין פאַרגלייך מיט די שטאָטישע צענטערס, בעיקר מיט תל־אביב. אין צווישנצייט ווערט ער פאַרבעטן אין דער מעלבורנער קולטור־געזעלשאַפט „קדימה״ — די צענטראַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציע אין אויסטראַליע — וואָס האָט געפירט אַ וואָגיקן דראַמאַטישן קרייז א. נ. פון דוד הערמאַן. אַן ערך אַ יאָר צייט אַרבעט ער מיטן

דאָזיקן קרייז, דורכשפּילנדיק אַ גרויסע טייל פון זיין לאַנג־יעריקן רעפּערטואַר.

נאָכן צוריקקומען פון אויסטראַליע און אָפּשפּילן אין „קאַמרי" די „פריילעכע שדכנטע", מאַכט טורקאָוו די צו־גרייטונגען צו זיין גרעסטן ישראלדיקן אויפטו — „תיאטרון זוטא". ס׳איז לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ וואַנדערנ־דיק באַוועגלעך קאַמער־טעאַטער, וואָס זאָל אויספירן פּיעסן פון ישראלדיקע מחברים, ד. ה. אַ טעאַטער, וואָס זאָל ווערן אַ מין עקספּערימענטאַלער וואַרשטאַט פאַר דער מקורדיקער דראַמאַטורגיע און זאָל גלייכצייטיק באַדינען די פּאַרוואָרפענ־סטע פונקטן אין לאַנד. דערמיט איז ווידער געקומען צום אויסדרוק זיגמונט טורקאָווס לאַנגיעריקער אידעישער וועג אין טעאַטער: שאַפן אַ בינע, וועלכע זאָל סטימולירן דאָס מקורדיקע שאַפן און וואָס זאָל דינען די גייסטיקע נויטן פון דער פאָלקס־מאַסע. „די באַשטימונג פון טעאַטער איז: צו דערמוטיקן, דערציען און אויפהייטערן דעם צושויער. דאָס טעאַטער קומט נישט סתם צו פאַרווײַלן, אָדער העלפן דעם צושויער איינצוזינקען אין תהום פון שכחה, אַנטלויפנדיק פון דערווירקלעכקייט און אירע פּראָבלעמען. זיין אויפגאַב איז צו דערוועקן אַ פּראָצעס פון דענקען. באַווייזנדיק דאָס נעגאַ־טיווע דאַרף עס וועקן דעם דראַנג צו דערגרייכן דאָס גוטע" — שרייבט טורקאָוו אין איינעם פון זיינע אַריינפירן צו די „זוטא"־פּראָגראַמען. און אין אַן אַנדער אַריינפיר שרייבט ער: „ווער ס׳פאָלגט נאָך דעם רעפּערטואַר פון ,זוטא׳, קאָן באַמערקן, אַז די פּיעסן פון אונדזער רעפּערטואַר באַשעפטיקן זיך מיט

פראָבלעמען, וואָס אינטערעסירן אונדזער געזעלשאַפט..." און נאָך עפּעס: „בעת אונדזערע פאָרשטעלונגען איבערן לאַנד האָבן מיר לעצטנס פעסטגעשטעלט, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער און פילפאַרביקער עולם, וועלכער נייטיקט זיך אין אַ טעאַטער ווי אין איינעם פון די גורמים פון אַ גייסטיקער קליטה". דער זאַך האָט אויך געדינט „זוטא" אין משך פון דער צען־יאָריקער עקזיסטענץ.

אין משך פון די צען יאָר (1957—1967) האָט „זוטא" דורכגעמאַכט איבער אַ האַלבן מיליאָן קילאָמעטער איבער די שאָסייען און וועגן פון לאַנד; באַזוכט ביי 300 קיבוצים און יישובים, אַ טייל פון זיי — ניי־געשאַפענע, אויף די ווייטסטע גרענעץ־געביטן, ווו „זוטא" איז געווען דאָס ערשטע טעאַטער בכלל. אין משך פון די יאָרן האָט „זוטא" אויפגעפירט 12 פּיעסן, אין דעם בלויז איין פּיעסע פון נישט קיין ישראלדיקן מחבר: די קאָמעדיע „השועל והענבים" פון בראַזיליאַנער דיכטער גילערמע פיגערײדא, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין 4־טן יאָר פון דער „זוטא"־טעטיקייט, ווי אַ מין צייכן פון זיגמונט טורקאָווס דאַנקשאַפט און פאַרערן פאַרן בראַזיליאַנער פאָלק און זיין קולטור, פאַרן מקום מקלט, וואָס זיי האָבן געגעבן אַ גערודפטן יידישן קינסטלער.

אַלע אַנדערע פּיעסן, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין „זוטא" — אַלע זענען זיי אויפגעפירט געוואָרן פון זיגמונט טורקאָוון און אין אַלע האָט ער מיטגעשפּילט — זענען געווען פון ישראלדיקע מחברים: מרים אלונה, ז. סאַלאָטע (ז. טור־קאָוו) — די פּיעסע „אָסקאַר", וואָס איז געשפּילט געוואָרן ביי

די 200 מאָל; יוסף הייבלום, יורם מטמור, נתן שחם (צוויי פּיעסן: „ארבע עינים ועפרון", געשפּילט ביי די 200 מאָל און „מחיר הקרן" — איבער 200 מאָל), חנוך ברטוב, „סע הביתה, יונתן", געשפּילט ביי די 300 מאָל און אין יידיש בעת די לעצטע אויסלענדישע טורנעען, אהוד בן־עזר, ש. חלפי, י. בר־יוסף און יגאל לב („זעקת השתיקה"). די לעצטע פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן בלויז איין מאָל — זי איז געריכטלעך פאַרבאָטן געוואָרן, ווייל דאָס געריכט האָט איינגעפונען, אַז די טעמע איז „סוב יודיצע", זי רופט זיך איבער מיטן סענסאַ־ציאָנעלן מלחי־פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן זייער אַ לאַנגע צייט .דער דאָזיקער פאַרבאָט איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר „זוטא". דאָס האָט גורם געווען אַ צוזאַמענבראָך ביי זיגמונט טורקאָוון און בקרוב אויך — דעם אונטערגאַנג פון „זוטא".

פאַר דעם, אין יאָר 1966, ווערט געפייערט דער 70־יעריקער געבוירן־טאָג פון קינסטלער און דער יובל פון זיין טעאַטער־טעטיקייט מיטן אַן אימפּאָזאַנטן אָוונט אין תל־אביב. דער יובל ווערט אויך ברייט אָפּגעמערקט אין דער יידישער פּרעסע כמעט פון דער גאַנצער וועלט. זיגמונט טורקאָוו ווערט אויסגעצייכנט מיטן ערן־פּרייז פון דער שטאָט תל־אביב, צו־געטיילט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אין די הייסע טעג פון סוף מאַי — אָנהייב יוני 1967 פאָרט ער נאָך אַרום מיט אַ באַנייונג פון „סע הביתה, יונתן" איבער די מיליטערישע לאַגערן. אין יאָר 1968 פאָרט ער אַרויס מיט זיין פרוי, ראָזאַ, אויף אַ גרויסן טורנע איבער דרום־אַמעריקע, ווו ער שפּילט — צווישן אַנדערע — דיזעלבע פּיעסע פון חנוך ברטוב אויף

אין דער „זוטא״־פאָרשטעלונג „סע הביתה, יונתן״

יידיש. ווידער די אַמאָליקע עטאַפּן פון זיין וואַנדערונג: בראַ־זיל, אַזש ביז ווענעצועלע.

צוריקגעקומען קיין ישראל, טרעט ער אַרויס מיט אַ יידי־שער אויפירונג: זיין אייגענע פּיעסע „אברהם גאָלדפאַדען" אין אַ נייעם וואַריאַנט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „זינג, מיין פאָלק!" און מיט דער גאָלדפאַדען־געשטאַלט פאַרענדיקט ער זיין שפּילן אין ישראל. אין 1969 ווערט ער פאַרבעטן צו רעזשיסירן אין דער אָנהייב־שטאָט פון זיין בראַזיליאַנער קאַריערע, אין דער שטאָט רעסיפע, ווו דאָס טעאַטער, וועל־כעס האָט מיט זיין הילף אָנגעהויבן די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע שריט, האָט געפייערט דעם 25־יעריקן יובילעי. זיין געזונט קאָן מער נישט פאַרטראָגן דעם שווערן קלימאַט פון רעסיפע, מוז ער רעדוצירן זיין ווילן דאָרט און נאָך אַ צאָל קאָנצערט־אויפטריטן מיט זיין פרוי ראָזאַ אין סאַן־פּאַולאָ, ריאָ־דע־זשאַנעיראָ און קאַראַקאַס (ווענעצועלאַ) — צוריקקומען אַהיים. ער איז מער פיזיש נישט בכוח אויסצוטראָגן די שוועריקייטן פון וואַנדערן און שפּילן.

פאַרן לעצטן אַרויספאָר קיין בראַזיל באַקומט ער פון קולטור־ און בילדונג־מיניסטעריום אַ מעלדונג וועגן דעם, אַז די ישראל־רעגירונג האָט אים צוגעטיילט אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע, ווי אַ צייכן פון אָנערקענען זיינע פאַרדינסטן לטובת דער טעאַטער־קונסט ביי יידן. פון דער פּענסיע קאָן ער, ליי־דער, נישט געניסן: אייניקע וואָכן נאָכן צוריקקומען קיין ישראל, אין ברען פון זיינס אַ פרישן פּלאַן צו שאַפן אַ טעאַ־טער פון נייע עולים און פאַר נייע עולים, ווערט פּלוצלינג



גאָלדפאַדען

איבערגעריסן — דורך אַ האַרץ־אַטאַק — זיין מיפּול, שאַ־
פעריש און פאַרדינסטפול ברויזנדיק לעבן. אין דער נאַכט פון
20־טן אויפן 21־טן יאַנואַר 1970.

גראַד ווי זיין גאַנץ לעבן איז אַדורך אין דינסט פון פאָלק
און זיין קולטור, האָט ער אויך מיט זיין טויט זיך געוואָלט
פאַרדינען דער וויסנשאַפט פון פאָלק: זיין גוף האָט ער תורם
געווען דעם תל־אביבער אוניווערסיטעט פאַר פאָרש־צוועקן.
איז נישט געווען קיין לוויה פון באַליבטן יידישן פאָלקס־קינ־
סטלער און יידישע מענטשן אין גאָר דער וועלט האָבן אויס־
געדריקט זייער טרויער דורך איינדרוקפולע אַזכרות, וואָס
זענען צו די שלושים פאָרגעקומען אין פּאַריז און ריאָ דע
זשאַנעיראָ און בוענאָס־איירעס. דער עיקר אָבער איז געווען
די צענטראַלע אזכרה אין תל־אביב, איינגעאָרדנט פון דער
תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג, מיטן אָנטייל פון שטאָט־
פּרעזידענט, י. ראַבינאָוויטש, פאָרשטייער פון קולטור־מיניס־
טעריום, פון קולטור־צענטער ביי דער הסתדרות, פון דער
ישראלדיקער קונסט־וועלט און פון דער יידישער שרייבער־
משפחה. די העברעישע פרעסע און די יידישע פרעסע אין
גאָר דער וועלט האָט אין טרויער־ און אָפּשאַץ־אַרטיקלען
אָפּגעגעבן כבוד זיגמונט טורקאָוון — דעם אַרטיסט, רע־
זשיסער, שרייבער און גייסטרייכן מענטש, דער פילזייטיק
באַגאַבטער און פילפאַרביקער פּערזענלעכקייט.

אסתר רחל קאמינסקא

אונ

זיגמונט טורקאוו

אסתר־רחל קאַמינסקאַ — „די מאַמע פון יידישן טעאַטער״;
זיגמונט טורקאָוו — דער גרינדער פון וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער. נעמען־סימבאָלן אינעם אויפבלי פון יידיש טעאַטער אין פוילן במשך פון צוויי תקופות — זיי דאַרפן בלייבן פאַרייניקט אין געדעכעניש, גראָד ווי זיי זענען געווען פאַרבונדן אין דער טעאַטער־ווירקלעכקייט.

צוויי נעמען — לייכטורעמס פאַר צוויי טעאַטער־דורות. די דורות זענען אַוועק מיטן רויך פון קרעמאַטאָריע־אויוונס. די תקופות זענען געוואָרן אין בעסטן פאַל — געשיכטע; די לייכטורעמס — פאַרלאָשן געוואָרן דורכן וויסטן שטורמווינט פון אונדזער דריטן חורבן, אינעם פאַרטיליקטן יידיש־פוילן.

פאַרשידן איז געווען זייער גאַנג צום טעאַטער און אויף אַ בשותפותדיקן וועג זענען זיי זיך צונויפגעקומען אַ יאָר־צענדליק פון זייער שאַפן אין טעאַטער. פאַר אסתר רחלען איז עס געווען דער לעצטער יאָרצענדליק פון איר שאַפן; פאַר זיגמונטן — דער ערשטער.

פאַרשידן זענען געווען זייערע היימען, סביבה, דערציונג, גרונט־באַגריפן. און צונויפגעקומען זענען זיי זיך ביי איין און דעם זעלבן אָביעקט פון גרויסער ליבשאַפט: טעאַטער.

פון די קינדער־יאָרן אָן האָט זייביידן געצויגן צו דעם גלאַנצפולן — געבענטשטן און פאַרשאָלטענעם — כישוף־

ווינקל, ווו ס'ווערן געשפּינט ליכטיקע און בייזע חלומות: צו דער בינע. וואָרים ביידע זענען זיי געווען — ווי דאָסטאָיעווסקי האָט עס אויסגעפּיבערט — פאַרשאָלטן מיט טאַלאַנט.

אסתּר רחל האָט פונעם אומעטיקן, אָרעמען, ווייסרוסיש־ליטווישן פּייזאַזש, פון איר קליין שטעטעלע, צווישן וואַלד און פעלד, אַרויסגעזונגען אַ חלום וועגן אַן אַנדער וועלט. דער חלום אירער האָט זיך אין דער גרויסער וועלט פאַרוואַנדלט אין יידיש טעאַטער. אין זיינע וואַנדערונגען האָט זי אַריינגעזונגען איר לעבן־ליד.

זיגמונט האָט פון דער גרויסער שטאָט, פון פּוילנס הויפּט־שטאָט, פון איר אימפּעט און ברויז, אויסגעשטאַלטיקט באַשטימטע וויזיעס וועגן טעאַטער, וועגן קונסט בכלל; אַרויסגעטראָגן באַגריפן, אויסגעפורעמטע אויפן באָדן פון אַ קולטור־קינסטלערישער פּוילישער בינע אויף אַ הויכער מדרגה, ווי אויך פונעם שאַפן פון גרויסע רוסישע בינע־קינסטלערס. דאָס אַלץ האָט ער אַריינגעבראַכט אין די אָרעמע יידישע טעאַטער־געצעלטן.

אסתּר־רחלס צושטייער צום ווונדערוווּקס פון יידישן טעאַטער איז געווען — אַ חוץ איר פענאָמענאַלן טאַלאַנט — די שורשדיקע פאָלקסטימלעכקייט. דאָס זענען געווען די נאַטור־זאַפטן פונעם יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס האָבן זיך אין משך פון דורות קאָנסערווירט אין דער געדיכטעניש פון פאַרוואָרפענע מזרח־אייראָפּעישע שטעטלעך. די נאַטור־זאַפטן, די נישט־געפעלשטע פאָלקסטימלעכקייט אירע — דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן און גייסט אין יידישן טעאַטער...

— אַ רגע לאָמיר זיך דערמאָנען: י י ד י ש טעאַטער? — אין יענער תקופה איז עס דאָך גאָר געווען ביזן גרונט פֿאַרקריפּלט, „יידיש־דייטש" — אַן אַרענע פֿון קלאָונאַדע און הפקרות, אַ וויסטעניש פֿון קולטור־מידבר. הפקרות און קולטורלאָזיקייט האָבן דאָרט געדייעט מיט שטעכלדיקייטן, געוואַקסן אונטערן שוץ פֿון די, וועלכע האָבן געפּיעסטעוועט אַלע ווילדגראָזן אויף דער קוים־צעאַקערטער רוי־ערד פֿון טעאַטער ביי יידן. אסתר רחל איז געווען דער עיקר־גורם פֿון גורלדיקן קער צו אַן אַנדער מאָרגן. מיט איר שאַפֿערישן כּוח און סצענישן אויפֿטו האָט זי די יידישע בינע אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ ט ע אַ ט ע ר ביי יידן. זי האָט געהאָלפֿן פֿאַרוואַנדלען דאָס צום מיינסטן פֿאַרוואָרלאָזטע קינד פֿון דער יידישער גאַס — צומאָל פֿון די הינטערגעסלעך — אין אַ לעגיטימען צווייג אינעם קולטור־שאַפֿן פֿון די יידישע מאַסן. זי איז געווען די אָנהייבערין, וואָס האָט באַווירקט ממשיכים, צוגעצויגן ווייט־שטייענדיקע, דערנענטערט אָפּגעפֿרעמדטע און דערוווייטערטע.

זיגמונט טורקאָוו צושטייער צום וווּנדערבלי פֿון יידיש טעאַטער אין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען — אַ חוץ זיין גרויסן סצענישן טאַלאַנט — דאָס וויסן און אייראָפּעיִשע קולטור, וועלכע ער האָט געהאָלפֿן איינבירגערן אויף די יידישע בינע־ברעטער. און פֿאַרוואָס עפּעס אייראָפּעיִשע? — יידישע קולטור, בכלל קולטור, עלעמענטאַרע קולטור צומאָל, וועלכע ער האָט געהאָלפֿן איינבירגערן אויף די יידישע בינע־ברעטער. וואָרים קולטור איז נאָך אַלץ געווען

אַ זעלטענער גאַסט אינעם יידישן טעאַטער אין פּוילן — אַפילו נאָך אסתר־רחלס גרויסע פאַרמעסטן און אויפטועך.

אַ דערצויגענער אויף גוטע טעאַטער־מוסטערן, אין טעאַטער־שולן — דאָס איז געווען אַן אומבאַקאַנטער באַגריף פאַרן גאָלדפאַדען־ און נאָך־גאָלדפאַדען אַקטיאָר (טיילמאָל אַפילו — אַ שול בכלל, אַן עלעמענטאַר־שול); אַ באַרייכערטער מיט אַלגעמיינער בילדונג, וואָס האָט אויסגעברייטערט זיינע קינסטלערישע האָריזאָנטן און באַקרעפטיקט זיין טאַלאַנט, האָט ער מיט די דערוואָרבענע אוצרות געהאָלפן רייניקן די דעמפּיקע אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אינעם חושכדיקן יידישן טעאַטער־קעלער. דער קעלער האָט געקאָנט זיין באַגלאַנצט מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, לויטן אַמעריקאַנער שטייגער; באַפּוצט מיט די געשמאַקלאָז־פאַרביקסטע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — דאָס האָט לגמרי נישט פאַרקלענערט זייער גייסטיקע חושכדיקייט. זיגמונט טורקאָוו איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט גייסטיקע אויסלייטערונג אין דער חשכות פון יידישן טעאַטער־קעלער, צוגעגעבן דעם יידישן בינע־שאַפן אַ בכבודיקן שטאַנד, ווען קינסטלערישע אַטמאָספער וועגט איבער און פאַרטרייבט דאָס חשכות. ווען מאַטעריעלע אָרעמקייט — אויב זי איז ציכטיק און גייסטיק רייך — איז נישט קיין שאַנד, נאָר אַ שלעכטער צושטאַנד, אַרויסגערופן דורך געשיכטלעכע און סאָציאַלע נויטן.

אין אַ גורלדיקער תקופה איז פאָרגעקומען דער שאַפערישער צוזאַמענטרעף פון די צוויי פאַרשידענע קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען — אסתר רחל קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו.

די גורלדיקייט האָט באַדינגט זייער צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענשאַפן אין משך פון יאָרצענדליק. די רייפסטע פירות פון דעם צוזאַמענשאַפן — פירות, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך אייביקייט־ווערטן — זענען געווען: אסתר רחלס אָנטייל אינעם באַגין פון וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער „וויקט״; זיגמונטס איניצירנדיקער און דעצידירנדיקער אָנטייל אינעם שאַפן דעם טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

אסתר רחלס אָנטייל אינעם „וויקט״ איז געווען אפשר בלויז אַ סימבאָלישער — איר נאָמען האָט באַשיינט דעם ערשטן „וויקט״־אַפיש. איר טאַלאַנט, איר סצענישע אַקטיווקייט האָט למעשה אַ קורצע צייט באַקרעפטיקט עטלעכע פאָרשטעלונגען אין צוויי עטאַפן פון די ערשטע צוויי יאָר „וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער״. נייערט איר השפעה אויפן שאַפערישן וועג פון „וויקט״, דער גייסט פון דער „מאַמען פון יידישן טעאַטער״. די טראַדיציעס פון איר ווירקן, דערציען יונגע אַרטיסטישע דורות און דרייסטע עקספּערימענטן — דאָס האָט געשוועבט אין אַלע עטאַפן, וואָס דאָס וואַרשעווער יידישע קונסט־טעאַטער האָט דורכגעמאַכט, אין אַלע יאָרן פון זיין טעטיקייט, ביז זיין אומקום אין די גיהנום־פייערן פון באַלאַגערטן וואַרשע, פון דער היטלערישער שריפה.

זיגמונטס אָנטייל אין טעאַטער־מוזיי א. נ. פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ איז געווען פון די ערשטע שריט אָן — צוזאַמענשטעלן די עקספּאָנאַטן און איינאָרדנען דאָס דערעפענען צו די שלושים נאָך איר טויט אין דעם צימער, ווו זי האָט אויסגע־

הויכט איר לעצטן אָטעם און איר לאַנגיעריקער היים אויף אַבאָזשנע 11 — און דעם אַריבערפירן דעם מוזיי אין ווילנער „ייוואָ", ווו ער איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַ בכבודיקן צווייג פון „ייוואָ"־אַקטיוויטעטן; זיין כסדרדיקע זאָרג איז געווען צו באַרייכערן און אויסברייטערן די נייע יידישע קולטור־אינסטיטוציע, ביז זי איז אין איר גרעסטער טייל אויך אַוועק מיטן רויך פון דער היטלערישער שריפה, צערויבט און צעשטערט דורך די נאַצישע באַרבאַרן.

פּאַראַלעל צום מוזיי איז געווען זיגמונט טורקאָווס אומאויפהערלעכע זאָרג צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון אסתר־רחלען — ביי יעדער געלעגנהייט און אויף יעדן וואַנדערוועג זיינעם, אין אַלע פיר ביכער פון זיין ליטעראַרישער ירושה, ביי יעטוועדער קיילעכדיקער דאַטע, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט דער „מאַמען" — ביזן געדאַנק, דער איניציאַטיוו צוצוגרייטן אַ ברייט־פאַרמאָסטן פייערן איר 100־טן געבוירן־טאָג. די ערשטע טואונגעןביים צוגרייטן, די ערשטע סטימולן אין רייד און בריוו צו אַנדערע, — וואָרים צו דער עצם־דאַטע האָט זיין קראַנק האַרץ נישט באַוויזן מער צו ציען.

איז דען דאָס אַלץ געשען צוליב דער משפחה־קרובהשאַפט, וואָס האָט זיך בשעתו געשאַפן צווישן די צוויי קינסטלערס? — יאָ און ניין. אַוודאי האָט דער פאַקט פון זיגמונט טורקאָווס ווערן דער איידעם פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ אין אַ געוויסער מאָס משפיע געווען, אַז אויך די שאַפערישע פאַרבינדונג צווישן זיי זאָל ווערן אַן ענגערע. דאָס איז געווען דער

מקור פונעם נאָמען „משפּחה", וואָס איז אָפּטמאַל דורכן אַק־טיאָרישן „קאַ:אַפּיזם", דער קנאה־שנאה, ווי אַ לונג און לעבער אַנגעהאָנגען געוואָרן ביי פאַרשידענע — אָפּטמאַל פיינלעכע און געפערלעכע — געלעגנהייטן. אַנגעהאָנגען געוואָרן סיי אויף אסתר־רחלס, סיי אויף זיגמונטס נאָמען, סיי אויף אַלע אַנדערע, וואָס זענען מיט געוויסע משפּחה־פעדעם געווען פאַר־בונדן מיט אסתר־רחלען. געווען צייטן, בעיקר אין די פאַר־פלאָנטערטע און בלוטיקע טעג פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, ווען דער פאָרוואורף „משפּחה" איז געווען סכנות נפשות, דערפירט צומאָל צום מסכן זיין זיגמונט לעבן אין אַ מסירה צום „טשעקאַ" — נישט צו רעדן שוין וועגן דעם פאַרלאַנג פון „נאַציאָנאַליזאַציע", אין גייסט פון דער „קנאה פון די נישט באַזיצנדיקע קלאַסן", לויטן אויסדרוק פון אַ דענקער. נייערט נישט בלויז דער ענין משפּחה האָט געווירקט אויף די שאַפערישע פאַרבינדונגען.

וואָרים אין דער ערשטער צייט פון זייער צוזאַמענאַרבעט — און דאָס איז געווען אַ צוויי יאָר איידער זיי זענען גע־וואָרן „משפּחה" — האָט זיך אָנגעהויבן אויסצווווירקן די השפּעה פון דער „מאַמען" איבערן יונגן אַדעפּט פון יידישן טעאַטער. „צום גליק איז מיר געווען באַשערט אין מיין פריסטער בינע־יוגנט זיך צונויפצוטרעפן מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ און זי האָט מיר אונטערבאַוווסטזיניק געוויזן דעם וועג צום מענטש, צום אמת אויף דער בינע" — דער־ציילט זיגמונט טורקאָוו אינעם ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות „פראַגמענטן פון מיין לעבן". אין איבערקוק פון די שולן,

לערערס און השפעות אויף זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג, פאַרנעמט אסתּר־רחל אַן אַנזעעוודיק אָרט.

דאָס אויסווירקן זיך פון משפחה־פאַרבינדונגען קאָן מען גיכער געפינען ביי אסתּר־רחלען, אין דער זאַמלונג פון אירע בריוו, וואָס זענען צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן (אין יאָר 1927) דורך מאַרק טורקאָוו. דאָס זענען אָבער אינטים־פּריוואַטע בריוו, בריוו פון דער אמתער יידישער מאַמען. שרייבט מיט רעכט י. ראַפּאַפּאָרט אין „ביכער־וועלט" (1928): „אין די בריוו זעען מיר פאַר זיך נאָר די פּריוואַטע מאַמע, נישט די מאַמע פון יידישן טעאַטער. נאָר אומדירעקט קאָנען מיר מאַכן געוויסע אויספירן, וואָס האָבן אַ שייכות צום טעאַטער. אויב אסתּר־רחל קאַמינסקאַ האָט כסדר געקעמפט מיט געלט־שוועריקייטן, אויב זי האָט כסדר געדאַרפט אַרומפאָרן — איז אַ סימן, אַז דער יידישער טעאַטער איז נישט געווען מיט אַלעמען. אָבער דאָס זענען אַזעלכע אַלגעמיינע ערטער, וואָס מ'דאַרף צוליב זיי נישט אָנקומען צו בריוו־זאַמלונגען".

די בריוו, וואָס קומען אַריין אין מאַרק טורקאָווס זאַמלונג, זענען בעיקר פון אסתּר־רחלס לעצטע יאָרן און הויפּטזעכלעך — צו דער נאָענטסטער משפּחה. דערפאַר איז י. ראַפּאַפּאָרט גערעכט, ווען ער שטעלט פעסט, אַז „אין די דאָזיקע בריוו איז קיין סימן נישטאָ פון דער ,מאַמען פון יידישן טעאַטער', נישט פון דער רייכער פערזענלעכקייט פון דער קינסטלערין, נישט פון דער קולטור־ און טעאַטער־

סביבה, וועלכע זי האָט געשאַפן און אין וועלכער זי האָט געלעבט״.

אויך די זכרונות פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ, אין וועלכע ס׳זענען דווקא יאָ דאָ גאַנץ בולטע סימנים פון איר רייכער פּערזענלעכקייט, פון דער קולטור־סביבה און דער טעאַטער־וועלט, אין וועלכער ס׳איז איר אויסגעקומען צו לעבן און שאַפן — ווי י. ראַפּאַפּאָרט טענהט אין שייכות מיט די בריוו — זענען אין פּרט פון צוזאַמענאַרבעט מיט זיגמונטן אַ נישט־באַשריבן בלאַט. די זכרונות, וואָס זענען אונטערן נאָמען „דערנער און בלומען״ — און אונטער דער רעדאַק־ציע פון יאָנאַס טורקאָוו — דערשינען אין המשכים אין דער וואַרשעווער טאָגצייטונג „מאָמענט״, האָבן נישט באַוויזן צו דערגיין צו דער תקופה פון צוזאַמענאַרבעט צווישן אסתר־רחלען און איר צוקונפטיקן איידעם.

דער שרייבער פון די שורות וואָלט אין דעם פּרט גע־קאָנט אין אַ געוויסער מאָס אויספילן די בלויזן, ווען ער שטרענגט אָן זיין זיכרון — אויף וויפל דער זיכרון וואָלט אים געדינט. און אפשר וואָלט ער אים טאַקע געדינט, אין הסכם מיטן זאָג פון אַ ייד אַ פּיקח, אַן אָנגעזעענע פּאָליטישע פּערזענלעכקייט אין ישראלדיקן לעבן, אין אונ־דזער פּאַרלאַמענט, ב. ניר: אַז מ׳קומט אין די עלטערע יאָרן, געדענקט מען, וואָס איז געשען מיט צענדליקער יאָרן צו־ריק, מ׳פאַרגעסט אָבער, וואָס איז געווען מיט פינף מינוט צוריק... וואָרים דאָ האַנדלט זיך וועגן זכרונות פון קנאַפּע פופציק יאָר ווען כ׳בין געווען גאָר־גאָר אַ יונגער בחור און

אין די לעצטע פּאָר יאָר פון אסתר־רחלס לעבן געהאַט די זכיה צו זיין דער שטוב־סעקרעטאַר, אַזוי צו זאָגן, אַ מין פּריוואַט־סעקרעטאַר ביי דער גרויסער קינסטלערין.

איז אויסגעקומען צו הערן און שרייבן אירע אַרויסזאָגן וועגן פאַרשידענע טעאַטער־, קונסט־ און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווי אויך: וועגן איר באַציונג צום אידעם, ווי צו אַ קינסטלער, אַן אינדיווידואַליטעט, אַ דערקוויקנדיקע דערשיינונג אינעם יידישן טעאַטער — אַ חוץ איר ציטערדי־קייט וועגן אים, ווי וועגן אַן אייגענעם, נאָענטן מענטשן, אַ משפּחה־מיטגליד.ליידער זענען נישט פאַרבליבן ביי מיר די פאַרצייכנונגען פון יענע טעג און ס׳וועט גאָרנישט לייכט זיין צו געפינען דאָקומענטירטע שפּורן פון יענע אַרויסזאָגן — בריוו, אַרטיקלען, זכרונות, וואָס זענען אין פאַרשידענע צייט־שריפטן געווען געדרוקט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — אויב ס׳קאָן נאָך בכלל זיין אַ האָפנונג ערגעץ זיי צו געפינען נאָך דעם גרויסן חורבן. מוז מען זיך באַגנוגענען מיטן אַל־געמיינעם איינדרוק, וואָס האָט זיך איינגעקאָרבט אינעם זיכרון: גרויסע ליבשאַפט פון אסתר־רחלען צו זיגמונטן, ליבשאַפט ווי פון אַ מאַמע צו אַ קינד — פון אַזאַ ליבנדיקער מוטער, ווי ס׳איז געווען די מאַמע פון יידישן טעאַטער; התפעלות פאַר זיינע פאַרמעסטן און אויפטוען, פאַכמעניש אָפּשאַצן, וואָס האָט גורם געווען איר באַוווּנדערן. נייערט נישט בלינד — קרי־טישע, צומאָל שאַרף קריטיקירנדיקע אָפּרופן, קריטיק, אַרויס־געפלאָסענע פון ליבשאַפט און זאָרג. איינגעקריצט אין זיכרון איז געוואָרן איר שאַרפע קריטיק אויף דער „לייכטפיסיקייט״

פון מאָליערס „ליבע אַלס דאָקטאָר" — אַזוי האָט זיך אויס־געדריקט וועגן דער באַלעט־מעסיקער אויפירונג פון זיגמונטן אין אַ רעצענזיע דער פּאָפּולערער וואַרשעווער טעאַטער־קרי־טיקער פון יענע יאָרן, א. ש. יוריס. ביי איר גאַנצער גוטמו־טיקייט האָט זיך אסתר־רחל געבייזערט דערויף, נישט צופרידן געווען פון דער פאָרשטעלונג בכלל: „פון די לייכטע פּיס אויף דער בינע, ווערט מיר שווער אויפן האַרצן... מיר די גוטע יאָר וואָס דער ,קאַרגער' איז זיגעלען מער געלונגען. דאָרט איז טאַקע געווען ווייניק פּיס, אָבער אַ סך האַרץ. און טעאַטער מאַכט מען מיטן האַרצן, נישט מיט פּיס".

דאָס זענען, פאַרשטייט זיך, בלויז צויטן פון זכרונות, אַרויסזאָגן — פון אסתר־רחלס באַנעמען טעאַטער און איר באַציען זיך צו זיגמונטן. דאַקעגן וועגן זיגמונטס באַציונג צו אסתר־רחלען האָבן מיר אַ סך דאָקומענטירטע מאַטעריאַלן, אַ גרויסע צאָל פון זיינע אַרויסזאָגן און טואונגען. קודם־כל — די ביכער פון זיגמונט טורקאָוו. אַביסל וועט מען אין זיי געפינען אויך אַ געוויסן שיין אויף אסתר־רחלס באַציונג צו אים. אַ שטייגער, וואָס ער דערמאָנט די פּרעמיערע פון מאָ־ליערס „דער קאַרגער" אין וואַרשעווער „צענטראַל" — אינעם דריטן באַנד פון זיינע זכרונות „די איבערגעריסענע תקופה" — פאַרענדיקט ער דאָס קאַפּיטל: „מיין גרעסטע באַלוינונג האָב איך דעם אָוונט באַקומען פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, וואָס האָט אין אַ זייטיקער לאָזשע זיך צוגעקוקט צו דער פאָרשטע־לונג. זי איז אַרויף צו מיר און אַן ווערטער זיך צעקושט. אין דעם קוש איז געווען די ליבע פון אַ מאַמען, אָנערקענונג פון

אַ חברטע, סמיכה פון אַ קינסטלערין און דערמוטיקונג מצד אַזאַ פּאַרדינסטפולער טעאַטער־פּערזענלעכקייט".

זיגמונט האָט גאָר הויך געשאַצט די מיינונגען פון אסתּר־רחלען — נישט בלויז וועגן אים גופא, וועגן זיינע קינסטלע־רישע אויפטועז. אין זיין ערשטלינג־בוך „שמועסן וועגן טע־אַטער", האָט ער אינעם קאַפּיטל „די בראָדער־זינגער" דער־מאָנט וועגן דעם: „דער גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז מיינע ערשטע טריט אינעם יידישן טעאַטער זאָלן געמאַכט ווערן אונטער דער מוטערלעכער השגחה פון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. די דאָזיקע גרויסע קינסטלערין איז אויך געווען אַ מערקווירדיק אינטערעסאַנטע און אינטעליגענטע דערציילערין. אירע שמועסן האָבן מיר געגעבן אַ קוואַל פון באַלערנדיקן מאַטעריאַל וועגן די חבלי לידה פון דער מאָדערנער יידישער דראַמע..." און אַביסל ווייטער שרייבט ער: „אסתּר־רחל איז געווען די ערשטע מיר צו דערציילן וועגן די ,בראָדער־זינ־גער'..."

דערמאָנען זיך דערביי די טרעפלעכע און פּאַרטיפּטע זכרונות און אָפּשאַצונגען, וועלכע אסתּר־רחל האָט מיר דיק־טירט וועגן יעקב דינעזאָנען, דוד פרישמאַנען; אירע דער־ציילונגען וועגן שלום־עליכמען און י. ל. פּרצן — פאַר זיי ביידן האָט אסתּר־רחל געהאַט גאָר אַ גרויסן קולט. איר באַ־ציונג צו ליטעראַטור און ליטעראַטן — להיפוך צו דער הערשנדיקער ביטול־ און זילזול־באַציונג מצד אַנדערע אָנגע־זעענע יידישע אַקטיאָרן צו די יידישע פען־מענטשן אין די ערשטע יאָרצענדליק פון יידיש טעאַטער — איז געווען פול

מיט דרך־ארץ און פאַרערונג. זי איז געווען די פּאַקטישע פאַרבינדונג צווישן דער ליטעראַטור און יידיש טעאַטער. אַפילו צו אַ מענטשן, פון וועלכן זי האָט געליטן אַ שפּאַר ביסל עוולות, מיט וועלכן זי איז יאָרנלאַנג געווען קידער־ווידער — צום ד״ר מוקדוני, האָט זי געהאַט מער ווי אַן אָב־יעקטיווע באַציונג; כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט פון איר קיין שלעכט וואָרט וועגן אים. זי איז געווען נאָענט באַפריינדט מיטן זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, מיטן דיכטער ש. פרוג, וואָס האָט געהערט צו אירע גרעסטע חסידים. מיר קאָנען עס זען פונעם ליד, וואָס דער קראַנקער דיכטער האָט צוגעשיקט צו אירס אַ בענעפיס:

איך בין קראַנק, אַרטיסטין ליבע,
כ׳פיל דאָך אָבער היים און יידיש.
און מיין טאָאַסט קלינגט זיס און פריילעך,
ווי אַ יום־טובדיקער קידוש.

פאַר דער יידישער נשמה,
פאַר דעם פינצטער און דעם מאַטער,
לעבן זאָל די מוטער רחל
פונעם יידישן טעאַטער.

(ציטירט לויט זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, באַנד 6).

פריער איז דערמאָנט געוואָרן דער פּרץ־קולט פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך דאָס איז געווען אַ סיבה פון דער גייסטיקער קרובהשאַפט צווישן איר און דעם יונגן טורקאָוו. וואָרים זיין וועג צום יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן פונעם פּרץ־קרייז, פון „הזמיר", פון פּרצס פּראַווען גייסטיקן טיש מיט זיינע שמועסן, לעקציעס, קעסטל־אָוונטן. זיגמונט איז נאָך ווי אַ גימנאַזיסט דערנענטערט געוואָרן צו דער פּרץ־סביבה דורך זיין שול־חבר שלמה מענדעלסאָן, אַ מקורב צו דער פּרץ־היים און אַ בן־בית אין דער טורקאָוו־היים. דער פּרץ־פלואיד, די השפּעות פון פּרצן — דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקער כוח, וואָס האָט געשאַפן און סטימולירט גייסטיק־שאַפערישע פאַרבינדונגען אין יידישן וואַרשע, אין יידישן פוילן.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון אסתר־רחלען מיט זיגמונטן איז געווען אַפילו אַ קוריאָזער. ריכטיקער — דער ערשטער סצענישער צוזאַמענטרעף, דער אַקטיאָרישער צוזאַמענטרעף. וואָרים פריוואַט האָט נאָך נפתלי טורקאָוו, דער פאָטער פון דער פאַמיליע, אַריינגעפירט זיין בכור, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, אינעם קרייז פון דער קאַמינסקי־משפּחה. נייערט דער אַ ק ט י אָ ר י ש ע ר ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען בעת אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג, וועלכע מ'קאָן אָנרופן בינע־אינטערנאַציאָנאַל. געווען איז עס דער בענעפיס פונעם אינספּיציענט הערמאַן פישער און געשפּילט האָט מען פרידריך שיללערס „די רויבער". די פאָרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן בלויז אויף איין מאָל, ווייל מ'האָט

צוגעטראָכט אַ קאָמבינאַציע פֿון די פֿאַרשידנסטע „סטאַרס“. אסתר־רחל האָט געשפּילט אַמאַליע, אַ דייטשער אָפּיציר, אַ ליבהאָבער פֿון יידיש טעאַטער, האָט געשפּילט (אויף אַ שיי־ ללערישן דייטש, פֿאַרשטייט זיך) קאַרל מאָר; דער יידיש־ פּויליש־דייטשער אַרטיסט — איינער פֿון די אינטערעסאַנט־ סטע טיפּן אין דער טעאַטער־וועלט — יוליוס אָסקאַר (וועל־ כער איז דאַן אַלט געווען ביי די 75 יאָר) האָט געשפּילט, אויך אויף דייטש, פֿראַנץ מאָר און דער ניינצן־יאָריקער זיגמונט, דער יונגער, טאַלענטירטער אַרטיסט פֿון דער פּוילישער בי־ נע (אַזוי איז ער בפירוש אַנאָנסירט געוואָרן), האָט געשפּילט זיין פֿאָטער, דעם אַלטיטשקן מאָר.

איז דאָס געווען בלויז אַן איינמאָליקער, צופֿעליקער צו־ זאַמענטרעף פֿון אסתר־רחל קאַמינסקאָ און זיגמונט טורקאָוו. נייערט געציילטע חדשים שפּעטער הייבט זיך אָן די פּאַקטישע, פֿעסטע און פּרוכטיקע צוזאַמענאַרבעט פֿון דער „מאַמען“ מיטן יינגסטן קינד פֿון יידישן טעאַטער — אויף דער בינע פֿון וואַר־ שעווער „עליזעום“. קורץ נאָך דעם ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון אסתר־רחל קאַמינסקאָס וואַנדער־טרופּע. געווען איז עס סוף 1916. זינט דאַן האָט אָנגעהאַלטן זייער צוזאַמענאַרבעט: צוויי יאָר כמעט ביז ער איז געוואָרן דער איידעם פֿון אסתר־רחלען — אין די טורנעען איבער דייטש און עסטרייכיש אָקופּירטן פּוילן; ווי איין משפּחה — דער טורנע קיין אוקראַינע און רוסלאַנד — צוויי יאָר איבער די געביטן, וואָס זענען געווען אַרומגעכאַפּט מיטן פֿייער פֿון

בירגער־קריג און פּאָגראָמען, אין הונגער, קעלט און קויט, אונטער אַ האָגל פון קוילן, אין אַ כסדרדיקער סכנה פון טויט.

באַדינגונגען פון מלחמה, פון אומרוען און צעטרייסלטן זיין, זענען ווי אַ לאַקמוס־פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'פּאָרטרעטלען זיך אָפּ די אמתע כאַראַקטערן פון מענטשן. דעמלט קומט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך דאָס ערגסטע און שפלדיקסטע אינעם מענטשן; דעמלט לייכט אויך אויף דאָס בעסטע און איידל־סטע אין אים. אין יענע גרויליקע און חושכדיקע טעג האָט אסתר־רחל אויפגעשיינט פאַר זיגמונטן אין איר פולן גלאַנץ — ווי אַ מענטש, אַ פּערזענלעכקייט, די „מאַמע". איז גאָר נישט קיין וווּנדער, אַז דער 2־טער באַנד „טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט" איז דורכן מחבר געהייליקט געוואָרן „דעם ליכטיקן אָנדענק פון דער מאַמען פון דער יידישער בינע אסתר־רחל קאַמינסקי".

אינעם דערמאָנטן באַנד פון זיגמונטס זכרונות איז פאַ־ראַן אַ גאַנץ קאַפּיטל, וואָס הייסט „אסתר רחל קאַמינסקאַ". איר נאָמען, איר געשטאַלט, אירע האַנדלונגען און איר ווירקן, גייען דורך אין אַלע כמעט קאַפּיטלעך פון באַנד, נייערט אין יענעם קאַפּיטל — אין קאַפּיטל 16 — געפינען מיר אַ קאָנ־צענטרירטן, ערנסטן אַנאַליז סיי פון אסתר־רחלס קונסט, סיי פון איר, ווי אַ פּערזענלעכקייט. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז איינס פון די וואָגיקסטע פּרוּוון אָפּצושאַצן אסתר־רחלען. ס'איז אויך דער בעסטער דאָקומענט וועגן דעם פעסטן צוזאַמענבונד צווישן איר און איר תלמיד, איר חבר, דעם ווייטערציִער פון אירע טראַדיציעס אין יידישן טעאַטער, איין דור פון שאַפע־

רישן אויפֿטו האָט זיך אַריינגעקייטלט אינעם צווייטן, אויפֿקום האָט געפֿונען אַ בשותּפֿותדיקן וועג מיט פּאַרגייערס.

פּול מיט דערמאָנונגען וועגן אסתּר־רחלען איז אויך דער דריטער באַנד פֿון זיגמונט טורקאָווס זכרונות — „די איבערגעריסענע תּקופֿה". זכרונות וועגן די לעצטע יאָרן פֿון זייער צוזאַמענאַרבעט — די לעצטע יאָרן פֿון איר לעבן — דערמאָנונגען וועגן זייערע צווישנבאַציונגען, דער טיפֿער פֿריינדשאַפֿט און פּאַרשטענדעניש, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי. מ'קאָן דרייסט זאָגן, אַז ווען מ'וואָלט באַדאַרפֿט פֿאַרענדיקן אסתּר־רחלס נישט־דערשריבענע זכרונות — אַזוי, אַ שטייגער, ווי אלתּר קאַציזנע האָט געטון מיט ש. אַנ־סקיס פֿראַגמענטן פֿון „טאָג און נאַכט" — וואָלט מען עס לייכט געקאָנט טון אויפֿן סמך פֿון זיגמונטס „די איבערגעריסענע תּקופֿה". ווי נאָר און ווען נאָר ער האָט געקאָנט, האָט ער דערמאָנט זיין שייכות צו אסתּר־רחלען, געפֿרייט זיך מיט דער מעגלעכקייט זי צו דערמאָנען.

איינגעקריצט אין מיין זיכּרון איז פֿאַרבליבן איין באַזונדערס פֿייערלעכער און יום־טובֿדיקער עפּיזאָד אַזאַ: פֿרילינג 1949 האָבן מיר געמאַכט אַ חנוכּת־הבית פֿון ניי־אויפֿגעבויטן בנין פֿון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער אין וראָצלאַוו, פֿון וועלכן דער שרייבער פֿון די שורות האָט געהאַט דעם כּבֿוד צו זיין דער קינסטלערישער אָנפֿירער. דאָס טעאַטער איז אָנגערופֿן געוואָרן אויפֿן נאָמען פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. צום דערעפֿענען דאָס טעאַטער איז פֿאַרבעטן געוואָרן זיגמונט טורקאָוו. לכּבֿוד דער פֿייערונג האָט ער צוגעגרייט די פּאַסיק־

סטע פאַרשטעלונג, וואָס האָט געקאָנט זיין פאַר אַזאַ געלעגנ־הייט — שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן״ און אויף דער פרעמיערע האָט ער אַפילו מיטגעשפּילט מיטן אַנסאַמבל פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער. פאַר זיגמונטן איז עס געווען די גרעסטע פרייד. „כ׳בין ווידער פאַרבונדן מיט אסתר־רחלס נאָמען. דער מאַמעס נאָמען וועט אויפסניי אויפ־לעבן מיט מיין אָנטייל״.

פריער איז דערמאָנט געוואָרן דאָס אַריינקייטלען זיך פון איין דור אינעם צווייטן. דער קאַמף פון יונג און אַלט — בעיקר אין באַצוג צו אסתר־רחלען — האָט ביי זיגמונטן נישט עק־זיסטירט. ס׳איז געווען אַ יוצא־דופנדיקע דערשיינונג אין דער וועלט פון „אבות ובנים״, פון אייביקן סיכסוך צווישן דורות, ווען ביאָלאָגישע אונטערשידן זענען דערהויבן גע־וואָרן צו אַ מיטאָלאָגישער הויך. אין דער וועלט פון קעגנזאַצן און ווידעראַנאַנדן, ווען דאָס נישט־אָנערקענען איינער דעם צווייטן, דאָס אונטערשטעלן זיך קעגנזייטיק פיסלעך און צו־להכעיסדיקייט, איז ממש געוואָרן אַ אידעישע נויטווענדיקייט — איז די האַרמאָניע צווישן צוויי דורות, וואָס האָט גע־הערשט ביי אסתר־רחלען און זיגמונטן, געווען אַן אויסנאַמ־לעכע דערשיינונג און מ׳קאָן דרייסט זאָגן: אַ היסטאָרישע.

דאָס פאַרשטיין און אַרויספילן זיך צווישן אַן עלטערער, דערפאַרענער קינסטלערין, מיט אַ יונגן אָנפאַנגער — אַ קינ־סטלערין, וואָס האָט באַרייכערט איר אַרום, שטענדיק און אומעטום, מיט איר דערוואָרבענער דערפאַרונג — איז געוואָרן לעגענדאַריש. אסתר־רחל פלעגט ברייטהאַרציק מיט אַלעמען

טײלן איר דערפֿאַרונג. נישט, חלילה, רוטין — איר איז לחלוטין פֿרעמד געװען די פּאַרקאַלכטקײט פֿון רוטין, זי האָט געהאַט די טבע פֿון קאָנטראָל איבער זיך און אָפּװאַרפֿן פֿאַר־גליװערטקײט — װען די באַדינגונגען האָבן עס דערמעגלעכט — נײערט דערפֿאַרונג אין בעסטן זין פֿון װאָרט; אַ װיסן, דערװאָרבנס מיט אײגן מי און מאַטער. נישט יעדער — אַפֿילו זעלטן װער — איז עס פֿעיק געװען אױפֿצונעמען און פֿאַראײגענען. זיגמונט האָט פֿאַרמאָגט אָט די אָ פֿעיקײט.

אין אַ סך פּרטים איז אסתּר־רחל געװען אַן אַנטדעקערין. נישט קײן פֿאָרשערין, באַלאָדן מיט אינסטרומענטן, ציפֿערן, טעאָריעס — אַן אַנטדעקערין בפֿועל ממש, װעלכע פֿלעגט זיך אַלײן אָפּטמאָל איבעראַשן מיט אירן אַ געפֿינס, מיט אַ גע־דאַנק, װאָס איז אין איר סטיכיש אױפֿגעקומען; אַן אמת, װעלכן זי האָט אינטואיטיװ אַנטדעקט. אמתן אין לעבן און אמתן אין דער קונסט. אירע אַנטדעקונגען און געפֿינסן האָט זי נישט באַהאַלטן אין געהײמער צירונג־שקאַטולקע — זי האָט ברײט־האַרציק און ברײטהאַנטיק געטײלט דאָס אַלץ צװישן אירע באַגלײטערס. נישט יעדער האָט עס געקאָנט באַנעמען און אָפּשאַצן. זיגמונט האָט עס יאָ געקאָנט. דערפֿון מן־הסתּם זײער שטאַרקע דערנענטערונג.

פֿון דער צװײטער זײט: אסתּר־רחל האָט דאָס גאַנצע לעבן װי אַ שװאָם אײנגעזאַפּט אין זיך װיסן, ידיעות, נאַװאַ־טאָרישע דערשײנונגען. אַ חוץ אירע קינסטלערישע באַגאַבונ־גען, איז זי אױך געװען באַשאָנקען מיט דער שװערער קונסט פֿון קענען הערן און אױפֿנעמען דאָס אומבאַקאַנטע פֿאַר איר,

דאָס אַנדערשדיקע, דאָס אומפאַרשטענדלעכע לכתחילה. דאָס אומפאַרשטענדלעכע און ווייטע האָט זי געקאָנט — אַ דאַנק איר לעבנס־חכמה, איינגעבוירענער אינטעליגענץ, אויסערגעוויינלעכער אינטואיציע און דערפאַרונג — פאַרוואַנדלען אין זעלבפאַרשטענדלעכס און נאָענטס פאַר זיך. האָט זי געהאַט די גוטע געלעגנהייט באַרייכערט צו ווערן פון איר יונגן תלמיד, מיטאַרבעטער און חבר, פון זיגמונט טורקאָוו, מיט זיין אַנזעעוודיק יידיש און אַלגעמיין וויסן, מיט זיין טעאָרעטישער צוגרייטונג אויף פאַרשידענע פעלדער פון קונסט.

איז אפשר אויך דערפאַר געבוירן געוואָרן אַזאַ גייסטיקע נאָענטקייט צווישן זיי — אפשר דערפאַר זענען ביי זיי אויסגעמיטן געוואָרן די הערשנדיקע ווידעראַנאַנדן צווישן יונג און אַלט, די מחלוקתן, דאָס נישט פאַרשטיין זיך און דער דער קאַמף פון דורות, וואָס הערשט אין דער וועלט, בכלל, על אחת כמה וכמה אין דער יוצא־דופנדיקער וועלט פון קונסט. דאָס איז אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך. אַ וועלט, וואָס באַשטייט פון אָן אַ שיעור וועלטעלעך — קלענערע, גרעסערע. יעדער איינער אין דער קונסט איז אַ וועלט, יעדער איינער האַלט מן־הסתם, אַז ער איז די גרעסערע וועלט. איז שווער, גאָר שווער, צו געפינען דעם ריכטיקן מעסטער — פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע.

יעדער מענטש באַנוצט זיך אין זיין אַרבעט מיט די אינסטרומענטן — אָדער עלעמענטן — וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין לויף פון דורות פאַרן געגעבענעם פאַך, פאַר דער אָדער יענער אַרבעט. זענען עס טעכנישע מכשירים, ספּעציאַ־

ליסטישע כלים, באַשטימונגען און אָנווייזונגען פון אַ וויסנ־שאַפט; דער מענטש באַנוצט זיך מיט זיין מויל, מוח, אָדער מיט זיינע הענט צום אויספירן זיין באַרוף, מיט איינעם פון די אינסטרומענטן, אָדער מיט אייניקע. דער קינסטלער באַ־נוצט זיך בדרך־כלל אַ חוץ מיט ספּעציעלע אינסטרומענטן, צוגעפּאַסטן צו זיין קונסט־געביט, מיט זיין גאַנצן גוף און נשמה, מיט זיין נערוון־אַפּאַראַט, מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן. מכל־שכן — אַ בינע־קינסטלער.

דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פון קינסטלערישן שאַפן — פון יעדן קינסטלערס שאַפן — איז דאָס געפיל, די עמאָציע. זיין אייגענע עמאָציע און די פעיקייט צו ווירקן אויף די עמאָציעס פון זיינע קאָנסומענטן. עמאָציעס האָבן ווידער אַ טבע צו שטייגן און צו פאַלן — אָפּהענגיק פון טעמפּעראַמענט און עלטער. די תפילה אַל תשליכנו לעת זיקנה איז אפשר פאַר קיינעם נישט אַזוי וויכטיק, ווי פאַר אַ קינסטלער. וואָרים זיקנה לעשט טעמפּעראַמענטן, פאַרטעמפּט געפילן, שטילט איין עמאָציעס. יוגנט קאָן דאָס נישט באַנעמען — אפשר צו־ליב דער אַנוגג, דעם אונטערבאַוווסטזיניקן אַרויספילן, אַז אויך זי קאָן אַמאָל טרעפן דאָס „אומגליק" פון עלטער ווערן און דאָס אמתע אומגליק, אָן געגנדזנפיסלעך, פון פאַרעלטערט ווערן? קאָן זיין, אַז דאָס איז די סיבה פונעם פאַרשאַרפטן קאַמף פון דורות אין דער קונסט. ווער ווייסט און ווער קאָן עס אויף באַשטימט אויפווייזן — ווער קאָן אָפּמעסטן און אָפּוועגן דעם ציטער פון אַ קינסטלער־נשמה, דעם פלאַטער פון זיין דמיון, דעם גערעגל פון ווידערשפּרוכן אין אים? — ווידער־

שפּרוכן, וואָס זענען מערסטן די טרייבקראַפט פאַרן קינסט־לערישן שאַפן, נייערט אָפּטמאָל אויך — די סיבה פון קינ־סטלערס טראַגעדיע, פון זיין פּריצייטיקן פאַרוויאַנען און אונ־טערגיין.

זעלטן שאַפט זיך אַ פאַרשטיין צווישן זיך ביי קינסט־לערס פון פאַרשידענע דורות, זעלטן שפּילט זיך אויס אַ האַר־מאָניע צווישן פאַרשידנאַרטיקע עמאָציעס. נייערט בלויז אין דעם פאַל קאָן אויסגעמיטן ווערן דער קאַמף פון דורות אין דער קונסט, נאָר אַזוי אַרום פלאַסטערט זיך אויס אַ וועג, אויף וועלכן ס׳קאָנען האַרמאָניש שפּאַנען צוזאַמען פּראָמי־נענטע פאַרשטייערס פון צוויי דורות. דער זעלטענער פאַל איז געווען ביי אסתר־רחל קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיי ביידן געקענט פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן. ביידן גוט געקענט, פון ביידע זייטן ראַמפּע, אַזוי צו זאָגן — אין פּריוואַט־לעבן און זייער סצעניש שאַפן. דאָס האָט גורם געווען צום אויסקלאָרן דעם געדאַנק וועגן ענגן צוזאַמענבונד צווישן איר — דער מאַמען פון יידישן טעאַטער — און אים, דעם פאַנטרעגער פון קינסט־לערישן יידישן טעאַטער אין פּוילן. דעם צוזאַמענבונד צווישן רומפולן עבר און דרייסטן המשך, דאָס צונויפקייטלען זיך פון צוויי מעכטיקע רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון יידישן טעאַטער־שאַפן. דאָס הונדערטסטע געבוירן־יאָר פון אסתר רחל קאַמינסקאַ און דאָס אַוועקגיין פון זיגמונט טורקאָוו אין דער אייביקייט — דאָס האָט מיך אַ שטויס געטון דעם דאָזיקן

צוזאַמענבונד אײנצופּאַסן און אַרײַנצופּרעסן אין די טאָוולען פון אַ בוך.

אין די װײַטערדיקע עסײען און זכרונות װעט דער לײענער זיכער געפינען דערמאָנונגען װעגן פּעדעם פון צו־זאַמענבונד צװישן די צװײ אַזױ פאַרשידענע און אַזױ נאָענטע צװישן זיך ייִדישע בינע־קינסטלערס. װעלן מן־הסתם אױפֿ־קומען פאַרן גוטן לײענער איבערחזרונגען פון געװיסע מאָ־מענטן און געדאַנקען. איז די בקשה פון מחבר: די איבער־חזרונגען זאָלן באַטראַכט און אױפגענומען װערן װי אונטער־שטרײַכונגען — װי דער שטאַרקער װילן פון מחבר װאָס בולטער, װאָס פלאַסטישער צו שאַפן דאָס בילד פון די צװײ גרױסע קינסטלערס און זײער געבענטשטן שאַפערישן צו־זאַמענבונד.

אַ יאָרהונדערט

אסתר רחל קאַמינסקאַ

אינספּירירט האָט מיך אָנצושרייבן דעם עסיי פֿאַר „די גאָלדענע קייט“ דער באַליבטער איידעם פֿון אסתר־רחל קאַמינסקאַ, זיגמונט טורקאָוו, וועלכער האָט זיך די לעצטע חדשים פֿון זיין לעבן מיטן גאַנצן פֿייער פֿון זיין קראַנק האַרץ אָפּגעגעבן דעם ענין פֿון אָרגאַניזירן בכבודיק דעם הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון דער מאַמען פֿון יידישן טעאַטער.

פֿאַרענדיקט איז געוואָרן די אַרבעט צו דער שבעה נאָך זיין פּלוצעמדיקן טויט (דעם 21־טן יאַנואַר 1970). זאָל דער עסיי אויך זיין אַ דערמאָנונג פֿאַר זיין אָנדענק.

די מאַמע אסתר־רחל — „די מאַמע פון יידישן טעאַטער", אסתר־רחל קאַמינסקאַ — וואָלט פורים 1970 געפּייערט איר הונדערטסטן געבוירן־טאָג. נייערט קנאַפּע פינף און פערציק יאָר איז זי אויפן עולם־האמת. ליגט אויף אונדז, יידישע קולטור־משפחה, יידישע קונסטוועלט אין איר גאָרער אַלוועלטלעכער צעשפּרייטקייט און פאַרוואָגלטקייט, ליגט אויף אונדז דער חוב אָפּצומערקן די דאָזיקע קיילעכדיקע הונדערט־יאָריקע דאַטע.

וואָרים אסתר־רחל איז נישט געווען בלויז אַ קינסטלערין — אַ גרויסע קינסטלערין, איינע פון דער חבורתא גאונישע בינע־קינסטלערס, אין וועלכע ס'זענען רייך געווען די ערשטע יאָרצענדליקער פון יידיש טעאַטער נאָך גאָלדפאַדענס באַגין, ווען די אין משך פון דורות געשטיקטע טאַלאַנטן האָבן פון דער פאָלקישער טיפעניש אַרויסגעבראָזט שפּעדיק; זי איז געווען אַ פּערזענלעכקייט. אַ טעאַטער־פּערזענלעכקייט, אַ קולטור־פּערזענלעכקייט און זי אַליין אַ פּערזענלעכקייט. און דאָס איז דווקא אַ זעלטענערע דערשיינונג, אַ גאָר זעלטענע, אַפּילו צווישן גרויסע בינע־קינסטלערס.

איר אויפקום ווי אַ רייפע קינסטלערין, איר ווירקן און

באַווירקן, האָט גורם געווען אַן איבערבראָך אין יידישן טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד, ד. ה. אויך: אין די גרעסטע טיילן פון יידישן פוילן, אוקראַינע, ליטע, לעטלאַנד, בעסאַראַביע. מיט איר נאָמען איז באַצייכנט געוואָרן אַ תקופה אין די געראנגלען פון יידיש טעאַטער. און איר השפעה איז ווייט איבערגעשטיגן די דאָזיקע תקופה — ס׳האָט געדויערט מער ווי פיר יאָרצענדליקער נאָך איר טויט — אין יענעם יידישן טעאַטער־קאָנטינענט, וואָס איז געווען (אַפילו ביז אונדזערע טעג) פון די צום מיינסטן שאַפערישע אויף גאָר דער טעאַטער־מאַפּע. אַ פּרוכטיקער טעאַטער־קאָנטינענט, וואָס איז אַכזריות־דיק פאַרטיליקט געוואָרן אין די היטלערישע גאַז־קאַמערן און קאָלכאָזווונס, דורך דער סטאַלינישער ערד־ציטערניש און דער גאַמולקישער קדחת־צאַפּלעניש פון אַנטיסעמיטישן רעציזידיוו.

אסתר־רחל קאַמינסקאַ איז געווען דער סימבאָל פון דער גאָלדענער תקופה אינעם אייראָפּעישן יידישן טעאַטער. הײַנט קלינגט עס גראָטעסק, דאָס צוזאַמענשטעלן: יידיש טעאַטער און גאָלד. אָבער אין אירע יאָרן, איז עס נאָך געווען גאָלד. אפשר אַן אָרעם גאָלד, נישט פון העכסטן פּרווו, נישט פּילקאָראַטיק, נייערט אויך נישט קיין געפעלשט גאָלד, נישט דאָס טאָמבאַקגאָלד, מיט וועלכן ס׳האָבן געגלאַנצט די כאָרן, באַלעטן און ליכט־עפעקטן פון ביליק־ און וואָלגאַר־צעטאַנצטן אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער — אַחוץ אַזעלכע אויסנאַמען ווי גאָרדין, אָדער (אין אַ קלענערער מאָס) יעקב אַדלער, דוד

קעסלער און אין אַ שפּעטערדיקער תקופה — מאָריס שוואַרץ, בן־עמי, רודאָלף שילדקרויט א.אַ.

דאָס פּשוטע קינד פון ליטוויש־ווייסרוסישן שטעטל פּאַ־ראַזאָווע (גראָדנער גובערניע). אסתר־רחל, האָט אָן שום פּאַכמענישער און פאָרמעלער צוגרייטונג, אָן שום ספּעציעלער אויסבילדונג, אינטואיטיוו באַנומען דעם תמצית פון אמתן טעאַטער־שאַפן, באַגייסטערן זיך דערמיט און באַוויזן מיט איר טעאַטער־שאַפן אַנדערע צו באַגייסטערן — צו באַגייסטערן מאַסן.

די גרעסטע פאַרדינסטן אירע — דאָס וואָס האָט זי דער־הויבן איבער איר סביבה און איבער איר טעאַטער־דור — זענען געווען: חוש פאַר לשון, פאַר דער בינע־שפּראַך און פאַר מאַמע־לשון בכלל; דאָס פאַרשטיין, אַז טעאַטער מוז זיין ענג פאַרבונדן מיט ליטעראַטור — אָן ליטעראַטור קאָן נישט געטון ווערן קיין שאַפערישע טעאַטער־אַרבעט.

גאַנץ מעגלעך, אַז דער מאָמענט — איר באַציונג צו שפּראַך און ליטעראַטור — האָט גורם געווען דאָס אָנרופן איינעם פון אסתר־רחלס טעאַטער־אַנסאַמבלען, ביים אָנהייב פון איר אויפשטייג, „די ליטעראַרישע טרופּע”. אַן אומגעלומ־פּערטער נאָמען לויט די טעאַטער־באַגריפן. אַ נאָמען, וואָס האָט אָפטמאָל געדינט אין די טעאַטער־קרייזן ווי אַן אויסדרוק פון חוזק, פון זילזול.

וואָרים די פריידיקערס פון אַ געוויסער טעאַטער־אי־דעאָלאָגיע — פריידיקערס פון טעאַטראַלישקייט ווי אַ ציל

פאַר זיך, אַ מין קונסט־לשם־קונסט — האָבן געפּאָדערט, גע־מאָנט, פאַרלאַנגט און געקעמפּט פאַר אַבסאָלוטער סוווערענ־קייט פון טעאַטער, פולשטענדיקער אויטאָנאָמיע פון אַקטיאָ־רישן, צומאָל בלויז פון רעזשיסערישן שאַפן. אַלע אַנדערע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף אַ טעאַטער־ספּעקטאַקל, דאַרפן דינען דעם רעזשיסערס פאַנטאַזיע, דער רעאַליזאַציע פון זיינע איינפאַלן. דערפון האָט זיך גענומען דאָס פאַרהערלעכן „אַ ריינעם טעאַטראַלן אויסדרוק", וואָס איז דערגאַנגען צום אַבסורד, צום לעכערלעכן „שפּילן אַ טעלעפאָן־בוך". אסתּר־רחל האָט געשפּילט דראַמע, קאָנפליקטן, געשטאַלטן, נישט קיין טעלעפאָן־בוך.

פון דער צווייטער זייט, איז „ליטעראַטור" געווען אַ חוזק־באַגריף ביי דער יידישער טעאַטער־קאַלטורע, ביי אַקטיאָר־שטשיקעס, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז וואָס ווייניקער מען ווייס און מען האָט געלערנט; וואָס ווייניקער מען לייענט און מען טראַכט, אַלץ מער טאַלאַנט האָט מען. דער עיקר איז „דערלאַנגען אויף די ברעטלעך, אַז דער רוח זאָל נעמען דעם עולם". צוויי זידלווערטער זענען ביי דעם מין אַקטיאָרשטשי־קעס געווען: אינטעליגענץ און ליטעראַטור. איז אימיצער אין טעאַטער געשטעמפּלט געוואָרן מיט איינעם פון די דאָזיקע שאַנדווערטער — פאַר די שונדמאַכערס — האָט מען שוין גע־ברענט זיינע טריט אין „יידישן טעאַטער אויף דער רייזע".

דער אינטואיטיווער דראַנג אסתּר־רחלס צו ליטעראַטור, צו מענטשלעכע געשטאַלטן און געלייטערטן לשון, האָט דאָס

פֿאַראַזאָווער פֿאָלקסקינד דערנענטערט צו יידישע וואַרטמייס־טערס און קולטור־גייסטער — שלום־עליכם, פּרץ, דוד פֿריש־מאַן, אָפּגערעדט פֿון איר פֿאַרליבטקייט אין יעקב גאָרדין, דעם ערשטן שאַפֿער פֿון מענטשלעכע יידישע בינע־געשטאַלטן, פֿון טיפֿע איבערלעבונגען ביי יידישע פֿרויען און אַקטועל־ברע־נענדיקע פּראָבלעמען אין זיין צייט.

אַ גאָניאַלע אינטואיציע האָט געמוזט פֿאַרמאָגן דאָס קינד פֿון פֿאַראַזאָווער שול־הויף, די יינגסטע טאָכטער פֿונעם מטופּל חיים־יוחנן האַלפּערן, אויב זי איז דערגאַנגען צו די הייכן, צו וועלכע זי איז דערגאַנגען און צו וועלכע זי האָט מיטגעצויגן מיט זיך דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד. וואָרעם דער־גרייכן אין דער קונסט־מעטראָפּאָליע פּעטערבורג דעם טיטל „די יידישע עלעאָנאָראַ דוזע"; דערגרייכן די אָנערקענונג פֿון די גדולים פֿון דער רוסישער טעאַטער־קונסט — די קינסט־לער פֿון סטאַניסלאַווסקיס מאָסקווער קונסט־טעאַטער — דאָס איז געווען די העכסטע מדרגה פֿאַר אַ קינסטלער אין רוס־לאַנד בכלל און פֿאַר אַ יידישער קינסטלערין, וואָס האָט גע־שפּילט יידיש, מאַמע־לשון, בפֿרט.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אסתר־רחל: איר איז ליבער גע־ווען דער צונאָמען „מאַמע פֿון יידישן טעאַטער". זי האָט זיך גאָר נישט אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיטן טיטל „דוזע" — כאָטש די גאָניאַלע שפּאַנישע קינסטלערין אין יענער תקופֿה געפֿייערט געוואָרן ווי די גרעסטע טראַגיקערין אין דער וועלט — און אסתר־רחל האָט גוט געוווּסט וועגן דעם.

אין דער אמתן האָט אסתר־רחל קאַמינסקאַ אַ סך ענ־לעכקייט געהאַט צו עלעאָנאָראַ דוזע — נישט, חלילה, אין זינען פון ראָמאַנטישער אַוואַנטורע, וואָס האָט די שפּאַניערין פאַרבונדן מיטן איטאַליענישן דיכטער גאַבריעל ד׳אַנונציאַ. מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף אינטימע מאָמענטן אין אסתר־רחלס לעבן. די וויכטיקסטע פון זיי זענען דאָך געווען: קינדער האָבן, אין וואָגל און וואַנדער. זיבן קינדער אין משך פון צען יאָר. קאָן מען רעדן וועגן ראָמאַנטיק, וועגן ליבע־אַוואַנטורעס, ווי ביי עלעאָנאָראַ דוזע? נייערט אָן ענלעכקייט איז געווען אין זייער סטיל פון שפּילן, אינעם קינסטלערישן מהות פון ביידע טראַגיקערינס.

ס׳האָבן אין יענער צייט געקיניגט אויף די וועלט־בינעס צוויי אַנטיפּאָדן: די באַרימטע יידיש־פראַנצויזישע קינסטלע־רין סאַראַ בערנאַר, וועלכע איז געווען אַ געניאַלע טעכניקערין, באַוויזן וווּנדער מיט איר סצענישער טעכניק; און עלעאָנאָראַ דוזע, וועלכע איז געווען די באַדייטנדיקסטע מייסטערין פון איר צייט אין אַרויסברענגען די פּנימיותדיקע וועלט פון מענ־טשלעכן איבערלעבן, אין אַרויסברענגען די נשמה פון דער פרוי, וואָס האָט דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן צו מאָנען אירע רעכט אין דער געזעלשאַפט, צו ראַנגלען זיך פאַר גלייכקייט. עלעאָנאָראַ דוזע איז געווען אַ קינסטלערישער אויסדרוק פון דער קעמפנדיקער פרוי און איר אינעווייניקסטער וועלט.

אין דער יידישער סביבה איז עס געווען אסתר־רחל קאַמינסקאַ. דאָס האָט פאַרלאַנגט אָן אַ שיעור מוט, ס׳איז

געווען אַ סך דרייסטער, נאַוואַטאָרישער — אין זינען פון גע־זעלשאַפטלעכן אַנגאַזשירן זיך. וואָרים די יידישע פרוי איז געווען דאָפּלט פאַרשקלאַפט: דורך דער הלכה און דורכן סדר־העולם. י. ל. פרץ האָט עס דער ערשטער דערזען בחוש און מיט זיין פעדער, מיט זיין פלאַמיק וואָרט, געקעמפט קעגן דעם. אסתר־רחל האָט אויפגעכאַפּט פּרצעס רוף — דאָס מאָל אַוודאי באַוווסטזיניק, ווייל דאָס איז געווען אין די יאָרן פון איר אויסצייטיקן זיך — און זי האָט קינסטלעריש באַלעבט דעם פּרצישן אַרויסרוף, פאַרקערפּערט אים אין אירע קרעאַ־ציעס אין איר טעאַטער־גאַנג. אַזוי אַרום איז זי געוואָרן די יידישע, די עכט־יידישע דוזע, אַ דוזע — אַ מאַמע.

מיטן דאָזיקן טיטל האָט זי זיך, ווי געזאָגט, נישט איבער־גענומען. איר איז מער צום האַרצן געווען דער נאָמען „די מאַמע פון יידישן טעאַטער״, מיט וועלכן דאָס פאָלק, די יידי־שע מאַסן פון פוילן, ליטע, רייסן און אוקראַינע, האָט זי באַ־טיטלט. אַוודאי און אַוודאי איז דער מאַמע־טיטל געווען ליבער נענטער, היימישער, האַרציקער, דער יידישער פאָלקסמאַסע.

„מען רופט מיך ‚מאַמע פון יידישן טעאַטער׳. איך בין אָבער אויך אַ קינד, אַ קינד פון יידישן טעאַטער, אַ קינד פון מיין טעאַטער״ — האָט די מאַמע אסתר־רחל געזאָגט קורץ פאַר איר טויט אין אַן אינטערוויו מיטן שרייבער פון די שורות. אין די ווערטער איז געלעגן איר אומענדלעכע ליבשאַפט צום טעאַטער און — צו קינדער. צו אירע אייגענע קינדער, צו קינדער בכלל. און צום אַנפאַן־טעריבעל, וואָס האָט געהייסן „יידיש טעאַטער״. כאָטש אַ ממזר פון דער יידישער קולטור־

וועלט אין משך פון יאָרצענדליקער. אָבער דאָך אַ קינד. דאָס פּאַרוואָרלאָזטע יתומל, וואָס אסתּר־רחל האָט אַדאָפּטירט, ווי אַ מאַמע. זי איז געוואָרן די מאַמע און פאַרבליבן דאָס קינד פון איר אייגן קינד. ווייל דאָס איז זי בעצם געווען בכלל, דאָס איז געווען איר נשמהדיקע צעצווייאיקטקייט: מאַמע און קינד. קינדיש אין איר מאַמישקייט און מאַמיש אין איר גרויסער ליבשאַפט צום קינד.

*

צי מ'וויל יאָ גלייבן אין סימבאָלן, צי נישט — ס'איז דאָ אַ שייכותדיקייט צווישן דער געבוירן־דאַטע פון אסתּר־רחל און דעם אויפקום פון יידיש טעאַטער. געבוירן געוואָרן איז זי שושן־פּורים — דערפאַר האָט זי טאַקע באַקומען צו איר אייגנטלעכן נאָמען רחל דעם צוגאָב אסתּר.

דער יום־טוב פּורים — כאָטש אַ פאָלקסווערטל זאָגט „פּורים איז נישט קיין יום־טוב און קדחת איז נישט קיין קרענק" — איז פאַר יידיש טעאַטער אַן אמתער יום־טוב. ס'איז אַ מין געבוירן־טאָג פון יידיש טעאַטער — נאָך פאַר דעם גאָלדפאַדענישן באַגינען.

פּורים־שפּילן זענען געווען די ערשטע יידישע, אין יידיש געשפּילטע, טעאַטער־שפּילן. פון זיי, פון די פּורים־שפּילן, זענען אויסגעוואַקסן די פּריצייטיקע יידישע טעאַטער־פּרוּוון אין וואַרשע, די פאַר דער צייט פאַרשניטענע — דורך זשאַנ־

דאַרמען און שמשים, דורך מסירות און קלעפּ — טעאַטער־פּרוּוון אין די דרייסיקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

די בראָדער זינגערס, די פּוילישע זינגערס — די פּאָרויס־גייערס פון גאָלדפאַדענס אַקטיאָרן און די ערשטע אַקטיאָרן זיינע — זענען אַרויסגעוואַקסן פון די פּורים־שפּילן. איז די געבוירן־דאַטע פון מקורותדיקן יידישן טעאַטער: פּורים, די געבוירן־דאַטע פון אסתר־רחל.

ווען אסתר־רחל איז געוואָרן זעקס מיט אַ האַלבן יאָר, האָט אויף אַ צווייטן פּאָליוס פון יידישן לעבן, אין אַלטן רו־מענישן יאַס, גאָלדפאַדען פּלוצלינג און אומגעריכט אויפגע־שלאָגן זיינע טעאַטער־געצעלטן. און צו זעכצן יאָר האָט אסתר־רחל זוכה געווען אויסגעהערט צו ווערן — און געפעלן צו ווערן אברהם גאָלדפאַדענען — אין וואַרשע, ווו דער פּאַטער פון יידיש טעאַטער האָט זיך געמוזט מאַסקירן מיט „דייטש־יידיש" און אונטער דער מאַסקע פייערן זיינע גרויסע טעאַ־טער־טריומפן מיט „שולמית". זי איז נאָך צו יונג געווען צו קאָנען שפּילן — אַן איבערגעוואַקסענע דאָרפס־מויד, ביי וועלכער די שטים האָט זיך נאָך נישט געהאַט געשטעלט — און די משפחה האָט נישט דערלאָזט זי זאָל אַרויף אויף אַזאַ גליטשיקן וועג. אָבער פון דעמאָלט אָן לעבט זי בלויז מיטן געדאַנק וועגן טעאַטער. ביז זי איז געוואָרן אַליין אַ טייל פון טעאַטער — מיט זעקס יאָר שפּעטער.

זי איז געוואָרן אַ מירעלע אין גאָלדפאַדענס „כישופמאַ־כערין", אין דעם זעלבן „עלדאָראַדאָ", ווו גאָלדפאַדען האָט מיט

אייניקע יאָר פריער געפּייערט זײַנע ניצחונות, ביי דער זעל־בער רוסין אָלגינסקאַיאַ, דער געליבטער פון פּאָליצמייסטער (דערפאַר האָט מען ביי איר נישט באַמערקט אַזאַ שעטנז, ווי יידיש טעאַטער), דער אָלגינסקאַיאַ מיט וועלכער גאָלדפאַדען האָט זיך צעריסן, צעקריגט און פאַנאַנדערגעגאַנגען — דער־מיט אויף אייניקע יאָר פאַרטריבן יידיש טעאַטער פון וואַרשע.

וואַרשע! „וואַרשע, די שטאָט פון טויזנט פאַרבן" — האָט מען אַמאָל געזונגען אין יידישע טעאַטערס — וואַרשע איז געווען אסתר־רחלס סצענישער אָנהייב, איר אײַנציקע, אמתע היים האָט זי אויפגעבויט אין וואַרשע. איר אייביקע רו האָט זי געפונען אויפן גענשער בית־עולם נישט ווייט פון אהל־פּרץ, וווּ ס'רוט אויך איר אַלטער פריינד יעקב דינעזאָן און דער מחבר פון גרעסטן יידישן טעאַטער־דערפּאָלג, דעם „דיבוק", ש. אַנסקי. אויף איר נאָמען האָט נאָכן חורבן געווירקט דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע. מיט איר נאָמען האָט דאָס טעאַטער דורכגעמאַכט דעם לעצטן חורבן פוילן — אויפן גאָמולקישן וועג צום פוילישן סאָציאַליזם. אַזוי ביטער, אַזוי אַכזריותדיק, אַזוי טראַגיש, יידיש־גלותדיק ענדיקט זיך דער יאָרהונדערט פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ. ס'פאַרבלייבט בלויז אַ באַשיידענע גאַס אויף איר נאָמען אין אַ תל־אביבער שכונה...

חזנישע נגינה, בעל־תפילהשע זאָגעכץ, האָט אסתר־רחל מיט זיך מיטגעבראַכט פון איר היימשטעטעלע. אין דער גרוי־סער וואַרשעווער וועלט אַריין האָט זי מיט זיך געטראָגן די

יניקה פון איר פּאַראַזאָווע. אין איר געמיט האָט אויך גע־נעסטיקט דער פּייזאַזש פון ווייסרוסישן וואַלדיקן פלאַכלאַנד, דער פאַרוועבטער מיטן לירישן אומעט, האַרמאָניש צונויפגע־שפּילטער מיט דער נויט פון קליינשטעטלדיקן יידישן לעבן. פון דאָרט האָט זי אַרויסגעטראָגן דעם סאָציאַלן פּראָטעסט, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלט פון אירע צייטיקע סצעניִשע גע־שטאַלטן, איר רעוואָלט קעגן נישט־יושר און פאַרקנעכטקייט, וואָס האָט אַ שטאַרקן אָפּרוף געפונען ביים פּשוטן יידישן מענטש. ער האָט פלוצלינג דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט פון איבערלעבן און דערביי אויפגעכאַפּט געפילן, וואָס האָבן אפשר אונטערבאַוווסטזיניק געברויזט אין אים, געשטורעמט זיינע בלוטן, נישט געלאָזט אים רוען. האָט ער דעריבער דערזען אין אסתר־רחל — ווי אַלתר קאַציזנע האָט עס אָנגערופן — „די פאָן פון דערהויבנקייט פאַר דער גרויער און שפּלער יידישער מאַסע”.

וואָרעם נישט מיט פּורים־שפּיל און חזנישער נגינה האָט זי זיך אויסגעבויט איר שטענדער פון דערהויבנקייט — דאָס איז בלויז געווען איר אַריינגאַנג אין טעאַטער, צוזאַמען מיטן גאָלדפאַדענישן האַרציקן לידל. איר אמתער גאַנג איז אָבער געוואָרן נישט דאָס חזנישע זינגען, נאָר דאָס בעל־תּפילהשע זאָגן. זי האָט זיך דערפילט ווי אַ שליח־ציבור און געטון איר טעאַטער־עבודה ווי אַ שליח־ציבור. דאָס האָט איר ערשט דערמעגלעכט גאָרדין, מיט זיינע קלוגע און דורכן לעבן אָפּגע־נאַרטע רעוואָלטירנדיקע פרויען; דאָס האָט זי געזוכט ביי פּרצן, וועלכער האָט די גאַנצע קראַפט פון זיין אייגענעם רע־

וואָלט געפרוווט אויסלאָזן אין טעאַטער; דאָס האָט זי געפונען אין דער מאָדערנער אייראָפּעישער דראַמאַטורגיע פון יענע יאָרן — אין די געשטאַלטן פון די וועלט־בינעס, וועלכע זי האָט געגעבן אַ תיקון אויף די אָרעמע וואָגל־וואַנדערנדיקע יידישע בינע־ברעטער.

באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אידעאַלע סצענישע מיט־לען — אויסערלעכקייט און נשמה, האַלדזבענדער און אינטור־איציע, דערהויבנקייט און פשטות, דערגאַנגלעכקייט צו אינ־טעלעקטואַלן און צו פשוטע פאָלקסמענטשן — האָט זי דעם גאָב אירן, די סצענישע גאונות, נישט באַטראַכט ווי קיין פריי־וואַט־אייגנטום. זי האָט אין דעם געזען אַן אייגנטום פון פאָלק. און אַזוי האָט עס דאָס פאָלק געזען, דערפאַר האָט דאָס פאָלק זי אַדאָפּטירט פאַר אַ מאַמע — די מאַמע פון יידישע טעאַטער.

נישט בלויז די „פּאַן פון דערהויבנקייט", נייערט אַ דער־הויבענע געשטאַלט איז געווען אסתר־רחל — איינע פון דער קאַטעגאָריע הערלעכע געשטאַלטן, מיט וועלכע דאָס יידישע לעבן איז באַשאָנקען געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. ס'איז אָבער אויך טראַגיש געווען די געשטאַלט. טראַגיק, דאָס איז טאַקע דער גורל פון ס'רוב דער־הויבענע געשטאַלטן, נייערט ביי אסתר־רחל איז עס בולטער געווען, ווייל זי איז געווען אַ פרוי, אַ יידישע פרוי, אַ מאַמע, אַ יידישע מאַמע. נישט די טראַדיציאָנעל־מעלאָדראַמאַטישע מאַמע פון דער אַמעריקאַנער בינע, וואָס האָט אַרויסגעקוועטשט ציבעלע־טרערן ביים פּרימיטיוון עולם — זי איז געווען די

טראַגישע מאַמע פון דעם מין, מיט וועלכן ס'איז רייך די יידישע געשיכטע.

וואָרעם טראַגיש מוז זיין פאַר אַ מאַמען דער גורל פון אַ יידישער וואַנדער־אַקטריסע. אסתר־רחל האָט אויף די וואָגל־וועגן און וועגענער געבוירן זיבן קינדער — בלויז דריי פון זיי האָט זי באַוויזן צו דערציען. און אַפילו פון די דריי איז איינע — די טאַלאַנטפולע קינסטלערין רעגינע — אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט, נישט דערלעבנדיק די צוואַנציק יאָר אירע. און ווען זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן אויף אײ־ביק האָט — אין שכנות כמעט — געשפּילט איר מאַמע, גע־שפּילט אויף דער בינע. טראַגעדיע פון אַקטיאָר.

וויפל טראַגיק ליגט אין דעם פאַקטישן פונאַנדערגיין זיך מיטן מאַן — כמעט אויף דער עלטער, — דאָס פונאַנדערגיין זיך מיט אברהם־יצחק קאַמינסקי, וועלכער האָט די „מאַדמואַ־זעל רחל האַלפּערן", (ווי זי האָט געהייסן אויפן ערשטן אַפיש אין וואַרשע) באַקליידט מיטן נאָמען קאַמינסקאַ; אַרויסגע־פירט זי מיט די „יידישע אַקטיאָרן אויף דער רייזע" — אַזוי האָט געהייסן אַ. י. קאַמינסקיס טראַגיקאָמעדיע פון אַקטיאָרן־לעבן — אויף די וואַנדערונגען פון יידיש טעאַטער איבער אַ האַלבער וועלט. ער האָט נישט געקאָנט, אברהם־יצחק, פאַר־טראָגן דעם אויפשטייג פון זיין ווייב; אַז זיין בינע־שילערין זאָל אים איבערשטייגן, איבערוואַקסן. איז ער אַליין אַוועק אין וואָגלעניש איבער יידישע שטעטלעך פון פּוילן כדי צו באַווייזן, אַז ער איז בכוח צו שאַפן נייע סצענישע שטערנס. און מיט דער אילוזיע איז ער צו צוויי און פופציק יאָר אויסגע־

גאַנגעז אַ צעבראָכענער, אויסגעשעפּטער, איז אַן אָרעמער אַכסניה אין לאָמזשע.

ווי טראַגיש איז געווען איר וואַנדערן איבער רוסלאַנד, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט די פלאַמען פון בירגער־קריג, אָפּגעגאַנגען אין בלוט און טיפוס — און זי איז געווען אָפּגעריסן פון איר איינציקן זון. אין יענע יאָרן פון פייער און בלוט האָט זי אויך באַדאַרפט ציטערן איבערן גורל פון איר ערשט ניי־געבוירין אייניקל, וואָס האָט מיטגעוואַנדערט מיט די עלטערן אין עשאַלאָנען, אויף די אומוועגן פון בירגערקריג אין רוסלאַנד — אין הונגער, קויט, ביי פּאָגראָמען און שחיטות אַרום.

טראַגיש איז געווען איר געראַנגל מיט דער ראַק־קרענק, וואָס האָט פאַרצערט איר אָרגאַניזם — זי האָט נישט געוואָלט אויפגעבן דאָס שפּילן און דאָך געמוזט איבעררייסן, נישט ווייט פון איר געבוירן־שטעטל, אייניקע חדשים פאַרן טויט. זי האָט נישט דערלעבט ווידער צו באַזוכן איר פּאָראַזאָווע — מ׳האָט זי געמוזט ברענגען קיין וואַרשע, ווו זי האָט אין איבערמענטשלעכע יסורים אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם סוף דעצעמבער 1925.

*

ווען זי וואָלט עס געקאָנט זען, וואָלט זי אין איר באַ־שיידנקייט זיכער געזאָגט „פאַר וואָס קומט עס מיר״? דאָס מיינט: די צענדליקער טויזנטער באַגלייטערס, וועלכע האָבן אין אויפריכטיקן, טיפסטן טרויער זי געפירט צו דער אייבי־

קער רו. אַזאַ לוויה האָט וואַרשע נישט געדענקט זינט דעם טויט פון י. ל. פרץ. די גאַנצע יידישע פּרעסע איז פול געווען מיט טרויער נאָך אסתּר־רחל, מיט דערמאָנונגען וועגן איר.

דער ערשטער יידישער טעאַטער־מוזיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ווילנער ייוואָ, האָט באַקומען דעם נאָמען פון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. — אויך דער מוזיי איז טראַגיש פאַר־שניטן געוואָרן אונטער די חורבות פון ירושלים דליטא.

און אַ טראַגיקאָמישער עפּיזאָד דערמאָנט זיך פון די מלחמה־יאָרן: אַ יידישער אַנסאַמבל, וואָס האָט זיך געפונען אויף עוואַקואַציע אין דער הויפּטשטאָט פון קירגיזיע, אין פרונזע, האָט סוף 1945 באַשלאָסן אָפּצומערקן די צוואַנציקסטע יאָרצייט פון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ מיט אַ ספּעציעלער פאַר־שטעלונג. די פרונזער מאַכט האָט פאַרבאָטן די דאַטע. דער מאָטיוו: „די קירגיזישע רעפּובליק איז אין גאַנצן נאָך נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר, ווילט איר, יידן, אָפּמערקן אַ צוואַנ־ציקסטע יאָרצייט פון אייערס אַ קינסטלערין?" קיין שום אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן. די פאַרשטעלונג איז פאַר־געקומען — אָן דער דאַטע. אַ מילדער פאַגראָם פון אַסתּר־רחלס אָנדענק. יעדנפאַלס מילדער, ווי דער פאַרבאָט פון די לעצטע יאָרן — דער ווילנער יידישער אַנסאַמבל זאָל אָפּמערקן אַ יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

דעם לעצטן ענדגילטיקן פאַגראָם האָבן דורכגעפירט די היינטיקע מאַכטהאָבערס פון „פרייען" פוילן: דאָס פאַרטרייבן די רעשטלעך יידן — מיט דער טאָכטער פון אסתּר־רחל און איר אייניקל; דאָס חרוב מאַכן פאַרלעשן, מיט שטיוול צעטרעטן

די לעצטע האַלאָוועשקעס פון דער יידישער קולטור, פון טויזנט־יעריק יידיש לעבן אויף דער פוילישער ערד.

אַ יאָרהונדערט פון דער מאַמע אסתר־רחל — אַ טראַגישער סוף פונעם יאָרהונדערט פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

קברים, חורבות, צעשטערטע גלויבנס, חלומות, אילוזיעס.

בלויז אַ קליינע טרייסט: אַ געסל אין דער יידישער מדינה — אין אַ שכונה פון תל־אביב, — וואָס טראָגט דעם נאָמען אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

זיגמונט, אונדזער בכור

אַ קאַפּיטל „אויף מיין וועג"

I

איעדעס קאַפּיטל „אויף מיין וועג״ — אַ ברעקל פון מיין אויטאָביאָגראַפיע, אַ שפּליטער פון מיין אייגן לעבן; איינעם לעבן פון יעדן דערמאָנטן אין דעם ציקל דערמאָנונגען — אַריינגעפלאָכטן אַ פאָדעם פון מיין אייגן לעבן. נייערט ביי קיינעם איז עס נישט אַזוי שטאַרק, אַזוי פיל און לאַנגיעריק אַריינגעפלאָכטן אינעם געוועב פון זכרונות און דערמאָנונגען, ווי ביי אים, זיגמונטן, אונדזער בכור. וואָרים —

זינט איך געדענק זיך — זינט איך געדענק בכלל עפּעס — געדענק איך אים, אונדזער בכור. נאָך פון מיינע פריסטע זכרונות טויכט אַרויס זיין פּנים, זיין געשטאַלט, זיינע רייד, זיינע קונצעלעך, חכמהלעך; זיין שמייכל, זיין אויסדריקלעך פּנים, דער גלי פון זיינע אַדורכדרינגענדיקע אויגן, דער אָפּקלאַנג פון זיין קול. שלמהלע, שליאַמעק, סאַלאָמאָן, זיגמונט, זיג, זיגעלע — אַלע נעמען וואָס זענען אויסגעוואַקסן פונעם שורש: שלמה־זלמן, מיט וועלכן ער איז באַנאָמענט געוואָרן אויפן ברית נאָכן זיידן, — די אַלע נעמען וואָרצלען טיף אין מיר, זענען מיר אויס צו זיין אַ טייל פון מיר, פון מיין אייגענער ביאָגראַפיע, פון מיין אינערלעכער וועלט, פון אַלע אויפצאַפּלען אין מיין לעבן.

אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אונדזער בכור, איז

מיין צוזאַמענגעבונדנקייט מיט אים געווען אַ שטאַרקערע; און אפשר דערפאַר, ווייל די צוזאַמענגעבונדנקייט מיט אים איז אין פאַרשידענע אָפּשניטן פון מיין לעבן איז באמת געווען אַ שטאַרקערע, ווי מיט די איבעריקע ברידער מיינע — אפשר דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ גרעסערע השפּעה אויף מיין לעבן־גאַנג, מיין וווקס, אַנטוויקלונג, מיין ווערן — — איך; מיין ווערן, וואָס איך בין געוואָרן, אויב איך בין בכלל עפּעס וואָס געוואָרן.

ווען איך זאָל אַמאָל וועלן אויף אַן אמת שרייבן מיינע זכרונות, מיינס אַן אויספירלעכע אויטאָביאָגראַפיע, וואָלט איך זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן די דריי בענד זכרונות פון זיגמונטן. וואָרים אין זיינע זכרונות געפין איך גרויסע צויטן פון מיין ביאָגראַפיע. ממש — פון מיין געבוירן אָן.

אָט בלעטער איך זיגמונטס בוך „פראַגמענטן פון מיין לעבן”. פאַראַן דאָרט אַ קאַפּיטל „לייב־גוואַרדיי וואָלינסקי פּאָלק”. לייען איך: „לינקס פונעם סקווער, צווישן באַוואָלי־פּיע און מילנע, איז יאָרנלאַנג געווען איינגעפונדעוועט אַ ברייט, געדיכט באַוווינט הויז אונטערן נומער 13, באַקאַנט אַלס אסתר אייזנבערגס הויז.

„דאָרט האָבן מיר געוווינט ביים אָנהייב פון דער ער־שטער רעוואָלוציע און דאָרט איז אונדזער משפּחה פאַרגרע־סערט געוואָרן מיט אַ פערטן בן־זכר, אונדזער יינגסטן ברודער יצחק”.

זיגמונט גיט אַ קינסטלערישע באַשרייבונג פון דער פּשעיאַזד־גאַס — געזען פונעם פענצטער פון אונדזער דירה

אויפן דריטן שטאָק; פון די דעמאָנסטראַציעס וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען, דאָס צעטרייבן די דעמאָנסטראַנטן דורך די „וואָלינצעס" (דעם וואָלינער גוואַרדיע־פּאָלק); שיסערייען, געשלעגן, אַרעסטן. דאָס שטרענגע בילד, ווי עס „ליגן אין קאָלוזשעס בלוט פאַרווונדעטע און דערהרגעטע. הוטן, שטעקנס, רויטע פענער, צעטראָטענע בלומען־קרענץ וואַלגערן זיך..." — דאָס איז געווען נאָך אַ לוויה פון קרבנות פון יענער דעמאָנסטראַציע, וועלכע זיגמונט האָט פריער באַשריבן. „...פון דערווייטנס דערהערט זיך אַ סיגנאַל פונעם ,קעטשל' — די ,גיכע הילף'..."

„איך זע דאָס בלאַסע פּנים פון אונדזער מאַמען... ס'איז שווער אָנגעקומען זי אָפּצומינטערן פון חלשות. איך זע די קאָנוווּלסיעס פון איר צאַרטן קערפּער, איך הער איר ציטערנדיק קול: ,מ'הרגעט מענטשן, מ'הרגעט מענטשן'...

„אפשר איז אויך דאָס געווען די סיבה, וואָס אונדזער ייִנגסטער ברודער איז געקומען אויף דער וועלט אַביסל פאַר דער צייט... אונדזער פאַמיליע־אַקושערקע, פרוי טראַן, וואָס האָט אונדז אַלע אָפּגענומען, האָט אים שוין געטראָפן אַ געקומענעם אַן איר הילף...

„ווען אין יאָרן אַרום איז יצחק אין אַן ערשטן מאַי אַרייַנגעפאַלן צו מיר מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, האָב איך מיך דערמאָנט אָן די טעג, ווען ער איז אויף דער וועלט געקומען..."

אַ צייטשפּרונג פון מער ווי זעכצן יאָר — צווישן דעם טאָג פון מיין געבוירן אין יענעם בלוטיקן ערשטן מאַי, וועלכן זיגמונט דערמאָנט ביי דער געלעגנהייט. אין משך פון די

זעכצן יאָר — מײנע ערשטע „טעאַטער־זכרונות״, פאַרבונ־דענע מיט זיגמונטן. נישט בלויז די „פאַרשטעלונגען״, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט מיט יאַנאָסן בײַ אונדז אין שטוב, — אויך זײַנע „סאָלאָ־אויפטריטן״. ער האָט „געשפּילט״ ספּעציעל פאַר מאַרקן, מײַן עלטערן ברודער און פאַר מיר, געמאַכט קאָזשיאָלקעס, געשטעלט זיך אויפן קאָפּ. מיר פלעגן אים אויפן אָרט צאָלן האָנאָראַר פאַר די אויפטריטן — די פאַר קאָפּיקעס, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונדזער מאַמען אויף נאַשוואַרג. מאַרק — אין פײַנהאָלצס חדר אַרײַן, איך — אין דער פרעבל־שול פון דער פאַמעראַנץ, ווו איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין עלטער פון דרײַ יאָר.

זיגמונט איז אויך געווען אונדזער „אָפּיעקון״ אויף דער זומערוווינונג, ווען די עלטערן פלעגן אַרײַנפאָרן אויף אַן אָוונט קיין וואַרשע — צו גאַסט, אויף אַ שמחה, צי אויף עפּעס אַ פאָרשטעלונג. אין אַזאַ אָוונט איז אים אָבער ליבער געווען אַרומצושפּאַצירן מיט די פרײַלינס פון שכנותדיקע ווילעס, וועלכע האָבן זיך געליבט אין אים צוליב זײַן עלעגאַנטן גימ־נאַזיסטן־מונדיר, זײַן שײנקײט און זײַנע פּילצאָליקע טאַלאַנטן. פלעג ער אונדז דערצײלן פאַרשידענע גרויל־מעשיות וועגן פּיראַטן און וואַלד־גזלנים, כדי מיר זאָלן פון שרעק וואָס פריער אײַנשלאָפן און אַלײן ווי צום גיכסטן פאַרשווינדן ווערן אין אַ שכנותדיקן וואַלד מיט עפּעס אַן אויסדערוויילטער. האָב איך אײנמאָל אויסגענוצט זײַן צוטרוי און גלויבן אין פאַרמאַכטע אויגן און אויך אַוועק שפּאַצירן גלײַך נאָך זײַן פאַרשווונדן ווערן. כ׳בין אַזוי שפּאַצירנדיק בײַנאַכט אַוועק

פון ראַדאָשטש, ווו מיר האָבן דאַן געזומערט אויף דער „לי־ניע" און פאַרבלאָנדזשעט ביז שווידער. דאָס איז נישט געווען מיין ערשטער גרויסער שפּאַציר — איך האָב ליב געהאַט לאַנגע וואַנדערונגען זינט איך האָב זיך געהאַלטן פעסט אויף מיינע פיסלעך און נישט איינמאָל בין איך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן סיי אין וואַרשע, סיי אויף זומערוווינונג. דאָ אָבער איז זיגמונט געווען מיין „אַפּיעקון", ער איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר מיין זיין און וווילזיין. האָט ער אין מיטן דער נאַכט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע רעטונג־עקספּעדיציע. מ'האָט מיך מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אַרומגעזוכט אין די וועלדער, ווייל ער האָט געוואָלט מיך אָפּגעפינען ביז די עלטערן וועלן קומען צוריק. ס'האָט אים אָבער נישט געהאָלפן, דאָס מאָל איז ער דורכגעפאַלן. ערשט צומאָרגנס, שפּעט בייטאָג, האָט מען מיך אָפּגעפונען אין אַ ווילע, אין שווידער, ווו די באַלע־באַטים האָבן זיך מרחם געווען אויף מיר.

אין יענער נאַכט איז זיגמונט געווען פאַרצווייפלט ביז גאָר. מ'האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געדראָט די מיטזור־כערס: אויב מ'וועט מיך נישט אָפּגעפינען ביז די עלטערן וועלן צוריקקומען, וועט ער זיך אַ מעשה אָנטון. האָט ער מיר טאַקע נישט געקאָנט מוחל זיין אַ לאַנגע צייט נאָך דעם מיין „שפּאַציר" און געגעבן מיר עס צו פילן ביי יעדער געלעגנ־הייט — גוט צו פילן. איך האָב אים ווידער נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער... הרגעט וועוויורקעס. ער האָט געהאַט זיין אייגנס אַ פּרעכטיקן פיילנבויגן און פלעגט אויסגעצייכנט שיסן דערפון. געווען אַפילו פאַרמעסטן פון שיסן צום ציל

צווישן אונדזער טאַטן און אים: דער טאַטע פלעגט צילן פון זיין עלעגאַנטן בראַונינג און זיגמונט — פון פיילנבויגן. און ער איז נישט אָפּגעשטאַנען. דאָס האָט מיך דווקא געפרייט, אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער האָט צו די אָרעמע וועוויורקעס, וואָס זענען אַזוי פלינק אַרומגעשפרונגען פון צווייג צו צווייג און געגריזשעט די שישקעס אין וועלדל? זיג־מונט האָט נאָך פלינקער געשיקט די פיילן פון זיין בויגן אין די וועוויורקעס, וועלכע זענען מיט סאַלטאָמאָרטאַלעס אַראָפּ־געפאַלן פון די צווייגן און איינגעקנוילט זיך אויף דער ערד אין זייערע פאַרבלוטיקטע פוטערלעך.

כ׳בין אין כעס געווען אויף אים און גלייכצייטיק באַוווּנ־דערט זיינע פעיקייטן אין צילן. וואָרים אויך אין דעם האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן — גראָד ווי אין אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך גענומען: צו מאָלן, צו שניצן, צו קנעטן פון ליים, צו אָרגאַניזירן פאַרווייַלונגען, געזעלשאַפטלעכע שפּילן. ער איז תמיד געווען פול מיט איינפאַלן, איניציאַטיוון. שטענדיק עפּעס געטון, געמייסטרעוועט, געפּרוּווט. אַז נישט — האָט ער געמוזט צוטראַכטן עפּעס אַ שפּיצל. פון דעם האָט ער אפשר געהאַט די גרעסטע הנאה. וואָרים צו פאַרענדיקן אַן אָנגעהויי־בענע אַרבעט האָט אים אָפּטמאָל אויסגעפּעלט געדולד. אַ סך זאַכן פלעגט ער איבעררייסן און אַוועקוואַרפן אין סאַמע בעסטן מיטן, ווען ס׳האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן, אַז עס וואַקסט אַרויס עפּעס אַ וווּנדער פון אונטער זיינע הענט.

נאָך ווייניקער געדולד האָט ער געהאַט צום לערנען מיך. ער האָט עס געמוזט טון, ווייל דער טאַטע האָט געהייסן. און־

דזער טאַטע, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ רוסישן מענטש, האָט אָפטמאָל ליב געהאַט צו רעדן רוסיש, האָט ער געוואָלט, אַז מיר אַלע זאָלן קענען די שפּראַך. אין חדר מתוקן, ווו איך האָב זיך געלערנט זינט מיין 5־טן לעבנס־יאָר, ביי פיינהאַלצן — מיר אַלע, אַלע ברידער, זענען דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן געגוג פאַרגעשריטענעם טיפּיש־יידישן דער־ציונג־אינסטיטוט — האָט מען פון גואישע שפּראַכן געלערנט בלויז פּויליש, גראָד ווי אין דער פרעבל־שול ווו איך האָב פאַר דעם געלערנט. איז אויף זיגמונטן געפאַלן דער גורל צו דערגאַנצן מיין עדוקאַציע. קיין שלעכטן קאָפּ האָב איך נישט געהאַט, אַפילו פאַרקערט. ער האָט אָבער געוואָלט כ׳זאָל פון פאַרויס אַלץ קענען, טאָמער נישט — האָט ער געגעבן פּעטש. כ׳האָב זיך צעבונטעוועט און נישט געוואָלט מער לערנען ביי אים.

ווארים איך האָב געהאַט אַ פענאָמענאַלן זיכרון און פון איין מאָל הערן, האָב איך אַלץ פאַרגעדענקט. כ׳האָב אָבער נישט ליב געהאַט צו „מאַכן לעקציעס״. ס׳איז מיר ליבער געווען אין דער פרייער צייט אַרומצולויפן מיט מיינע חברים, פירן מלחמות מיט שקצים, אָדער צוזאַמען מיט מאַרקן „מאַכן פאַרשטעלונגען״ ביי אונדז אויפן גרויסן בוידעם. און זיגמונט האָט דווקא פאַרלאַנגט איך זאָל „מאַכן לעקציעס״. צו זיצן מיט מיר און פאַרלייענען האָט ער קיין געדולד נישט געהאַט. ער האָט איינס־צוויי אויפגעגעבן „דאָס און דאָס אויסלערנען״. און פאַרשוווּנדן געוואָרן. האָב איך זיך גלייך געלאָזט צו מיינע עסקים. די לעקציעס זענען געבליבן נישט

אָפּגעמאַכטע. דער סוף איז געווען — פּעטש. און — אויס שידוך צווישן אונדז. פון דעסטוועגן איז מיר עפּעס געבליבן פון זיין לערנען. שוין דאַן האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען די ביכער פון זיין רייכער רוסישער ביבליאָטעק. ליב געקריגן צו לייענען רוסיש, רוסישע שאַפונגען אין אָריגינאַל. אַזוי איז עס פאַרבליבן ביי מיר יאָרן שפּעטער. דאָס האָט מיר אַביסל פאַרלייכטערט בעת מיינע וואַגלענישן אין די מלחמה־יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס ביסעלע רוסיש, וואָס זיגמונט האָט אין מיר איינגעפלאַנצט אין מיינע פריע קינדער־יאָרן, האָט מיר אַ שפּאָר ביסל אַרויסגעהאָלפן אין די שפּעטערדיקע נויט־יאָרן.

II

זיגמונט האָט פאַר מיר געעפנט די כישוף־וועלט פון טעאַ־טער, אַריינגעפירט מיך צווישן יידישע קולטור־מענטשן, שרייבערס און קינסטלערס. ווען כ׳בין נאָך געווען אַ ייִנגע־לע, פלעגט ער מיך אַמאָל מיטנעמען אויף פּראָבן, אָדער פאָרשטעלונגען אין „אַרטיסטישן ווינקעלע״ אין „הזמיר״. ס׳האָבן מיך דאַן געקעכלט און געפּיעשטשעט ב. ניצבערג, ה. העלדענבערג, י. ווייסליץ. ביז היינט פיל איך דעם טעם פון שאָקאָלאַד, מיט וועלכן ס׳האָט מיך געקאָרמעט אין די איבע־רייסן די לערערין פרידאַ לעסלבאַום, די שפּעטערדיקע פרידאַ זרובבל. כ׳געדענק די ערשטע אויפטריטן פון יאָנאַסן אונטער זיגמונטס רעזשי. ער פלעגט מיך אויך שפּעטער מיטנעמען אויף פאָרשטעלונגען אין „עליזעום״ — סיי ווען ער האָט

דאָרט געשפּילט מיט דוד הערמאַנען, סיי — ווי אַ פּראָפעסיאָ־נעלער אַקטיאָר.

צו וויזיטן פון אַקטיאָרן ביי אונדז אין שטוב בין איך געווען געוווינט פון די סאַמע יינגסטע יאָרן. דאָס זענען אָבער געווען „געשעפט"־וויזיטן ; איך געדענק ווי היינט — ווי דער בייכיקער הערמאַן בערמאַן איז געקומען פאַרקויפן בילעטן צו זיין בענעפיס און ענלעכע פאַלן. מיין טאַטע איז דאָך געווען דער זיכערער קליענט פון אַלע בילעטן־פאַרקויפערס, פון אַלע בענעפיציאַנטן. זיגמונט האָט אָבער איינגעפירט די ערשטע פּריוואַט־אַקטיאָרישע וויזיטן ביי אונדז אין שטוב : יעקב ווייסליצן, מיט די לאַנגע האָר און דעם „ליטעראַרישן" שוואַרצן אויסבינדער ; יצחק קרעלמאַנען, וועלכער פלעגט זיך אָנטון עלעגאַנט און שטאָלצירן מיט זיין אויסלענדישקייט, כסדר דערמאָנען : „ווען איך האָב געשפּילט אין לאָנדאָן, פאַר דער מלחמה..." ; אידאַ קאַמינסקאַ, וועלכע איז אַמאָל געקומען צו אונדז אויף דלוגע־גאַס מבקר חולה זיין — כ׳געדענק דעם העלן וואָאַל, וואָס האָט האַלב באַדעקט איר פּנים, דעם ריח פון פּערפום, וואָס איז געבליבן שוועבן אין אַלע צימערן, וועלכע זי איז פאַרבייגעגאַנגען.

אינעם צווייטן באַנד פון זיינע מעמואַרן „טעאַטער־זכרו־נות פון אַ שטורמישער צייט" דערציילט זיגמונט צופּעליק וועגן טויט פון מיין נאָענטסטן חבר פון די קינדער־יאָרן, איגנאַש שוואַרצענבערג. ס׳איז דאָ ביי אים אַ פאַרבינדונג מיט יאַנאַסעס קראַנקייט אין יענער צייט, — נאָך דער קראַנקייט איז יאַנאַס צום ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן מיט א. ר. קאַמינ־

סקאַס טרופּע אין טורנע איבער די אָקופּירטע עסטרייכישע געביטן — דער מורא פאַרן אויסגאַנג, ווייל ער איז געווען אָנגעגריפן פון דער זעלבער עפּידעמיע, פון וועלכער ס'איז געשטאָרבן מיין ליבער חבר שוואַרצענבערג. באַרירט ער דערמיט צופעליק איינס פון די וויטיקלעכסטע עפּיזאָדן פון מיינע קינדער־יאָרן: דעם ערשטן טויט פון אַ נאָענטן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און די טראַוומע, וועלכער דער פאַל האָט איבערגעלאָזט אין מיין קינדערישער נשמה. זיין אייגענע חתונה קומט ער אָבער אָפּ מיט געציילטע ווערטער. און ביי מיר איז עס געווען אַ וואַגיקער עפּיזאָד אין מיין קורצער ביאָגראַפיע, ס'האָט געקאָנט אַפילו זיין דער סוף פון מיין ביאָגראַפיע.

וואָרים אין טאָג פון דער חתונה האָבן מיר, דריי יינגסטע נישט־מוסקיעטערן פון דער משפחה — יוסף קאַמינסקי, זיין געשוועסטערקינד מאָטל ליסקאָווסקי און איך — אויסגענוצט די סומאַטאָכע, וואָס האָט געהערשט אין דער היים אויף אָבאָזש־נע 11 און דעם פאַקט, וואָס זיגמונט האָט געמוזט לויפן אויף דער באַן אָפּהאַלטן דעם טאַטן אונדזערן ער זאָל נישט אַרויס־פאָרן פון וואַרשע (מיין טאַטע איז טאַקע געווען אַ גרויסער טעאַטער־ליבהאָבער; אָבער אויף דער חתונה פון זיין בכור מיט אַן אַקטריסע — מעג עס אַפילו זיין אסתר־רחלס טאָכ־טער — האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט איינגיין) און זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר צו דער ווייסל. דעם 26־טן יוני 1918 איז געווען אַ הערלעכער, זוניקער טאָג, האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָביסל דורכצושיפן. קיין שטאַרקער מאַטראָס

איז קיינער פון אונדז נישט געווען, אָבער דרייסטקייט און חוצפה האָט אונדז נישט געפעלט, זענען מיר אַרויסגעשווומען מיטן שיפל פון דעם שמאָלן וואַסער־אָפּצווייג אויף דער אָפענער ווייסל, ווו ס׳איז געווען שטרענג פאַרווערט אַרויסצו־שווימען קליינע שיפלעך. האָט אונדז טאַקע אַ פּאַטראָלירנדיק מאָטאָר־שיפל שיעור נישט דערטרונקען און מיר זענען קוים מיטן לעבן צוריקגעקומען אויסגעווייקטע און פאַרבלאָטיקטע אַהיים. מילא, וואָס יוסף און מאָטל האָבן אַריינגעכאַפּט פון דעם משפחה־דיקטאַטאָר, דער מומע רבקה, איז נישט מיין זאַך. איך בין געווען גליקלעך דערפון, וואָס זיגמונט האָט זיך באַגנוגנט מיט געבן מיר אַ לייכט פּעטשל, ממש אַ גלעט. ער איז געווען אין גאָר אַ גוטער שטימונג — ס׳איז אים געלונגען איבערצובעטן און איבערצורעדן דעם טאַטן. זיין חתונה איז נישט פאַרשטערט געוואָרן.

אין אַ ווייטערדיקן פראַגמענט פון זיינע זכרונות, ווען ער דערציילט וועגן פאַרשטייענדיקן טורנע קיין אוקראַינע, שרייבט זיגמונט: „פון דער צווייטער זייט איז מיר שווער געווען זיך צו שיידן מיט מיין פאַמיליע בפרט, אַז מיין יינגסטער ברודער, יצחק, האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע. דאָס געזעגענען זיך מיט אים האָט נאָך מער באַשווערט מיין געמיט און אַ לאַנגע צייט האָט מיך פאַר־פאָלגט דער בליק פון זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן און דער בלאַסער שמייכל אויף זיין אויסגעצערט פנים. איך האָב גע־פילט, אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל, אַז ווי עס זאָל נישט זיין וועט מיר שוין דער טורנע קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפן,

אַז איך וועל נישט געפינען קיין רו, וואָס איך האָב פאַרלאָזן מיין ברודערל אין אַזאַ קריטישער צייט און דער גאַנצער עול פון זיין קראַנקייט וועט פאַלן אויף די עלטערן, ספּעציעל אויף דער מאַמען, וואָס איז שוין אַליין צו יענער צייט געווען מסוכן קראַנק״...

איך זע פאַר מיינע אויגן, ווי איצט וואָלט עס געווען: מ׳האָט מיך אַרויסגעפירט אויף אַ וועגעלע פון איבערבינדונג־צימער. די איבערבינדונגען זענען געווען פאַרבונדן מיט שוידערלעכע יסורים. איך בין אָבער שוין געווען געוווינט דערצו, נישט געשריגן, בלויז פאַרביסן די ליפּן און געביילט די פויסטן. ווען איך האָב אָבער דערזען ביים אַריינגאַנג אין לאַנגן קאָרידאָר זיגמונטן מיט אידען — כ׳האָב געוווּסט, אַז זיי קומען זיך געזעגענען פאַרן אַרויספאָר אין אַ לאַנגן טורנע — האָב איך געפּרוּווט אַ שמייכל טון צו זיי. אַרויסגעקומען איז אָבער אַ פאַרקרומט פּנים. ווען זיגמונט האָט עס דערזען, האָט ער געחלשט. דאָס איז פעסט איינגעקריצט אין מיינע זכרונות. גראָד, ווי זיין חלשן בעת ער האָט דערזען דעם פאַרבלוטיקטן באַנדאַזש אויף מיין קאָפּ דעם ערשטן מאַי 1922, וואָס ער דערמאָנט אינעם ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות. דאָס חלשן דערמאָנט ער נישט — און דאָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים: ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דיליידן פון אַ נאָענטן.

ס׳דערמאָנט זיך מיר נאָך אַן עפּיזאָד, פאַרבונדן מיט זיין רעאַגירן אויף מיינע ליידן, מיין געזונט. אין יאָר 1931, ווען מיר האָבן געשפּילט אין פּאַריז, האָט אידע זיך איינגע־

רעדט אַ ראַק אין האַלדז. זי האָט נישט געוואָלט גיין צו אַ דאָקטאָר מיט זיגמונטן — נאָר איך זאָל מיטגיין מיט איר. „דו ווייסט דאָך, זיגמונט וועט באַלד חלשן" — האָט זי מיך איבערצייגט. בין איך מיטגעגאַנגען מיט איר צום דאָקטאָר לואי שוואַרץ, אַ קינד פון יידישע אַקטיאָרן, דער מאַן פון דער באַגאַבטער אַקטריסע חייקעלע בורשטיין. ד"ר שוואַרץ האָט זיך אויסגעלאַכט פון אידעס ראַק — ס'איז גאָרנישט מיט נישט, אַ נערוועזער האַלדז — זי דאַרף בלויז אַביסל רוען. ביי דער געלעגנהייט האָב איך געבעטן ער זאָל מיך אויך באַ־טאַפּן: מיט אייניקע טעג פריער האָבן איך געהאַט ביים הוסטן אויסגעשפּיגן אַ שטיקל בלוט. איך האָב עס גרינגגעשעצט, איך האָב געפירט אין פּאַריז אַן אינטענסיוו נאַכט־לעבן און נישט געהאַט קיין צייט צו קרענקען. ד"ר שוואַרץ האָט אָבער זייער ערנסט גענומען דעם ענין און האָט מיך אַנגעשראָקן מיט אַ גאַלאָפּ־שווינדזוכט. זיגמונט באַשרייבט דעם עפּיזאָד אינעם דריטן באַנד פון זיינע זכרונות „די איבערגעריסענע תקופה":

„צו די דאָזיקע באַומרואיקנדיקע ידיעות איז נאָך צוגעקומען אַן אומגעריכטע זאָרג, וואָס האָט זיך מיט אַ שווערער לאַסט געלייגט אויף אונדזער געמיט. מיין יינגסטער ברודער יצחק האָט זיך פאַרקילט, אָנגעהויבן הוסטן און באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. לכתחילה האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, ביז מיר האָבן אים געצוווּנגען צו גיין צו אַ ספּעציאַליסט. אונדזער טעאַטער־דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט ביי אים אַן ערנסטע לונגען־קראַנקייט, וואָס אויב מ'וועט זי

באַצייטנס נישט פאַרכאַפּן, קאָן זי זיך שלעכט ענדיקן. די דאָזיקע ידיעה — ווייט פון דער היים, ביי אומבאַקוועמע האָטעל־באַדינגונגען — האָט אונדז גאָר שטאַרק באַאומראיקט. אונדזערע פריינד האָבן רעקאָמענדירט פאַר אים אַ ספּעציעלן קוראָרט נישט ווייט פון פּאַריז און מיר פלעגן פון צייט צו צייט צופאָרן אים זען.

„צום גליק האָט זיך דעם דאָקטאָרס דיאַגנאָז אַרויסגע־וויזן פאַר איבערגעטריבן. יצחק האָט זיך שנעל אומגעקערט פונעם קוראָרט אַ פולשטענדיק געזונטער".

דערמאָנט זיך אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד: אין פּאַריז האָט דאָן געשפּילט אינעם אַוואַנגאַרד־טעאַטער „אַטעליע" אַ גוטער רוסישער אַנסאַמבל, אַרטיסטן־עמיגראַנטן. אין זייער רעפּערטואַר איז געווען בערגערס „מבול" מיטן אָנטייל פונעם געניאַלן בינע־קינסטלער מיכאַיל טשעכאָוו. זיגמונט האָט גוט געקענט טשעכאָוון פון דער אַרבעט, ביים פילם „טראַיקאַ", אין בערלין. זענען מיר נאָך דער פאָרשטעלונג אַריין צו טשעכאָוון אין גאַרדעראָב. איך בין געווען אין זיבעטן הימל. באַגייסטערט פון דער פאָרשטעלונג, באַקענט זיך פּערזענלעך מיט טשעכאָוון! און ס'איז טאַקע געווען פון וואָס צו באַגייס־טערן זיך. דער עפּיטעט „געניאַל", איז נישט איבערגעטריבן פאַר טשעכאָוון. אַלץ האָט אין אים געשפּילט, אַלץ, וואָס ער האָט געטון האָט געווירקט מאַגנעטיש. מ'קאָן נישט מעסטן די גרויס פון אַ קינסטלער מיט צענטימעטערס, וועל איך נישט זאָגן, אַז ער איז געווען דער גרעסטער אַקטיאָר, וועלכן איך האָב געזען — און געזען האָב איך אויף דער בינע און עקראַן

די מעכטיקסטע שוישפּילערישע טאַלאַנטן; כ׳בין אָבער פעסט איבערצייגט, אַז מיכאַיל טשעכאָוו איז געווען איינער פון די גרעסטע סצענישע טאַלאַנטן אין אונדזער דור. דאָס האָב איך דאַן געזאָגט זיגמונטן, ווען מיר זענען אַרויס פון טעאַטער. ער האָט אויך אַזוי געהאַלטן, בלויז צוגעגעבן:

— נישט געקוקט דערויף, וואָס דער מענטש איז כולו חולאתן און אַ שווינדזוכטיקער דערצו.

האָב איך זיך אַ וויצל־געטון:

— מיינס אַ קאַלעגע...

זיגמונט האָט זיך אויפגעקאָכט: „ס׳איז נישט אמת! דו ביסט נישט שווינדזוכטיק, דו ביסט געזונט!" ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען ווי אַ קליין קינד — ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן פאַרן שולדיקן אין מיין כלומרשטער קראַנקייט. כאָטש אַן דעם אַפילו איז זיין פילעוודיקייט אויף דיליידן פון אַ צווייטן — באַזונדערס פון אַ נאָענטן — געווען אין לשער. בעת אסתר־רחלס קראַנקייט האָט ער ממש מיטגעקרענקט. דאָס זעלבע איז געווען אין דער באַציונג צו אונדזער מוטער אין די לעצטע יאָרן פון איר שווערער קראַנקייט. ער האָט מיטגעליטן. אָבער איז דער זעלבער צייט האָט ער געקאָנט פאַרשאַפן אימיצן ליידן — נישט צו רעדן שוין וועגן גייסטיקע — נישט אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון דערפון.

אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָב איך עס שאַרף דערפילט אויף מיין אייגענער הויט. כ׳בין אַליין געווען שווער קראַנק. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אין בעסטן פאַל גייט אויף מיר



אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן

אַ לאַנגע תקופה פון שפּיטאָל־צרות. מיט אים האָב איך נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם, כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז קראַנק און נישט געוואָלט אים שלעכט ווירקן אויפן געמיט. ער האָט אַפילו געפּרוּווט צו פאַרלייקענען זיין קראַנקייט, זיך געבייזערט, ווען איך האָב געפרעגט ווי ער פילט זיך: „פאַרוואָס פרעגסטו עפּעס? — האָט ער געטענהט, — איך בין פולשטענ־דיק געזונט״. אַז עס האָט געהאַלטן שמאָל מיט זיין האַרץ, האָט ער זיך נישט געוואָלט מודה זיין. ער פלעגט בלויז צייטנווייז, דרך־אגב, אַריינוואַרפן: „בקרוב וועל איך שטאַרבן״, אָדער „כ׳וואָלט שוין וועלן שטאַרבן״. אויף מיר האָט עס שרעקלעך געווירקט. איינמאָל האָב איך זיך אַפילו צעבייזערט און גע־דראָט, אַז כ׳וועל מער נישט אַרויפקומען צו אים. האָט ער זיך צעווײנט היסטעריש — מן־הסתם דערפאַר, ווייל בעצם האָט ער ליב געהאַט דאָס לעבן, ער האָט בלויז נישט געהאַט קיין כוח מער צו ליידן. וואָרים, אַז ער — דער שטענדיק פולער מיט איניציאַטיוון, מיט איינפאַלן, מיט אַמביציע עפּעס אויפצוטון — האָט געמוזט ליידן וואָס זיין געזונט (אפשר אויך די עלטער) האָט באַגרענעצט זיינע מעגלעכקייטן, אין דעם איז נישט גע־ווען קיין ספק.

דעם 12טן יאַנואַר 1970 — פאַר מיין אַרויספאָרן קיין טבריה נאָך אַ לאַנגער צייט שפּיטאָלעווען — אין אָוונט פון מיין געבוירנטאָג, האָבן מיר זיך געזעגנט. ווי אַ ליבנדיקער פאָטער האָט ער מיך געגלעט און געקושט: „כ׳האָב הנאה פון דיר, האָסט זיך ווידער אַרויסגעקאַראַבקעוועט. וועסט נאָך זיין אַ לייט. כ׳וועל נאָך האָבן נחת פון דיר״. ער האָט שוין

קיין נחת נישט געהאַט. איך פון אים — אויך נישט. אַכט טעג שפּעטער איז ער אַוועק אויף אייביק.

III

בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם גורל פון אַ „ברודערל" אין דער יידישער קולטור־וועלט. כ'האָב דערציילט ווי מיין יוגנט־חבר יצחק באַשעוויס האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין ברודער וויל אים נישט אַריינגע־מען אין דער ליטעראַטור. ביי לייטן האָט געהייסן: האָסט אַ באַרימטן ברודער, איז דיר במילא לייכטער געווען דער וועג צו אַ קאַריערע. ס'איז אָבער ווייט נישט געווען אַזוי. דער באַרימטער ברודער האָט זיך מערסטנטייל דערמאָנט, וואָס פאַר אַ צרות ער האָט געהאַט ביז ער איז דערגאַנגען דערצו צו וואָס ער איז דערגאַנגען און געוואָלט אויסהיטן זיין ברו־דערל פון די צרות. אַזאַ פאַל איז געווען מיט זיגמונטן — ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן איך זאָל ווערן אַן אַקטיאָר. אַ לאַנגע צייט האָט ער מיך געפּרוווט צו ראַטעווען פון טעאַטער־צרות. „ווייניק וואַלגערן מיר זיך אַרום, דאַרפסטו נאָך..."

פאַר אַ מוסטער האָט ער מיר געבערענגט אונדזער ברודער מאַרק: געענדיקט אַ דראַמאַטישע שול, אַ פילם־אַקאַדעמיע און דאָך זיך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען פון די צרות. „בלייב בעסער אַ שרייבער" — האָט ער זיך באַמיט צו איבערצייגן מיך, באַווירקן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער גערימט מיין פּעדער, מיינע שרייבערישע פעיקייטן. ער האָט אַפילו געלויבט

מיין רעצענזיע, אין וועלכער כ׳האָב אַראָפּגעריסן די פֿאָרשטע־לונג „מאָטקע גנב״; געווען צופֿרידן, וואָס כ׳האָב געהאַט געוגנג דרייסטקייט אַראָפּצורייסן אַ פֿאָרשטעלונג, וועלכע האָט גע־האָט אַזאַ געוואַלדיקן דערפֿאָלג, דערצו נאָך אין אַ צייט, ווען שלום אַש האָט געווײַלט אין וואַרשע. „ס׳איז גוט אָנגעשריבן״ — האָט ער מיך גערימט.

ווען איך האָב אויפֿגעהערט זיך צו לערנען אין דער דראַ־מאַטישער שול, האָט ער זיך דערפֿרייט דערפֿון. ער האָט אָבער נישט געוווּסט צוליב וואָס איך האָב עס געטון. און ווען ער איז געוווּיר געוואָרן, אַז איך בין אָנגעקומען צו ליפּמאַנען אין „צענטראַל״־טעאַטער — אַפֿילו באַקומען צו דובלירן אַן עפּיזאָד, דעם קברן אין „פּישקע דער קרומער״ — האָט זיגמונט געמאַכט אַ סקאַנדאַל אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אַרטיסטן־פֿאַריין: פֿאַרוואָס מ׳דערלאָזט שפּילן אין אַ פּראָפֿעסיאָנעל טעאַטער „מענטשן פֿון דער גאַס״. ער האָט זײַנס אויסגעפֿירט — מ׳האָט מיך מער נישט דערלאָזט צום שפּילן.

פֿון דעסטוועגן זענען מײַנע סצענישע אָנהייבן — און גאָר גרויסע טיילן פֿון מײַן טעאַטער־טעטיקייט — פֿאַרבונדן מיט אים, אין פֿריידן און אין ליידן. און מיט אים האָב איך גע־האַט מער טעאַטער־פֿריידן, ווי ליידן. כאָטש שטרענג איז ער געווען צו מיר ביז גאָר, נישט געשאָנעוועט מיך אין דער אַרבעט. מילא, בעת די ערשטע פּראָבן, האָב איך עס געמוזט נעמען פֿאַר ליב, „קוועטש נישט די שטים, — האָט ער מיך גע־מוסרט ביי יעדער געלעגנהייט, — ווילסט זיך אַ תּל מאַכן פֿון האַלדז מיטן כאַראַקטערעווען, ווי איך?״ און קיין געדולד צום

לערנען האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט — ער האָט געוואָל־
דעוועט, געשריגן אויף מיר.

די פּראָבן צו דער ערשטער פּיעסע — סאָפיאַ ביעלאַיאַס „ווען דער טיוול לאַכט" — זענען פאָרגעקומען ביי זיי אין שטוב, אויף אַבאָזשנע 11. אין שכנותדיקן צימער איז געלעגן די קראַנקע אסתר־רחל און געזאָגט: „זיגעלע, וואָס מאַטער־סטו אַזוי איטשעלען?", האָט ער געהאַט איין ענטפער: „זאָל ער זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס אַקטיאָרעווען". צוליב אסתר־רחלס קראַנקייט האָט מען אויף דער גיך געמוזט צו־נויפשטעלן אַ טורנע מיט אַ קליינעם אַנסאַמבל: אידע, זיג־מונט, מאַנדלבליט, אברהם האַלפּערן, דער געשעפטפירער און חיים גאָלדזאַדער — אינספּיציענט, בינע־אַרבעטער, רעקווי־זיטאָר, עלעקטריקער און כל־בו. צו דער פּיעסע האָט מען באַדאַרפט אַ יינגל, אַ גימנאַזיסטל. האָט מען מיך מצרף גע־ווען. „זאָל ער זיך דורכפאָרן אַביסל, — האָט זיגמונט באַ־רואיקט מיינע עלטערן, — וועט עס אים אפשר אָפּרייסן פון פאָליטיק". אָבער ווערן אַן אַקטיאָר? — ניין, דאָס נישט!

אין יענעם טורנע בין איך טאַקע געווען מער שרייבער, ווי אַקטיאָר. די צווייטע פּיעסע אין יענעם טורנע איז געווען ה. באַכוויצס „די ראָמאַנטישע נאַכט", וועלכע איך האָב גע־האַט איבערזעצט פאַר זיי צום פּריערדיקן ווילנער סעזאָן זייערן. און אין דער ערשטער שטאָט, ווו מיר האָבן דאָן געשפּילט, אין קאַליש, האָט ער מיר געגעבן איבערצוזעצן ל. הערצערס „מאָרפיום". אין צוויי מעת־לעת האָבן איך געמאַכט די איבער־זעצונג. שטיקלעכווייז האָט מען די פאָרשטעלונג רעפּעטירט

פון מיין כתב־יד. אין דעם זעלבן קאַליש איז זי נאָך אויפגעפירט געוואָרן. איך בין געזעסן אין סופליאָר־קאַסטן — אַ ביטערער סופליאָר געווען: געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ", אָדער „ניין" — אַ וואָרט האָב איך זעלטן געגעבן. זיגמונט האָט טריומפירט: „זעסט, קאָנסט אַפילו קיין סופליאָר נישט זיין. און די איבערזעצונג האָסטו דווקא גוט געמאַכט".

אין יענעם יאָר, 1925, זענען מיר אין די ניין טעג געבליבן אָפּרוען אין קרעמעניץ. „די פּוילישע שווייץ" האָט מען גערופן די געגנט. האָט מען געמאַכט שיינע שפּאַצירן, עקסקורסיעס, געווען ווו צו גיין: דער ליציי, יוליוש סלאָוואַצקיס טייכל איקוואַ, דער שלאָס פון דער מלכה באָנאַ אויפן באַרג. אַ פיינע געזעלשאַפט איז אויך געווען — רוסישע, אָדער רוסיפיצירטע אינטעליגענץ. צווישן זיי — אַ באַקאַנטער רוסישער אַקטיאָר, דער זון פון דאָרטיקן אַפּטייקער, באָריס קרעמעניעצקי. ער האָט געבראַכט זיגמונטן ווי אַ מתנה אָסיפּ דימאָווס איינאַקטער „דער קרבן", — אפשר וועט עס צונוץ־קומען פאַר אַ קאָנצערט־אָוונט. זיגמונט האָט זיך אָנגעצונדן גלייך נאָכן איבערלייענען: „אַ סיזשעט פון אַ גאַנצער פּיעסע פאַר אונדזער קליינעם אַנסאַמבל. איטשע וועט עס מאַכן". און איך האָב באַלד אָנגעהויבן צו מאַכן. אין משך פון איין וואָך צייט אין קרעמעניעץ האָב איך דעם איינאַקטער פאַרוואַנדלט אין אַ פיראַקטיקער, סענסאַציאָנעלער פּיעסע. זיגמונט איז געווען אַנטציקט. „נו, דאַרפסטו נישט בלייבן אַ שרייבער?" — האָט ער טריומפירט. אויף אַלע וועגן און מיט אַלע מיטלען האָט ער מיך געשטויסן צו שרייבערײַ. געלויבט, געמוטיקט, אַפילו

געוואָלט מיך איבערקויפן: געצאָלט הויכע טאַנטיעמע. סיי פאַר די איבערזעצונגען, נאָכמער — פאַרן „קרבן״. פון דער טאַנטיעמע האָב איך אָפּטמאָל געהאַט מער, ווי פון שפּילן טעאַטער.

איך בין דאָך אָבער געווען אַן אומרו — כ׳האָב נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט סתם טעאַטער־שפּילן. בין איך נאָכן ערשטן טורנע אַוועק פון זיגמונטן, אַריינגעטראָטן אין דוד הערמאַנס סטודיע. כ׳האָב געזוכט טעאַטער־שאַפערישקייט. ער האָט געלאַכט פון מיר: „נו, נו, סטאַניסלאַווסקי״. ביירערט ווען כ׳האָב זיך ווידער אַנטוישט, נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן „אַזאַזעל״ — געמוזט דאַן חדשים לאַנג זיך אַרומוואַל־גערן אין אַ טורנע איבער די קלענסטע שטעטלעך פון פוילן — האָט ער מיך צוריקגענומען צו זיך. קודם־כל אין אַ טורנע, ווו מ׳האָט צוגעגרייט פלענער און דעם רעפּערטואַר פאַרן „וויקט״ — דאַן האָב איך טאַקע איבערזעצט קלאַבונדס „ראָד פון קרייד״, ראָמען ראָלאַנס „די וועלף״, פאַרגעזען פאַרן נאָענט־סטן רעפּערטואַר. און דערנאָך — אַ יאָר „וויקט״. וואַרשע, קאַמינסקיס טעאַטער, טורנע איבער גאַנץ פוילן. קיין רומע־ניע בין איך אָבער נישט דערפאָרן מיטן „וויקט״. צעברוגזט זיך צוליב מיינס אַ ליבע, וועלכע זיגמונט האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן. איז דער „וויקט״ אַוועק קיין רומעניע — אָן מיר. איך בין געבליבן אין פוילן — אָן דעם „וויקט״ און גאָר גיך אָן דער ליבע אויך.

אַז זיי זענען צוריקגעקומען פון רומעניע איז שוין נישט געווען די סיבה פון ברוגז. בין איך אַריינגענומען געוואָרן אין

„קליינעם וויקט״ — אַ לאַנגדויערנדיקער טורנע איבער פּוילן. ס׳ערשטע מאָל איז מיט אונדז מיטגעפאָרן אויך אונדזער שוועסטערל, רחל, וועלכע איז געווען נאָך דער פּוילישער דראַמאַטישער שול און נאָך שפּילן מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ. אין יענעם טורנע האָבן אונדז געפּאַקט די קאַטאַסטראָפאַלע פרעסט פון ווינטער 1928—1929. אייניקע וואָכן זענען מיר געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט אין סטאַניסלאַוואָוו. ס׳איז געווען אונדזער מזל — אַ ווילע, לעבעדיקע שטאָט, אַ טעאַטער־שטאָט. דער גאָלדפאַדען־קרייז — ממש אַ טעאַטער פאַר זיך, אַ טעאַטער מיט אַלעם גוטן, מיט אַ גרויסער פעריפעריע פון שפּילערס, באַטייליקטע און פריינד. אין די ווייסטע פרעסט האָבן זיי אונדז אַביסל דערוואַרעמט. האָבן מיר כמעט זאָרגלאָז פאַרבראַכט די פאַר וואָכן פרעסט. איין זאָרג האָט אונדז אָבער נישט אָפּגעלאָזט: די מאַמע איז געפערלעך קראַנק.

אונדזער ערשטער אַרויספאָר פון דער אייזיקער קלעם איז געווען טשאָרטקאָוו. און דאָרט האָט אונדז דערגרייכט די טעלעגראַפישע ידיעה: קומט תיכף צוריק אַ היים. דריי קינדער פון דער מאַמען זענען מיר געווען צוזאַמען. די צוויי יינגסטע — רחל און איך — צעבראָכענע, צעשמעטערטע. זיגמונט איז אינערלעך געווען נישט ווייניקער צעבראָכן פון אונדז, פון דעסטוועגן האָט ער אונדז געמונטערט, געקרעפּטיקט, געזאָרגט וועגן אונדז. 36 שעה האָט געדויערט די רייזע אַהיים, איבער געפרוירענע באַן־רעלסן, דורך שניי־בערג — טונעלן. אויב מיר, יינגערע, האָבן עס איבערגעהאַלטן, איז עס געווען אַ דאַנק זיגמונטס זאָרג. און איבער אונדז אַלעמען האָט

געוואַכט דער אומפאַרגעסלעכער דודל העלפמאַן, וועלכער איז כסדר אונטערגעטריבן געוואָרן פון זיגמונטן ער זאָל עפּעס טון, דערליידיקן, ער האָט געדרייט מיט די באַן־מאַשיניסטן אויף די פאַרשידענע פאַרבינדונג־סטאַציעס, געשמירט, אונ־טערגעקויפט, אַזוי אַרום דערפירט אונדז קיין וואַרשע. גע־קומען — גלייך אויפן גענשער בית־עולם אַרויס, צו דער מאַמעס לוויה.

די שווערע טעג פון שבעה און אַן אינערלעך לאַנגדויערנ־דיק שטיל באַוויינען די מאַמע. שטיל, אַזוי ווי זי איז עס געווען, ווי זי האָט עס געליטן. און ווידער — פּראָווינץ. זיג־מונט האָט עס נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן. זיין נערוון־סיסטעם איז געווען פולשטענדיק צעשרויפט. ער מוז אַוועק־פאָרן, אַוועקרייסן זיך פון דער רוטין, פון דער מלאכה און וואַנדער. ער וויל זיך ווידער לערנען. נישטאָ וואָס אויפצוטון ביים טעאַטער — ער האָט געשריבן צו מיכאָעלסן, געבעטן זיך: אפשר וועט זיין אַן אָרט ביי זיי. מיכאָעלס האָט אַפילו נישט געענטפערט — דאַרף מען פּרווון ביים פילם. אין בערלין וואַקסט די יונגע אינדוסטריע פון קלאַנג־פילם, דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט די בעסטע כוחות פון אייראָפּע — ער וועט פאָרן קיין בערלין. און ער איז אַוועק. מיט געציילטע זלאָטעס אין קעשענע, אַוועק אויף הונגער און מאַטער, כדי צו לערנען, עפּעס נייעס, צו באַהערשן אַ נייעם קונסט־געביט.

אַ יאָר בערלין, צוריקגעקומען קיין וואַרשע מיט גרויסע פּלענער און האָפנונגען, — פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. מוז מען ווידער זיך לאָזן וואַנדערן איבער שטעט

און שטעטלעך — לעבן דאַרף מען, צאָלן חובות אויך. ווידער פּרוון עפּעס אין וואַרשע: געברענגט פון בערלין דיצען־שמידטס „דאָס הויז פון פאַרברעכער" — דער באָדן פון היטלער־אויפקום און אַ סימפּאַטישע יידישע געשטאַלט דער־ביי. ס'בליצט אָבער נישט. וואַרשע איז טויב אויף דער וואָרנונג וואָס קומט פון מערב. דראַמאַטיזירט אידע שלום אַשס „אָנקל מאָזעס" — איז כדאי צו ריזיקירן: שלום אַש, יידיש שטעטל און ניו־יאָרקער שמעלץ־טאָפּ, אַן אינטערע־סאַנטע סצענישע געשטאַלט. איז כאָטש דאָ דערפון אַ מאָראַ־לישע סאַטיספאַקציע. די פּרעסע נעמט גוט אויף, דער עולם אויך — אַ שטיקל דערמוטיקונג. קומט די איינלאַדונג פון בעלגיע: „וועסט מיטפאָרן מיט מיר" — שלאָגט ער מיר פאָר. אין קליינינקייט — ס'ערשטע מאָל קיין אויסלאַנד, דער ערש־טער אַרויספאָר אין דער וועלט! אַוודאי בין איך געפאָרן. נאָך בעלגיע דאַרף קומען פראַנקרייך — וואָס־זשע קאָן מיך אינטערעסירן די מאַטעריעלע זייט? פאַר זיגמונטן איז אויס־לאַנד נישט געווען קיין נייעס, ער האָט אָבער געוווסט, אַז פאַר מיר וועט עס זיין אַ גרויסע איבערלעבעניש. און אים וועט זיין לייכטער: דיאַנאַ בלומענפעלד — אַ געשפּילטע אין אַ גרויסן טייל פון זיין רעפּערטואַר — און איך, ער וועט האָבן ווייניקער אַרבעט, קאָנען אָפּטער שטעלן פּיעסן. דאָרט מוז מען דאָך באַקן פּרעמיערעס.

אין בעלגיע זענען די פאַרדינסטן געווען זייער גוטע, סוף־כל־סוף זענען עס געווען זיגמונטס ערשטע גאַסטשפּילן אין מערב־לענדער, ער איז געווען אין סאַמע בלי פון זיין טאַ־

„אָנקל מאָזעס״ פון שלום אַש

לאַנט, שמו הלך לפניו, געווען דער פּאָפּולערסטער יידישער קינסטלער אין פּוילן און דאָס יידישע בעלגיע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען — — — אַן אָפּטייל פון יידישן פּוילן. איז געלט געווען אַ סך, אָבער געלעבט האָבן מיר באַשיידן: זיגמונט האָט גלייך אַלע פאַרדינטע געלטער געשיקט קיין וואַרשע אויף צו צאָלן חובות. קיין גוטער בעל־חשבון איז ער קיינמאָל נישט געווען. נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז מ'דאַרף ביי זיך אויך איבערלאָזן איייניקע הונדערט פראַנק. האָבן מיר שטאַרק דערפילט די רעזולטאַטן דערפון איייניקע טעג נאָכן ענדיקן די גאַסטשפּילן אין בעלגיע.

נאָך בעלגיע האָט מען באַדאַרפט אנהייבן אין פּאַריז. מ'האָט פאַרהאַנדלט מיט איינ׳קע פּאַריזער דירעקטאָרן — אַלץ נישט געקאָנט דורכקומען. און כל־זמן מ'איז נישט דורכגעקומען, האָבן מיר נישט געקריגן קיין וויזעס פון פּאַריז. האָט אונדז רובין־פרידמאַן, אונדזער בעלגישער אימפּרעסאַ־ריאָ, געראָטן אַריינצופאָרן קיין פּאַריז, אויפן אָרט זיך אַרומ־קוקן און אָפּמאַכן מיט וועמען ס'וועט זיך לוינען. איי, וויזעס? — פּאַריז און בעלגיע איז אַ צימער מיט אַ קאָרידאָר. ער מאַכט אָפּט דעם שפּאַציר. אין איייניקע טעג אַרום פאָרט ער טאַקע, ס'איז גראָד קאָטאָרז זשיע, דער נאַציאָנאַלער יום־טוב פון 14־טן יולי, וועלן מיר אויך שטורמען די באַסטיליע. ס'וועט נישט זיין קיין שום שוועריקייט; אַריבערצוגיין די גרענעץ פון ערזאָ קיין ליל. פון דאָרט איז בלויז אַ קאַצנ־שפּרונג מיט דער באַן קיין פּאַריז.

כך הווה. מיר זענען בשלום אָנגעקומען קיין פּאַריז.

ס׳איז אונדז אַביסל פֿאַרצאַפּט געוואָרן דאָס בלוט ביים אַרי־בערגיין די גרענעץ צוליב מיין לייכטזין — זיגמונט איז געווען אויסער זיך, בלאַס ווי די וואַנט. זיי זענען געווען אויף יענער, פֿראַנצויזישער זייט, ביי דער סטאַציע פֿון דער עלעקטרישער באַן און מיך האָט מען פֿאַרהאַלטן אין ביידל פֿון דער גרענעץ־קאָנטראָל — מ׳האָט עס אָבער גיך פֿאַר־געסן. וואָרים: פּאַריז, די שטאָט פֿון ליכט, די צעפּריידיקטע און צעטאַנצטע אינעם יאָרטאָג פֿון שטורמען די באַסטיל — צי האָט געקאָנט זיין עפּעס מער צוציענדיקס, מער אימפּאָ־נירנדיקס פֿאַר אונדז, זוכערס פֿון איינדרוקן און שטאַרקע איבערלעבענישן?

איינגעשטאַנען זענען מיר אין אַ זייטיק געסל פֿון פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, רי שאַטאָ ד׳אָ, אין אַ האָטעל אונטער דעם זעלבן נאָמען. קיין פּאַלאַץ איז עס אָבער נישט געווען: אַ באַשיידענער, ביליקער האָטעל, וואָס האָט געהאַט אַ זעלטענע מעלה פֿאַר פּאַריז ערב דער קאָלאָניאַלער וועלט־אויסשטע־לונג — ער איז געווען ריין, ציכטיק, לופֿטיק, נישט צע־טרייסלט פֿון אויפֿציטערן פֿון פֿאַרבייפֿאָרנדיקע אונטערער־דישע באַנען. פֿון דאָרט אויס האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין די רעפּובליק־קאַפֿייען, זיגמונט האָט אָנגעהויבן צו פֿאַר־האַנדלען מיט די דירעקטאָרן. דאָס פֿאַרהאַנדלען האָט זיך פֿאַרשלעפּט — נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, מיטאַמאָל האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט, אַז מיר זענען פֿאַרבליבן אָן געלט. דיאַנאַ האָט יאָ געהאַט עפּעס אָפּגעשפּאָרט, האָט אונדז אָבער נישט געפּאַסט צו בעטן ביי איר — זי איז אַ צעפּלאַמטע אַרומגע־

לאָפּן איבער די מאָדע־מאַגאַזינען און געמאַכט איינקויפן. די דירעקטאָרן ווידער האָבן נישט געטאָרט וויסן וועגן אונדזער פינאַנציעלער לאַגע — זיי זזאָלטן אָנגעהויבן צו דריקן אויף אונדז.

צוויי טעג האָבן מיר אַרומגעשפּאַצירט הונגעריקע אי־בער די ליכטיקע פּאַריזער גאַסן. אַ חוץ דעם באַשיידענעם פרישטיק אין האָטעל — אַ קאַווע מיט אַ קרואַסאָן — האָבן מיר גאָרנישט געהאַט אין מויל. האָט מיך זיגמונט צוגעפירט צו די שענסטע שויפענצטערס פון גאַסטראָנאָמישע געשעפטן און געלערנט: „זאָל זיך דיר אויסווייזן, אַז דו פאַרזוכסט פון די אַלע געשמאַקע זאַכן. קלייב זיך אויס דאָס בעסטע, וואָס שמעקט דיר — אַ שטייגער דעם זאַפטיקן לאַקס — און באַ־לעק זיך דערמיט. שלינג דאָס שפּייעכץ, וועסטו דערפילן דעם טעם פון לאַקס און דער הונגער וועט פאַרביי". ער האָט מיר דערציילט, אַז פאַראַיאָרן האָט ער אָפּט אַזוי געטון אין בער־לין, ווען ער איז געבליבן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. אַבי נישט צו בעטן ביי קיינעם, אַבי נישט אָנצוקומען צו קיינעם. אונדזער זיגמונט האָט אַזוי פיינט געהאַט אָנצוקומען צו מענטשן. אַפילו צו פריינד — און פריינד האָט ער געהאַט אין פּאַריז אַ סך, אַפילו האַרציקע חברים פון די יונגע יאָרן. ער אַליין האָט געקאָנט אויסברענגען אַ פאַרמעגן אויף שאַמפּאַ־ניער און די טייערסטע מאכלים מיט פריינד און געקאָנט שלינגען דאָס שפּייעכץ ביי גאַסטראָנאָמישע אויסשטעלן, כדי נישט אָנצוקומען צו פריינד. געקאָנט אַראָפּנעמען פון זיך אַ העמד און אַוועקגעבן אַן אָרעמאַן, אָדער אַ חבר אין נויט און

געקאָנט זיך שטעלן וועגן אַ פּאָר גראָשן, ווען ער האָט גע־מיינט, אַז מ׳וויל אים אָנציען, „נעמען אויפן זיכער״.

IV

אין פּאַריז האָט מיך זיגמונט אָנגעהויבן אַריינצופירן אין דער „גרויסער וועלט״. מיר האָבן פאַרברענגט מיט די קינסטלערס מענקעס, קאָנעלבאָ, מאַנע קאַץ, אַבערדאַם; גע־גאַנגען אין די סאַמע עקסקלוזיווע נאַכט־לאָקאַלן און רעס־טאָראַנען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט די רוסישע, — ווו ס׳האָבן באַדינט די הויפדאַמען און לייבגוואַרדיסטן פון צאַרישן הויף — און מ׳איז אַוועק צו די סאַמע עקזאָטישע כינעזישע, אינ־דישע און וועלכע נישט. זיגמונט האָט געהאַט אַ טבע אַלץ צו פּאַרזוכן, אַלץ אויסצופּרוּוון אויף דער אייגענער הויט, אָדער מיטן אייגענעם גומען. איך ווידער האָב פיינט געהאַט גאַס־טראָנאָמישע עקזאָטיק און די גאַסטראָנאָמיע פון דער פּיקאַנט־פּאַריזער עראָטיק — איך האָב זי גערופן „קאַסטראָנאָמיע״, ווייל מ׳דאַרף זיך קאַסטרירן נאָכן פּאַרזוכן... מיך האָט מער געצויגן צו באַזוכן מוזייען — דערויף איז אויך זיגמונט תמיד גרייט געווען, — אָדער מאַכן שעהנלאַנגע שפּאַצירן איבער די פּאַריזער בולוואַרן, פאַרברענגען אין די קינסטלער־קאַפעען פון מאָנפּאַרנאַס, ווו איך האָב געקאָנט צייטנווייז טרעפן שלום אַשן, מאַרק שאַגאַלן, זלמן שניאור, איליאַ ערנבורג — און וועמען נישט? מיך האָבן אינטערעסירט די קינסטלערס מיט די געפאַרבטע טשופּרינעס — אויף גריך, פּיאָלעט, בלוי —

יעדן טאָג אַן אַנדער פאַרב, אָדער אַ געמיש פון קאָלירן. און ווען ס'איז טעטיק געוואָרן די קאָלאָניאַל־אויסשטעלונג, וואָס איז געווען דער „קלו פון סעזאָן" אין יענעם יאָר, האָב איך גאַנצע טעג פאַרברענגט אין די הייזקעס און געצעלטן פון אַפריקע, אָדער אינדאָכינע, אויפן פאַריזער באָדן.

די אַלע זאַכן האָבן אָבער זיגמונטן אָנגעהויבן צו לאַנגווײַלן. ער פלעגט זיך גיך איבערזעטיקן מיט אײַנדרוקן, געזוכט אַלץ נײַע. אַן אײַביקער אומרו איז ער געווען. אַ דינאַמאָ, לגבי וועלכן מײַן אומרו האָט אויסגעזען, ווי די סטאַטיק אַליין. זענען זיך אונדזערע וועגן אין פאַריז פאַנאַנדערגעגאַנגען נאָך אַ גע־ווייסער צײַט. מיר פלעגן זיך בלויז טרעפן בײַם שפּילן, אויף פּראָבן, אָדער אין אַרויספאָר — קיין נאַנסי, מעץ; אַ צווייט מאָל איבער אייניקע שטעט פון בעלגיע. מיר זענען שוין געווען לעגאַליזירטע אין פראַנקרײַך מיט אַרײַן־ און אַרויספאָר־ווי־זעס, האָט בײַ אונדז נישט געשפּילט קיין ראָל דאָס אַרויס־פאָרן אין משך פונעם האַלבן יאָר פון פאַריז. ביז ס'האָט נישט געפּלאַצט די באָמבע פון מײַן כלומרשטן שווינדזוכט, וואָס האָט אונדז ווידער דערנענטערט. האָט ער געוואַכט אי־בער מיר, ווי אַ זאָרגעוודיקער טאַטע, געהאַלטן אין איין זאָרגן וועגן מיר און פאַרזאָרגן מיך מיט אַלעם, וואָס כ'האָב באַדאַרפט. נײַנציק פּראָצענט צוליב מיר האָט ער זיך אומגע־קערט פון פאַריז קיין וואַרשע, כדי מיך אַהיימצוברענגען. כאָטש זײַן געמיט־צושטאַנד איז נישט געווען צו זיצן אין פּוילן. די אַטמאָספער אין דער היים — די פאַמיליע־פאַר־העלטענישן — איז אים ווײַט נישט געווען צום האַרצן. האָט

אים געצויגן צום וואַנדערן — זיין שוואַכקייט פון די יינגסטע יאָרן אָן — נייע לענדער, פרישע איינדרוקן. צוליב מיר איז ער אַהיימגעפאָרן. אַ מאָדנע שולד־געפיל האָט אים פאַר־פאָלגט: ער האָט זיך איינגערעדט, אַז איך בין קראַנק גע־וואָרן צוליב אים. דער פאַקט, אַז איך האָב פון קינדווייז אָן געהאַט אַ קאָנצעסיע צו קרענקען — דאָס האָט אים בשום אופן נישט באַרואיקט. ער האָט מיין קראַנק־ווערן גענומען אויף זיין חשבון. ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין וואָס ער האָט סוף־כל־סוף דערלאָזט איך זאָל ווערן אַן אַקטיאָר, אַז איך בין אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם שווערן וואַנ־דער־לעבן.

אין פּוילן, ווי נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין שווינדזוכט איז אַן אויסגעטראַכטע, האָט ער מיך איינגע־שפּאַנט אין אַ שרייבערישער אַרבעט ווידער: „שרייב אַן אַ פּיעסע פאַר מיר. פאַר אַ קליינעם אַנסאַמבל. צום בעסטן — בלויז דריי פּערזאָן. וואָס גיכער". אין משך פון אַ וואָך האָט ער מיך כסדר געמונטערט און געמאָנט: „ווי האַלט עס?" האָב איך אָפּגעבאַקן די פּיעסע „דער איינציקער מענטש". דער נאָמען אַזאַ, ווייל ער האָט געהאַט אַ צענזורקע אויף דעם נאָמען — מיין איבערזעצונג פון פר. לאַנגערס „פּעריפעריע" איז אונטער דעם נאָמען צענזורירט געוואָרן פאַרן „וויקט" און נישט אויפגעפירט געוואָרן (די „ווילנער" האָבן עס גע־שפּילט פריער — אין אַן אַנדער איבערזעצונג). די טעמע איז אַפילו געווען אַן ענלעכע — אויך גרויסשטאָטישע אונטער־וועלט, אַ געפאַלענע פרוי, אַן אַלפאָנס און זייער קרבן — אַן

איינזאַמער קינסטלער, אין די מיטעלע יאָרן. מ׳קאָן נישט לייקענען — ער האָט אָפּטמאָל געהאַט אַ לייכטזיניקע באַציונג צו די פראַגן: אַ פּיעסע מוז ווערן צוגעשניטן לויט זיין פּלאַן, מיט ראָלן פאַר באַשטימטע אַקטיאָרן. די צענטראַלע — פאַר אים, מיט פאַרשידענע געמיט־צושטאַנדן און צעשרויפטע נערוון; די פרוי, — ראָמאַ לערער, ס׳זאָל זיין אונטערגע־שטראָכן איר רויטקייט, דעמאָנישקייט; דער אַלפאָנס — אַדאָלף וואָלפשטאַט (ווען ער איז קראַנק געוואָרן האָב איך אים געמוזט אָן פראַבן פאַרטרעטן אין דער ראָל). „ס׳מאַכט נישט אויס. שעקספּיר און מאָליער האָבן אויך געשריבן פאַר באַשטימטע אַקטיאָרן" — האָט מיך זיגמונט געטרייסט. איך בין דאָך אָבער נישט שעקספּיר, האָב איך געטענהט. „מילא, וועט עס זיין אַביסל שוואַכער" — האָט ער זיך געוויצלט.

וואָרים גראָד אַזוי ווי ער האָט געקאָנט זיין שטרענג, שלאָגן זיך וועגן די קלענסטע פּרטים ביי אַ פאָרשטעלונג לגבי וועלכער ער האָט געהאַט קינסטלערישע אַמביציעס — ווי אַן אַקטיאָר, אַ רעזשיסער, צוליב דעם עולם, צוליב דער שטאָט; גראָד אַזוי האָט ער געקאָנט כאַלטורעווען, ווען ס׳האָט זיך אים נישט געגלוסט צו שפּילן, אָדער ווען ער האָט גריב־געשעצט די פּיעסע. כ׳האָב אומצאָליקע עפּיזאָדן אַזעלכע פון די יאָרן, וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעאַרבעט. ער האָט געקאָנט אַריינבראָקן מאָנאָלאָגן פון „אוריאל אַקאָסטאָ", „שבתאי צבי" און „מירעלע אפרת" אין אַנדרעיעווס „געדאַנק"; רעדן אַרבל־פראָזע און אימפּראָוויזירן נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

און אַז איך האָב זיך אַנטקעגנגעשטעלט, איז אים אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט ער געהאַט איין ענטפער: „גיי צו סטאַניס־לאַווסקין".

שטימונגען האָבן זיך געקאָנט ביי אים בייטן בליץ־שנעל — צוליב סיבות, וועלכע זייטיקע מענטשן איז שווער געווען צו באַנעמען. סיי אין טעאַטער, סיי אין פּריוואַט־לעבן. אַ יאָר פאַר פּאַריז, נאָך זיין צוריקקומען פון די גאַסט־שפּילן אין ריגע, האָט ער מיך באַלד אינדערפרי אין אַ גע־וויסן טאָג — צומאָל צומאָרגנס נאָך זיין אָנקומען קיין וואַר־שע — אַרויסגערופן צו זיך אַהיים: אַ דרינגענדיקער ענין. „קום מיט אונדז צום רב. וועסט זיין אַן עדות ביים גט". כ'האָב געמיינט ס'איז עפּעס אַ ניי שפּיצל. כ'גיב אַ קוק צו אידען — זי ענטפערט מיר מיט אַ „יאָ". זיגמונט האָט זיך איינגעעקשנט, נישטאָ קיין אַנדער ברירה. בעתן גט, פאַר דער צערעמאָניע, האָט ער זיך געוויצלט מיטן רב. ווען יענער האָט געפרעגט: „אפשר וועט איר שלום מאַכן?", האָט אים זיג־מונט געענטפערט: „רבי, שפּילט נישט קיין טעאַטער. איך טו עס בעסער פאַר אייך". נאָך דער צערעמאָניע איז ער אַוועק מיט אונדז אין קאַפע צו לורסן, דאָרט פאַר יעדן פאָרגעשטעלט „מיין געוועזענע פרוי". און געוויצלט זיך מיט אַלע. קיינמאָל האָט מען ביי אים נישט געקאָנט וויסן, פאַר־וואָס וויל ער גראָד איצט אַוועק און קיינמאָל נישט — ווען ער וועט צוריקקומען. אַלץ געווען אָפּהענגיק פון זיינע שטי־מונגען. עפּעס אַן אינערלעכער ציטער, אַ נשמה־פלאַטער האָט דיריגירט מיט אים.

אין טעאַטער, אויף דער בינע, האָט אויף אים געקאָנט האָבן אַן אומדערוואַרטע ווירקונג עפּעס אַ קאָמישער אויס־דרוק, פון אַ פּנים אין דער ערשטער ריי, אימיצנס געלעכטער אויף אַ נישט פּאַסיק אָרט, אַ דענערווירנדיקער קלאַנג אין זאַל, אָדער אויף דער בינע. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם עפּיזאָד אין שטעטל א., — אַ שטעטל, וואָס האָט אַרויס־געגעבן אַ באַרימטן צדיק און, להבדיל, אייניקע יידישע אַקטיאָרן. אַ שטעטל מיט אַן אַקטיווער יוגנט, מיט קולטור־און קינסטלערישע אַספּיראַציעס: נאָכן פערטן אַקט פון אַנ־דרעיעווס „געדאַנק" — דער משוגעת־אָנפאַל פון ד״ר קיער־זשענצעוו, אַ סאָלאָ־סצענע, וועלכע זיגמונט האָט אָפּגעשפּילט אויף גאָר אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, טיילמאָל געניאַל אַפילו — איז אַריינגעקומען הינטער די קוליסן אַ דעלעגאַציע פון דער אָרטיקער יוגנט צו גראַטולירן זיגמונטן, דאַנקען אים פאַרן „קינסטלערישן גענוס". דער ראש המדברים, וועלכער האָט אים דערלאַנגט די בלומען און געמאַכט זיך וואַזשנע, האָט געהאַלטן פאַר נייטיק פערזענלעך צוצוגעבן אַ קאָמפּלי־מענט און דערלאַנגט פון זיך: „איר זענט אַ בעסערער קאָמיקער פון צוויליכן".

שאַיע צוויליך איז געווען דער ליבלינג־קאָמיקער פון די קליינע שטעטלעך אויף דער פוילישער פּראָווינץ. אָבער פאַר זיגמונטן איז דער פאַרגלייך מיט אים — דערצו נאָכן פערטן אַקט פון „געדאַנק", דעם דראַמאַטישן הויכפּונקט פון זיין קרעאַציע — איז דער פאַרגלייך געווען אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אַ רגע האָט ער איינגעשפּיזט זיינע

גליענדיקע אויגן אין דעם באַגריסער און בלויז געזאָגט: „טאַקע?" און צו מיר שטיל אַ זאָג געטון: „נו, באַלד וועל איך זיי דערלאַנגען אַ שפּיל". און ער האָט דערלאַנגט. אַזוי ווי איך בין אַרויס אין פינפטן אַקט אויף דער בינע — כ'האָב געשפּילט אַ שפּיטאָל־וועכטער מישאַ, אַנשטאָט מאַשאַ פון אָריגינאַל — האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן שלמונס מאָנאָלאָג פון „מירעלע אפרת", מיט האַרץ און מיט פּאַטאָס: „שוין דרייסיק יאָר ווי איך בין ביי מירעלע אין הויז" א.אַ.וו. איך האָב געדראַט, אַז כ'וועל אַראָפּ פון דער בינע — שטילערהייט האָב איך עס אים איינגערוימט — האָט ער מיר געענטפערט אויפן קול „גיי צו סטאַניסלאַווסקי". בין איך אַראָפּ און אים איבערגעלאָזט אַליין אויף דער בינע. ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען, ווייטער „דערלאַנגט" איין מאָנאָלאָג נאָכן צווייטן, אימפּראָוויזירט און יעדן מאָנאָלאָג אַזוי פאַר־ענדיקט, אַז דער זאַל האָט געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן. צום סוף האָט ער אָנגעהויבן זיך אַליין צו שטיקן, גערופן אַז די גייסטער פון היימי (חיים גאָלדזאַדער, אונדזער בינע־אַרבעטער) און דענדי (דודל העלפמאַן, אונדזער געשעפט־פירער) שטיקן אים און אַוועקגעפאַלן אַ טויטער אויף דער בינע. דער פוירהאַנג איז אַרויף אומצאָליקע מאָל. דער עולם איז ווילד געוועזן פון באַגייסטערונג. זיגמונט האָט טריומפירט: „זעסט וואָס צוויליך קען?!"

אָפט פלעגט ער מיר דערציילן וועגן די קונצעלעך און שפּיצלעך פון רודאָלף זאַסלאַווסקי, כדי צו באַווייזן, אַז יענער גרויסער סצענישער טאַלאַנט האָט זיך צוליב זיין לייכטזין

אַליין אומגעבראַכט. דאָס האָט אים, זיגמונטן, נישט גע־שטערט — אפשר אונטערבאַוווסטזיניק — נאָכצוטון אַמאָל זאַסלאַווסקין. אַפילו איינמאָל — געווען איז עס בעת אַ פֿאָרשטעלונג פֿון „אָנקל מאָזעס״ — ווען ער האָט פֿון דער בינע דערזען זאַסלאַווסקין זיצן אין דער ערשטער ריי אין זאַל (זאַסלאַווסקיס גרויסע, אויסגעשטשירעטע ציין, האָבן זיך געלאָזט זען !), האָט זיגמונט גאָר פֿאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך. ער האָט אויפֿן קול אויסגערופֿן „העלאָ, ראובן !״, אַראָפּ אין זאַל אַריין און געוואָלט אַרויפֿשלעפּן זאַסלאַווסקין אויף דער בינע אַרויף. איך האָב אים געפּרווּוט אָפּהאַלטן, האָט ער מיר מיט אַ שמייכעלע פֿון אַ שאַלטיק שעלמיש גע־ענטפֿערט : „ער איז דאָך אויך אַ געשפּילטער „אָנקל מאָזעס״.

געווען צייטן ווען דאָס שפּילן מיט זיגמונטן איז געווען פֿאַר מיר אַ פּיין, אַן אַפּקומעניש, צוליב אַזעלכע איינפֿאַלן זיינע ; געווען צייטן ווען דאָס איז געווען די העכסטע קינסטלערישע פֿרייד, אַ פּערמאַנענטער שאַפֿערישער גענוס. כ׳בין זיך מודה, אַז עפּעס ענלעכס איז געווען ביי אים אין דער באַציונג צו מיר : נישט איינמאָל האָט ער געהאַט צרות פֿון מיר, געהאַלטן, אַז איך בונטעווע די אַקטיאָרן קעגן אים — „דווקא ביי מיר מוזטו אויסלאָדן דיין רעוואָלוציאָנעריש־קייט ?״ — האָט ער בייז געפֿרעגט. געווען ווידער צייטן ווען ער האָט איינגעלייגט וועלטן איך זאָל אַרבעטן מיט אים צו־זאַמען. ווען ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „פּאַקט״ — איך בין דאַן געווען אין לאָנדאָן — האָט ער מיך כסדר באָמ־באַרדירט מיט בריוו איך זאָל תיכף ומיד צוריקקומען. ווען

איך בין געקומען פון לאָנדאָן, איז שוין „פּאַקט״ געווען אַ געוועזענער פּאַקט און זיגמונט האָט זיך געגרייט צו זיין גרויסן טורנע איבער דער וועלט. האָט ער מיט מיר אָפּגע־רעדט, אַז פון קאַנע וועט ער מיר דורך ריגע שיקן אַן אַרויספאָדערונג און כ׳זאָל גלייך אַרויספאָרן, כדי צוזאַמען מיט אים דורכמאַכן דעם גרויסן טורנע. קיין שום שוועריקייטן וואָלט איך נישט געהאַט אַרויסצופאָרן פון פּוילן — איך האָב געהאַט אַ גילטיקן קאָנסולאַר־פּאַס — נאָר ווען ער האָט מיר אַרויסגעשיקט די אַרויספאָדערונג איז אויפגעקו־מען אַ שוועריקייט: איך האָב אין צווישנצייט חתונה־געהאַט און פאַרלאַנגט דאָקומענטן פאַר נאָך אַ פּערזאָן. מיין שידוך איז אים נישט געווען שטאַרק צום האַרצן און ער האָט זיך געלאָזט איינער אַליין אין די פיר־יאָריקע וואַנדערונגען איבער דער וועלט. אין האַרצן האָט ער אָבער געטראָגן צוליב דעם אַ פאַרדראָס אויף מיר און געגעבן עס צו פילן אין אַ סך, אַ סך בריוו, וואָס ער האָט מיר אין משך פון די פאַר יאָר געשריבן פון וועג.

זיינע בריוו! ליידער איז מיר גאָרנישט געבליבן פון יענער תקופה — אַלץ איז אַוועק מיטן היטלער־רויך פון מיין וואַרשעווער היים. אַ סך בריוו זענען אָבער איינגעקריצט אין מיין זיכרון. באַזונדערס — אַ טייל בריוו פון זיין גרויסן לאַ־טיין־אַמעריקאַנער טורנע. יעדער בריוו איז געווען אַ קינסט־לערישער רעפּאָרטאַזש, אָדער אַן עסיי. זיין „אָקסן־קאַמף״ איז קודם־כל געווען אַ בריוו צו מיר; פראַגמענטן פון „די זעלבסטהערשער אין צילינדערס״, וואָס האָבן זיך שפּעטער

געדרוקט אין המשכים אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג". וועגן טעאַטער האָט ער נישט געהאַט וואָס צו שרייבן פון יענעם טורנע — ס'איז געווען בלויז טעאַטער־וועגעטאַציע. האָט ער זיין גאַנצן ברויז, אימפעט, ענערגיע און טעמפעראַמענט אַריינגעלייגט אין טוריסטיק, אין דערקענען מענטשן, אַלטע קולטורן, אַלטערטימלעכע קונסט־ווערק. אין די בריוו צו מיר האָט ער עס אַלץ באַשריבן, אילוסטרירט מיט פאָטאָגראַפיעס פון אייגענער פּראָדוקציע. דאָס איז אין יענע יאָרן געווען זיין האָבי — תמיד האָט ער געהאַט עפּעס אַ האָבי. אין די פאָטאָגראַפיעס האָט ער זיך קינסטלעריש אויסגעלאָדן. אייניקע פון זיי זענען טאַקע געווען אמתע קונסט־ווערק. ער האָט פיקסירט זעלטענע פּייזאַזשן, אויסטערלישע נאַטור־דערשיינונגען און מענטשן, אויסגראָבונגען און איבערבלייבענישן פון אַלטער פאָלקס־קונסט. ער האָט מיט זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן כאַראַקטעריסטישע בילדער פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, אַריינגערעכנט בערנאַרד שאָו, וועלכן ער האָט באַגעגנט אין קובאַ, אין האַוואַנאַ.

זיינע בריוו זענען אויך געווען אַ צושטייער צו מיין פילאַטעליסטישער שוואַכקייט פון יענע יאָרן. ער האָט געוווסט, אַז איך בין קראַנק געוואָרן אויף פילאַטעליסטיק, האָט ער אויסגעזוכט די זעלטנסטע מאַרקעס. ביי אים זענען זעלטענע מאַרקעס געווען: שיינע מאַרקעס, קונסט־ווערק. ער, דער עסטעט, דער קונסט־קאָנעסער, האָט נישט געקאָנט באַנעמען, אַז עס קאָנען זיין אַנדערע ווערטן, ווי עסטעטישע.

שיינקייט האָט ביי אים דאָמינירט. אַפּילו זיין דעמלטדיקער אידעאָלאָגישער ראַדיקאַליזם איז געווען פון געיעג נאָך שיינקייט, פון דראַנג צו שיינקייט. זיינע פאַרשידענע עקספּע־רימענטן — דער ווילן אַלץ צו פאַרזוכן אַליין, אַלץ אַליין אויסצופּרוּוון, מעג זיין דאָס אויסטערלישסטע — דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון געיעג נאָך שיינקייט. ער איז געווען ווי דער מעדיצינער, דער ביאָלאָג, צי ביאָכעמיקער, וועל־כער איז גרייט זיך מקריב צו זיין, ריזיקירט מיט זיין לעבן, כדי אויפן אייגענעם גוף אויסצופּרוּוון אַ נייע דערפינדעניש — אַזוי האָט זיגמונט אויסגעפּרוּווט שיינקייטן, דעם געָנוס פון שיינקייטן און שטאַרקע עמאָציעס, אָדער די אילוזיע פון שיינ־קייט — אויף זיין אייגענעם גוף, אויף זיין אייגענער נשמה. ער איז געווען ד ע ר מענטש פון שיינקייטן און עמאָציעס.

ביי אַ סך מענטשן לויפט דאָס לעבן אין גיכע טעמפּן אי־נעם געיעג נאָך גליק. נייערט פאַרשידן איז דאָס גליק, דער באַגריף וועגן גליק, ביי פאַרשידענע מענטשן. ביי אייניקע איז עס געיעג נאָך געלט, נאָך גאָלד. פון דעם געיעג איז זיגמונט ווייט געווען. דער מין עשירות איז אים לחלוטין פרעמד געווען. ער האָט געזוכט גייסטיקע עשירות. זיין גע־יעג נאָך גליק, נאָך סאַטיספאַקציע, דער זין פון זיין לעבן, וואָס האָט אים געטריבן אין גיכע טעמפּן, איז געווען: שיינ־קייט, עסטעטישער געָנוס, עמאָציאָנעל זיך אויסלעבן. ממש ביז עמאָציאָנעלער שיכרות. דערצו בלויז האָט געלעכצט זיין קינסטלער־נשמה. און געווען איז ער כולו קינסטלער־נשמה, כולו קינסטלער.

V

די שענסטע תקופה אין זיגמונטס לעבן — דאָס איז אויך געווען די שענסטע תקופה אין מיין טעאַטער־לעבן — איז געווען דאָס באַנייען דעם „וויקט" ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס „וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער" („וויקט") איז געווען זיגמונטס לעבן־ווערק. אין אייניקע עטאַפּן פון דעם טעאַטער־בנין בין איך געווען דערמיט פאַרבונדן — די דאָזיקע עטאַפּן האָבן מיך נאָך שטאַרקער צונויפגעבונדן מיט זיגמונטן. צום שטאַרקסטן — דער לעצטער עטאַפּ, די יאָרן 1938—1939.

איך בין נאָך אַרומגעפאָרן איבער טשעכאָסלאָוואַקיי ווען זיגמונט האָט מיך פאַרוואָרפן מיט בריוו, איבערפולטע מיט פּראָיעקטן וועגן באַנייען דעם „וויקט", רעפּערטואַר־פּלענער, געפּלאַנטע אויפפירונגען. אין דעם פרט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין זיין צוגאַנג; אונטער דער השפעה פון די אַרומיקע פּאָליטישע וואָלקנס האָט זיך געשטאַרקט דער נאַציאָנאַל־יידישער מאָמענט אין זיינע פּלענער און אַרויסזאָגן. „מיר מוזן טראָגן פרייד, ביטחון און גלויבן מיט אונדזער רעפּערטואַר. מיט אונדזער טעאַטער דאַרפן מיר גייסטיק שטאַרקן דעם יידישן מאָסן־מענטש" — האָט ער מיר געשריבן. ער האָט אויפגעהערט צו זוכן פּיעסן אינעם וועלט־רעפּערטואַר — נישט־יידישע פּיעסן האָט ער אין לעצטן „וויקט" בלויז באַנייט פונעם אַלטן רעפּערטואַר — און אַלץ געבויט אויף אָריגינעל־יידישן, פאָלקסטימלעך־יידישן. ער האָט באַוווּסטזיניק געבויט דעם רעפּערטואַר אויף געזאַנג און

פרייד — אַנטקעגנגעשטעלט עס די געשמאַקלאָזע „געזעגנגע און טענצע". און פון דער צווייטער זייט: נישט צו לאַנגווײלן דעם עולם, אַלע קרייזן פון עולם, מיט בלויז גערעדטן וואָרט. זיין דעווייז איז געווען: אַ טעאַטער פאַר אַלע, אַ פאָלקס־טעאַטער פון הויכער קינסטלערישער מדרגה.

גלייך ווי איך בין צוריקגעקומען קיין פוילן — כ'האָב נישט באַוויזן צוריקצוגעווינען אַ גייסטיק גלייכגעוויכט נאָך מיינע איבערלעבענישן פון אַנטלויפן פאַר היטלערן פון ווין, פאַרלאָזן טשעכאָסלאָוואַקיי צוליב דער דאַרטיקער מאָבילי־זאַציע ערב דער מינכען־מפלה — האָט מיך זיגמונט איינגע־שפּאַנט אין די צוגרייטונגען צום „וויקט". ער האָט מיך איינגעשפּאַנט — דאָס איז נישט ריכטיק אפשר, ער האָט מיך בלויז מיטגעשפּאַנט צו זיך. אַלע זיינע חושים זענען געווען פאַרטון אין די צוגרייטונגען ווען ער איז אַרומגעפאָרן אין זיין לעצטן טורנע איבער פוילן מיט די מאַנדלבליטס — יעקב און פּערל אוריך — און יצחק זיגער. אין יענעם טורנע האָט ער כסדר געאַרבעט איבער טעקסטן, אויסגעאַרבעט פּראָ־יעקטן, צוגעגרייט רעזשי־ביכער.

אין גאַליציע האָבן זיי איבערגעלעבט אַן אויטאָ־קאַ־טאַסטראָפע. ביי זיגמונטן איז דערפון באַשעדיקט געוואָרן אַ ריפּ. ווען ער איז אין שפּיטאָל צוריקגעקומען צום באַוווּסט־זיין, איז זיין ערשטע זאָרג געווען: דער כתב־יד פון „שול־מית". ער האָט געהאַט פאַרענדיקט די באַאַרבעטונג פון גאָלד־פאַדענס „שולמית" און דאָס איז אין יענעם מאָמענט געווען ביי אים דאָס טייערסטע. נישט געקוקט אויף די יסורים, וואָס

ער האָט געהאַט פון די ווונדן, האָט ער געטראַכט בלויז וועגן „שולמית". מיט די צוגרייטונגען צו „שולמית" האָט ער געלעבט די ערשטע חדשים פון דער באַנייטער „וויקט"־אַר־בעט אין לעמבערג. אַלץ דאָס איבעריקע — אַלע פאָרשטעלונ־גען, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן — זענען בלויז געווען אויף אויסצופילן די צייט ביז דער גורלדיקער פּרעמיערע. אין די באַנייונגען פון „אַנקל מאָזעס", „7 געהאָנגענע", „גלאָ־קנצ:ער פון נאָטר־דאַם", „בלאָנדזשענדע שטערן" — אין יעדער פון די פאָרשטעלונגען איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך אַרבעט — האָט זיגמונט געשפּילט די הויפּטראָל. דאָס האָט אָבער נישט געהאַט פאַר אים קיין באַדייט. און אויף „שול־מית" — ווו ער האָט בכלל נישט געזאָלט שפּילן — אויף דער קאָרט האָט ער אַלץ געשטעלט.

גאַנצע טעג איז ער אָפּגעזעסן מיט שלמה פריזאַמענטן — דעם באַאַרבעטער פון דער מוזיק, וועלכער האָט אויך צוגע־גרייט די אָפּערן־זינגערס: ליובאַ לעוויצקאַ, אָסקאַר פעלער, דידיאַ עפּשטיין, גרשון מעסער; מיט מאַטעס זאַקן, וועלכער איז געווען זיין רעכטע האַנט ביי די טעכנישע צוגרייטונגען און פריץ קליינמאַנען, וואָס האָט פּראָיעקטירט די דעקאָראַ־ציעס און קאָסטיומען — אַרומגערעדט יעדן דעטאַל, יעדן פּרט פון אויספירן די פּראָיעקטן; מיט זיגערן אַרומגעגאַנגען וועגן שאַפן מיטלען פאַר דער פאָרשטעלונג. היינט — די פּראָבן! ער איז נישט מיד געוואָרן צו מאַכן פּראָבן, אויף פאַרשידענע ערטער, מיט פאַרשידענע גרופּעס — אין דעם ריזיקן בנין פון „קאָלאָסעום"־טעאַטער איז געווען ווו פאַנאַנ־

דערצונעמען די הענט — געלאָפֿן פֿון אָרט צו אָרט: צו קלאַראַ שטרענג, דער פּיאַניסטין, וואָס האָט געאַרבעט מיט די זינגערס; בעלאַ קאַץ, מיט באַלעט; אַנסאַמבל־גרופּעס פֿון אַקטיאָרן, געאַרבעט אינדיווידועל מיט ראַליסטן. אַ שטורמישער צופֿלוס פֿון כּוחות איז דאַן געווען ביי אים, ער איז געווען אַ מעין המתגבר — נישט אין דער משכּילישער מליצה פֿון באַגריף, נייערט אויף אַן אמת אַ שטורמיש־שטראָמענדיקער קוואַל. ער האָט אונדז אַלעמען מיטגעריסן מיט דעם רייסיקן שטראָם זיינעם. מיך — מער פֿון אַלעמען.

אויף זיגמונטס פֿאָרשלאָג בין איך אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער סעקרעטאַר פֿון דער אָנפֿירונג — מיט שמחה נאָטאַן און יעקב מאַנדלבליט. ביי זיגמונטן איז אַן אמת נישט געווען קיין ענין פֿון כּבוד, פֿון כּיבוד. דאָס האָט געמיינט אַרבעטן, טוען. האָט ער מיך איינגעשפּאַנט אין אַ טאָג־טעגלעכער אַרבעט — אַחוץ פּראָבן און שפּילן — פֿירן דעם פּינקס פֿון „וויקט". יעדן טאָג האָט געמוזט דאָרט פֿאַרשריבן ווערן דער פֿאַרלויף פֿון טאָג, די כראָניק פֿון טאָג אין „וויקט", די אַרבעט־פֿאַרטיילונג, ספּעציעלע געשעענישן, באַמערקטע בלויזן אין אַ פֿאָרשטעלונג; אויב אימיצער האָט עפּעס פֿאַרשפּעטיקט, אָדער פֿאַרנאַכלעסיקט — לויב און פֿאָרוואָרף פֿאַר מיטאַרבעטערס — די מינדסטע פּרטים פֿון פֿאַרלאָפֿענעם טאָג. אין פּינקס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן רעזשי־באַמערקונגען, שאַפֿערישע פּראָבלעמען און דיסקוסיעס, פּראָיעקטן, אַפֿילו דער פֿאַרלויף פֿון יעדער פֿאָרשטעלונג לויטן באַריכט פֿון מאַטקע זאַקן, דעם באַלעבאָס פֿון די לויפֿנדיקע פֿאַר־

שטעלונגען. דאָס איז געווען אַן אוצר פון מאַטעריאַל וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן און שאַפן פון אַן אַמביציעז קינסטלעריש טעאַטער. האָבן מיר טאַקע ביידע געהאַט טרערן אין די אויגן, ווען מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז צווישן דעם פאַרברענטן פאַרמעגן פון טעאַטער אינעם בנין פון „נאָוואָשטשי", ווו מיר האָבן געשפּילט האַרט פאַר דער מלחמה (און אַפילו בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע), איז אויך אַוועק מיטן רויך אונדזער פּינקס.

שווער, זייער שווער איז געגאַנגען צו קינד די נייע „שולמית", די ערשטע שטיינער אין וועג האָבן זיך אונטער־גערוקט ביים פאַרטיילן די ראָלן. שיעור צוליב דעם נישט געקומען צו אַן אויפרייס. זיגמונט האָט צוגעטיילט די ראָל צינגעטאַנג פאַר עני ליטאַן און אַביגיל — פאַר פערל אוריך. האָט ענין אָבער געוואָלט שפּילן אַביגיל: דראַמאַטיש, אַ פרוי, מ'קאָן באַווייזן דעם פרויען־רייץ, צו צינגעטאַנג דאַרף זי זיך גאָר אויסשמירן, מאַכן פאַר אַ נעגער־יינגל — ס'פּאַסט נישט. זיגמונט האָט זיך איינגעעקשנט: ס'איז לטובת דער פאַרשטע־לונג, ס'איז פאַר אַניען לטובה. די ראָל איז אויסגעברייטערט, אַ סך קאָמיזם, טענץ. איז זי אָבער גרייט געווען אויף אַלץ — באַדאַי אַוועקגיין פון טעאַטער — נישט צו שפּילן צינגעטאַנג. זיגמונט האָט נישט געהאַט קיין נערוון צו דיסקוטירן מער — ער האָט די זאַך איבערגעלאָזט צו דער דעציזיע פון דער אָנפירונג. איך האָב געהאַלטן, אַז ער איז גערעכט. ס'איז זיין רעכט פון אַ רעזשיסער צו פאַרטיילן די ראָלן, ווי ער האַלט פאַר ריכטיק. און ווען ס'געפעלט נישט, קאָן אַרויסטרעטן

פון קאָלעקטיוו. איי, דאָס איז פאַרבונדן מיט מיין פאַמיליע־לעבן? — ס'טעאַטער איז אין דעם פאַל בילכער. ס'איז דאָך געווען דער „וויקט"! זיגמונט האָט מיך געקושט דערפאַר. מיר האָבן שוין געהאַט אַ סיכסוך אייניקע וואָכן פריער — ער האָט געוואָלט אויפירן גאָטעספעלדס „מחותנים" און פאַרטיילן די צווי מחותנתטעס צווישן די יונגע אַקטריסעס: עני ליטאַן און פערל אוריך, אַזוי ווי ס'האָבן אין וואַרשע גע־שפילט דינה האַלפערן און רחל האָלצער; האָבן זיך אַנט־קעגנגעשטעלט אסתר פערלמאַן און נעמי נאַטאַן און די פיעסע איז צוליב דעם נישט געשטעלט געוואָרן — האָבן מיר געהאַט אַן ענלעכן סיכסוך און דאָס נאָכגעבן, דאָס אָפּ־טרעטן, האָט געשעדיקט די אַרבעט פון טעאַטער. און ווען לסוף האָט זיך עני אונטערגעגעבן, האָט זיך זיגמונט נישט געהאַלטן פאַרן זיגער. „דאָס איז אַ ניצחון פון אַניען, — האָט ער געזאָגט. — איר צינגעטאַנג איז געוואָרן איינער פון די באַדייטנדיקסטע דערפאָלגן פון דער פאָרשטעלונג".

דער טריומף פון „שולמית" האָט אים פאַריינגערט, פאַרפריידיקט, געמאַכט אויפלעבן. ער האָט געשיינט פון פרייד און גליק, געווען פריינדלעך מיט יעדן, חבריש, צוגע־לאָזן, אַראָפּגעשלונגען אַפילו אַ באַליידיקונג בעת דער פרע־מיערע גופא. זי איז פאָרגעקומען דעם 25־טן דעצעמבער 1938 — נאָכמיטיק. די גאַנצע נאַכט פריער (מ'האָט שפּילן נישט געטאָרט דעם 24־טן) האָט מען געמאַכט די גענעראַל־פּראָבע ביז פאַרטאָג. אין טעאַטער אַריין זענען מיר צו דער פאָרשטעלונג געקומען גאַנץ פרי. אַלע, זיגמונט אויך. ער

איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַרדעראָבן, נאָכגעקוקט ווי מ׳טוט זיך אָן, ווי מ׳מאַכט די גרימען. און אָט דערהערן זיך די ערשטע קלאַנגען פון דער אוווערטור. זיגמונט גרייט זיך אַרויסצוגיין אין זאַל אַריין. פּלוצלינג — אַ שריפה אויף דער בינע. אַ שטיקל דעקאָראַציע האָט זיך אָנגעצונדן — אַ קורץ־שלוס מן־הסתם. מאַטקע זאָק פּירט אָן מיטן לעשן די שריפה, רואיק, באַהערשט. זיגמונט לויפט אַריין, אויסער זיך: „וואָס איז געשען?" ער איז פאַרצווייפלט, פאַרלירט דעם קאָפּ. מאַטקע טרייבט אים אַראָפּ פון דער בינע, שעפּטשעט ענער־גיש: „גייט אַראָפּ פון דער בינע. איר רייסט מיר אַראָפּ די פּרעמיערע". זיגמונט איז אַ רגע געבליבן, ווי געלעמט. ער האָט אָבער געפאָלגט, שטילערהייט אַראָפּ פון דער בינע. די פאָרשטעלונג איז אַדורך בשלום. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיס־מענטן, באַגייסטערונג איבער די ברעגן. זיגמונט קושט זיך מיט אַלעמען. מיט מאַטקע זאָקן צעקושט ער זיך גאָר האַרציק: „ביסט געווען. בעת דער פאָרשטעלונג ביסטו אַ באַלעבאָס פון דער בינע".

מיטן דערפאָלג פון יעדן אַקטיאָר און זינגער האָט זיך זיגמונט געפרייט, ווי מיט זייך אייגענעם, געשעפּט נחת פון יעדער פאָרשטעלונג. זעלטן ווען ער האָט דורכגעלאָזט אַן אָוונט אין טעאַטער — געזעסן אין זאַל אויף אייניקע סצענעס, אַרומגעדרייט זיך אין פאָיע, אַריינגעקומען אין די גאַרדע־ראָבן. ער האָט מיט אַ פולער ברוסט איינגעאָטעמט אין זיך דעם גרויסן ניצחון פון „שולמית". אָבער ער האָט אויך געקאָנט לייכט, אין גוטן מוט, אַריבערטראָגן דעם אומגע־

רעכטן נישט־דערפאָלג פון די „בראָדער־זינגער" — ווידער אַ פּרעמיערע פון גרויסן פּאַרנעם וואָס איז געשטעלט גע־וואָרן גלייך נאָך „שולמית". אפשר צוליב דעם טאַקע, האָט די פאָרשטעלונג נישט געהאַט דעם פּאַרדינטן דערפאָלג. ס׳איז אַן אַלטער כלל אין יידישן טעאַטער: נאָך אַ „שלאַגער" קומט אַ דורכפאַל. לאו דווקא אַ מאָראַלישער — אַ מאַטער־יעלער דורכפאַל. וואָרים בלויז אַזאַ האָט געליטן די פאָר־שטעלונג „בראָדער זינגער". נישט געקוקט דערויף, וואָס זיגמונט האָט יאָ געשפּילט אין דער פאָרשטעלונג און זיין נאָמען פלעגט ציען אַן עולם אין טעאַטער אַריין; וואָס ער האָט דווקא געשאַפן אַ פּראַפּירנדיקע געשטאַלט פון אַ באַ־בען — לויט די טראַדיציעס פונעם גאָלדפאַדענישן באַגין. דער איינציקער, וואָס האָט נישט געשפּילט אין דער פאָר־שטעלונג, דאָס בין איך געווען. אין דער וויטערדיקער אויפ־פירונג, אין „בר־כוכבא", האָט ער ווידער נישט געשפּילט — די ראָל פאַפּוס, וועלכע ער האָט געזאָלט שפּילן, האָט ער מיט פאַרגעניגן אָפּגעטראָטן שמחה באַטאַנען און הנאה גע־האַט פון יענעמס גרויסן דערפאָלג אין ז׳ער ראָל — האָט ער זיך געווויצלט גוטמוטיק: „אַז איך שפּיל, איז נישטאָ קיין סבאָרן".

די חתונה זיינע — דאָס איז געווען איינער פון די פרייי־דיקע סיורפּריזן אין יענע גוטע פרילינג־טעג. ראָזאַ איז געווען די יינגסטע שילערין אין בעלאַ קאַצס באַלעט־שול. זי האָט זיך באַטייליקט אין אונדזערע גרויסע גאָלדפאַדען־אויפ־פירונגען, אָבער קיינעם האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז

זיגמונט וועט זיך פאַרליבן אין דעם מיידעלע, וואָס איז נאָך קיין 17 יאָר נישט אַלט געווען. אַרום אים האָבן זיך דאַן גע־דרייט יונגע, שיינע, רייכע פרויען „צום האָבן", ווי די ליכט־פליגן אַרום אַ לאָמפּ. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז ער אַריינ־געקומען צו מיר אין צימער און בינו לבינו אַריינגעוואָרפן: „כ'האָב חתונה". געמיינט האָב איך, אַז מיט איינער פון די, מיט וועלכע מ'האָט אים צייטנווייז געזען אין טעאַטער, אין אַ נאַכט־לאָקאַל. ווען ער האָט מיר געענטפערט, אַז מיט ראָזען, האָב איך פאַרלוירן ס'לשון. זיגמונט האָט פאַרשטאַנען מיין פאַרוווּנדערונג. ער האָט גוטמוטיק געלאַכט און געזאָגט: „וועל איך האָבן אין איין פערזאָן אַ פרוי מיט אַ טאָכטער".

די שאַפערישע אָנלאָדונג און פריידיקייט האָט אָנגע־האַלטן ביי זיגמונטן נאָכן אַרויספאָרן פון לעמבערג — די געציילטע טעג אין סטאַניסלאַוואָוו, די וואָכן אין קראָקע, די צייט אין וואַרשע. דאָס איז געווען איין קייט פון טריומפן — פאַרן „וויקט" און פאַר זיגמונטן פערזענלעך. האָט עס אים אָנגערעגט צו נייע פאַרמעסטן, פלענער פון אַ וועלט־טורנע, דרייסטע רעפּערטואַר־עקספּערימענטן. אין אַלע פאַרהאַנד־לונגען וועגן די ענינים האָב איך זיך באַטייליקט. כ'ווייס נישט צי ווייל כ'בין געווען דער סעקרעטאַר פון דער אָנפי־רונג, צי ווייל ער האָט מיך געוואָלט אַריינציען אין אַלץ, מקרב זיין שטאַרקער. האָב איך זיך אויך באַטייליקט אין די שמועסן מיט אַלתר קאַציזנע וועגן באַאַרבעטן גאָלדפאַדען־מאַטיוון. קאַציזנע האָט זיך, ווי זיין שטייגער, אָנגעצונדן צו

אַזאַ פּלאַן, אַרויסגערוקט זיין נאָענטסטן פּראָיעקט: דעם „עקידת יצחק״־מאָטיוו. דאָס האָט ער געוואָלט נעמען אויפן ערשטן פּייער. אויך דער פּראָיעקט איז אַוועק מיטן פייער און רויך פון ברענענדיקן וואַרשע.

די מלחמה האָט אונדז צעטיילט אויף לאַנגע יאָרן. קודם־כל — אויף אייניקע טעג, נאָך דער פּאַנישער עוואַקואַציע פון וואַרשע, אין דער צווייטער וואָך פון דער מלחמה. זיגמונט איז אַוועק פון וואַרשע, יאָנאַס אויך — די מערהייט יונגע מענער זענען אַוועק נאָך אַ פּראָוואָקאַטאָרישן רוף פון ראַדיאָ. איך בין נישט געגאַנגען. אויב ס׳איז באַשערט אַ באָמבע, וויל איך זי ליבער אין דער היים, נישט אין דער פרעמד, — האָב איך געטענהט.

אין לעצטן טאָג פון דער באָמבאַרדירונג האָט עס אַפילו געהאַלטן דערביי: צו מיר אין שטוב איז אַריין אַ שראַפּנעל. אויף מיין סאָפע איז דערהרגעט געוואָרן דערפון דער אַקטיאָר דניאל שאַפּיראָ. אין שטאָט האָט זיך אָבער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין עס געהרגעט געוואָרן. זענען גלייך נאָך דער באָמבאַרדירונג געקומען צולויפן — איבער די חורבות און גליענדיקע האָלעוועשקעס — אונדזער פּאָטער, זיגמונט, יאָנאַס. דער ערשטער איז געקומען זיגמונט. זיין דירה איז צעבאָמבירט געוואָרן און ער האָט זיך שפּעטער געדונגען אַ צימער אין האָטעל אויף ביעלאַנסקע, נישט ווייט פון מיר. אָבער די באָמבאַרדירונג איז ער איבערגעקומען, צוזאַמען מיט ראָזען, אין אַ קעלער פון אַן עקסקלוזיוון קאַפע אין וואַר־

שע, ווו ס׳האָט זיי איינגעאָרדנט דוד העלפמאַן. אין זעלבן קעלער האָט ער אָבער אויך איינגעאָרדנט אידען מיט מעלמאַ־נען, רוטען מיט ראַזנערן. איז זיגמונטן נישט אַזוי אָנגענעם געווען דאָרט...

יעדן טאָג איז ער זינט דאַן געקומען צו מיר — אָדער איך צו אים — ביז מיין אָוועקגיין צו דער גרענעץ. ער האָט מיט אונדז נישט געוואָלט גיין. געהייסן האָט עס: וואָס הייסט — איבערלאָזן דעם אַלטן טאַטן, די שוועסטערלעך? כ׳מיין אָבער, אַז גיכער איז עס געווען דערפאַר, ווייל איך בין גע־פאָרן מיט דער זעלבער גרופע וואָס אידע און רוטע. זיגמונט האָט זיך שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט איר שידוך מיט ראַזנערן. אַנטקעגנגעשטעלט ביז אַ פאַרביסענעם ברוגז. אַ ברוגז, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרנלאַנג. ווארים זיגמונט איז געווען אַ מענטש פון שטאַרקע געפילן, פון עקסטרעמען. ער האָט עקסטרעם ליב־געהאַט און עקסטרעם געכעסט זיך, געברוגזט, צומאָל פיינט געהאַט, אַזוי ווי דער טאַטע אונדזערער. כמעט אַ קאָפּיע פון טאַטן.

VI

בײַ דער אַזוי גערופענער רעפּאַטריאַציע — דאָס צוריק־פאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין פוילן נאָך דער מלחמה — בין איך נישט געווען צו שטאַרק באַלאָדן מיט באַגאַזש. כ׳האָב כמעט גאָרנישט באַדאַרפט פּאַקן, ווייל כ׳האָב גאָר נישט

פֿאַרמאָגט. און דאָס וואָס כ׳האָב יאָ פֿאַרמאָגט, האָב איך געמוזט מיט אייגענע הענט פֿאַרברענען — כ׳האָב עס נישט געטאָרט מיטפֿירן מיט זיך: מיינע כתב־ידן און קאָרעספּאָנדענץ. ווען איך וויל עס מיטפֿירן, וואָלט איך באַדאַרפֿט יעדעס פּאַפּירל געבן צום צענזורירן, באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף אַרויסצופֿירן עס, גראָד ווי יעדעס בוך, וואָס כ׳האָב אַרויסגעפֿירט. אָבער מיט ביכער איז עס נישט געווען קיין קאָמפּליצירטער ענין, אויב דאָס בוך איז געווען געדרוקט אין די לעצטע יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד (אַנדערע זענען במילא געווען טריף. מיט כתב־ידן איז דאַקעגן גאָר אַן אַנדער פּרשה: מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, ווי אַזוי ס׳וועט זיך ענדיקן, איז גלייכער געווען צו מאַכן אַ בורא מאורי האש. אַזוי אַרום זענען אַוועק מיטן רויך די געציילטע כתב־ידן מיינע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט פֿון קירגיזיע; אַזוי זענען אַוועק מיטן רויך די אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאַנטע סגי־נהור־בריוועלעך, וואָס כ׳האָב באַקומען פֿון משה בראָדערזאָן, אַלעקס שטיין, משה גראָסמאַן א.אַ., ווי אויך אַ צאָל בריוו, וואָס כ׳האָב פֿון זיגמונטן דערהאַלטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַן אָדיסייע פֿון וואַנדערונגען, ביז זיי זענען דערגאַנגען צו מיר קיין פֿרונזע.

געענוי געדענק איך נישט מיט וואָס עס האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אונדזער בריוולעכער קאָנטאַקט. די פֿאַרבינדונג האָט זיך, דוכט זיך, געשאַפֿן דורך מאַרק יוווילער אין ניו־יאָרק און מיין ברודער מאַרק אין בוענאָס־איירעס. כ׳געדענק אָבער גוט, אַז ווען איך האָב איבערגעלייענט איינעם פֿון

זיגמונטס ערשטע בריוו צו מיר — געווען איז עס שוין אין די לעצטע חדשים פון דער מלחמה — האָב איך שיעור נישט געחלשט. זיגמונט האָט מיר צו וויסן געטון, מיטן טיפּישן ענטוזיאַזם זיינעם, אַז בקרוב וועלן מיר זיך מן־הסתם טרעפן: ער מאַכט באַמיונגען וועגן אַריבערפאָרן קיין ביראָבידזשאַן. דאָס איז דאָך נישט ווייט פונעם אָרט ווו איך געפין זיך... איז אפשר זאָל איך אויך אַריבערפאָרן אַהין און מיר וועלן זיך דאָרט טרעפן.

וועגן זיינע אַלטע אידעישע סימפּאַטיעס האָב איך גוט געוווּסט. כ׳האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז ווי אַ פּועל־יוצא פונעם נייעם יידישן חורבן האָבן זיי געמוזט פאַרשטאַרקט ווערן. כ׳האָב אָבער בשום אופן נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דאָרט, אין דרום־אַמעריקע, ווייסט מען נאָך נישט דעם אמת וועגן אַלע געשעענישן און ליקווידאַציעס אין ראַטן־פאַר־באַנד. צוליב וואָס רייסט ער זיך איצט אין דעם גן־עדן אַריין, גראָד ווי ער האָט זיך געריסן סוף צוואַנציקער יאָרן? איך האָב געפילט, אַז אויב ס׳איז טאַקע אַזוי — זיי וויסן גאָר־נישט, אָדער זיי גלייבן נישט אין די ידיעות — איז מיין חוב צו אַנטפּלעקן פאַר אים דעם גאַנצן אמת אין זיין פולער נאַקעטקייט. איך האָב עס גלייך געטון אין מיין ענטפער צו אים — כמעט אָפן, מיט ווייניק־פאַרשטעלטע רייד און נעפּל־דיקע אָנצוהערענישן. כ׳האָב זיך נישט גערעכנט מיט דער צענזור — מילא, וואָס וועט זיין וועט זיין, — כ׳האָב פּער־זענלעך סיי־ווי דאָן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן.

זיין תשובה האָב איך דערהאַלטן אַ שיינע פּאָר חדשים

שפּעטער — נאָכן איבערלייענען זי, האָב איך אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דער בריוו איז געווען צעשטורעמט פון כעס, פון צאָרן: ער האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז כ׳בין אַן עגאָיסט, כ׳וויל נישט דערלאָזן אויך ער זאָל הנאה האָבן פון לעבן, געניסן פון די פרייהייטן און שאַפערישע מעגלעכקייטן פאַר יידישע קינסטלערס אין ראַטן־פאַרבאַנד. ס׳אַרט מיך גאָרנישט, אַז ער מוז — אין טראָפּיקאַלן קלימאַט פון בראַזיל — מאַכן טעאַטער פאַר גוים, מיט אַ חברה פּוילישע ווייסגוואַרדייער־אַנטיסעמיטן; אַז ער איז דערווייטערט פון אַ לעבעדיקער יידישער קולטור־סביבה, נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי שטאַרק... און נאָך און נאָך טענות פון דעם מין, געשריבן ממש מיט שוים אויף די ליפּן. ער איז געווען אויסער זיך: „היתכן, דו, מיין באַליבטער ברודערל, מיין נאָענטסטער מיטאַרבעטער?״ — האָט ער זיך נישט געוואָלט צוגלויבן.

ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט אַן ענלעכער בריוו מיט איי־ניקע יאָר פריער — פון ניו־יאָרק קיין ביאַליסטאָק. ס׳האָט זיך געריסן צו אונדז, אין זיין געבוירן־שטאָט אַריין, דער אַלטער יוליוס אַדלער, וועמען דער אַמעריקאַנער האָבער האָט געשטאָכן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט געוואָלט קומען „בויען דעם סאָציאַליזם״ אויף זיינע אַלטע יאָרן. ער איז דאָך שוין אין ראַטן־פאַרבאַנד געווען, דוכט זיך, אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן. ער ווייס אַלץ וועגן דאָרט, קען אַלץ, דערפאַר וויל ער, ער חלשט א.אַ.וו. מיר האָבן אים נישט גע־קאָנט ענטפערן, אַז אין משך פון די יאָרן זענען פאָרגעקומען

ענדערונגען אין ר.פ. און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די ענדע־רונגען האָבן געהאַט. אַגב, האָבן מיר נאָך דאַן אַליין נישט געוווּסט דעם גאַנצן אמת וועגן ר.פ.״ וועגן די ענדערונגען, וואָס קומען כסדר פאַר — צום שלעכטן. האָט אים משה ליפּמאַן, זיין אַמאָליקער נאָענטער מיטאַרבעטער און חבר, אויף אַ פאַרשטעלטן אופן געענטפערט: מלחמה־באַדינגונגען, מ׳קאָן נישט וויסן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען א.אַ.וו. אַדלער איז געווען אויסער זיך. ער האָט אונדז געזידלט: עגאָיסטן, נישט־פאַרגינערס, שׂונאים. און באמת איז די לאַגע אין ביאַליסטאָק, אָנהייב 1940, נאָך געווען צו דערליידן. אין יידישן מלוכה־טעאַטער האָט זיך געפירט אַן אינטערעסאַנט שאַפעריש לעבן, נישט געקוקט אויף אַלע צרות פון רעזשים און רעזשימניקעס. אָבער אין פּרונזע? דאָרט בין איך דאַן אַליין אַרומגעגאַנגען אין שמאַטעס איינגעוויקלט, אַ הונגערי־קער, קראַנקער פון צינגאַ נאָכן טרודפּראַנט, מיט דער דראָונג פון ענקאַווּעדע איבער מיין קאָפּ — וועגן דעם אַלעם האָב איך זיגמונטן געגעבן אָנצוהערן אין מיין בריוו, ווי אויך איבערגע־וויזן אמתן וועגן בירָאָבידזשאַן — ער האָט אַלץ נישט גע־וואָלט גלויבן. אַ גליק בלויז, וואָס דער סאָוויעטישער אַמ־באַסאַדאָר אין בראַזיל, סוריץ, איז נישט געווען אַזאַ ענטוז־זיאַסט פון זיגמונטס בירָאָבידזשאַנער פּלאַן און האָט אים געראָטן „צוצוואַרטן אַביסל״...

ווען איך בין שוין צוריקגעקומען קיין פּוילן, באַזעצט זיך אין וורָאַצלאַוו, האָט זיגמונט זיך געהאַט אויסגעהיילט זינט אַ צייט פון חשק איינצושליסן זיך אין דער „וועלט פון

מאָרגן". אַ פרישע זאָרג האָט אים אָנגעהויבן צו מאַטערן: ער האָט זיך באַקלאָגט אין זיינע בריוו, אַז ער קאָן אין די נעכט נישט שלאָפן צוליב מיר. אין די צייטונגען לייענט ער וועגן כסדרדיקע שיסערייען און אומרוען אין פוילן — צי בין איך נישט אַמאָל אויף אַ צופיל עקספּאָנירטער אַרבעט? צי וואָלט נישט גלייכער געווען איך זאָל נאָכטון יאַנאַסעס ביישפּיל, אַנטלויפן פון פוילן? האָב איך אים געענטפערט מיט אַ חכמהלע: אַז עס גייט דורך אַ נאַכט אָן שיסעריי, קאָן איך נישט אַנטשלאָפן ווערן... ער איז געווען אויסער זיך: „חכמהט זיך נאָך?" אין יעדן בריוו האָט ער מיך געמוסרט, געבעטן זיך ביי מיר, פאָרגעשלאָגן זיין הילף. דאָס האָט געדויערט ביז ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה. דאַן איז פאָרגע־קומען אַן איבערקערעניש אין אים.

ישראל איז געוואָרן אין צענטער פון זיינע פאַראינטערע־סירונגען, חלומות און פּלענער. ער האָט זיך באַמיט אויך מיך אַריינצוציען אין דעם, אַפּעלירט צו מיינע יוגנט־זכרונות, מיין חלוצישער פאַרגאַנגענהייט און דעם דראַנג צו ארץ־ישראל אין מיינע יוגנט־יאָרן. ער האָט מיך צוגערעדט איך זאָל וואָס גיכער עולה זיין — ער וועט אויך עולה זיין פון בראַזיל און מיר וועלן צוזאַמען אויפלעבן דעם „וויקט" אין ישראל. ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר מיר די שענסטע פּערספּעקטיוון — לעבן און שאַפן טעאַטער צווישן יידן, אין אַ יידישער מדינה — וואָס קאָן דען זיין שענערס דערפון? און דאָס איז געווען ביי אים אויפריכטיק, דאָס דאָזיקע געפיל, כאָטש דאַן איז גראָד געווען די בלי־צייט פון זיין טעטיקייט

אינעם בראַזיליאַנער טעאַטער. עקאָנאָמיש איז אים געווען גוט און מאָראַליש האָט ער זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן: מ׳האָט אים געקענט און אָנערקענט אין בראַזיל, דערטיילט כבוד, גערימט אין טאָג אַריין, ווי דעם מיטשע־פער פון בראַזיליאַנער נאַציאָנאַלן טעאַטער. דער דרייסיק־יעריקער יובילייַ פון זיין סצענישער טעטיקייט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ בראַזיליאַנער קונסט־יום־טוב. און דווקא דאַן האָט אים צום שטאַרקסטן אָנגעהויבן צו ציען קיין ישראל, צוריק צו יידן, צו יידישע מאַסן.

דער אמת איז, אַז איך האָב אַליין שטאַרק געוואָלט עולה זיין. נישט אַזוי — און נישט צוליב דעם, ווי זיגמונט טור־קאָוו האָט געטראַכט, נייערט: כ׳האָב געהאַט אָפּגערעדט מיט אַ שליח פון מק״י, אליהו גאָזשאַנסקי, אַז כ׳וועל איבערנע־מען די רעדאַקציע פון „פריי ישראל״. אַליאָשאַ גאָזשאַנסקי, האָט אַפילו אָנגעהויבן צו מאַכן די ערשטע באַמיונגען וועגן אַ דערלויבעניש פון דער פוילישער פאַרטיי פאַר מיר עולה צו זיין, ווען ער איז געקומען צום פאַרייניקונגס־קאָנגרעס פון דער פאַרטיי. כ׳האָב געהאַט די הסכמה דערויף פון די סאַמע שפּיצן, פון דער גרויער עמינענץ אין נייעם פוילן, מיין אַלטן באַקאַנטן יאַקוב בערמאַן. אין גוטן מוט האָט ער מיר אַפילו פאָרגעוואָרפן, אַז פון מיר וועט שוין קיין פּאָליאַק נישט ווערן... און מיינער אַ חבר פון די יוגנט־יאָרן אין לעמבערג, אַן אָנגעזעענער פּאַרטיי־פירער אויפן געביט פון קולטור, פּאַוועל האָפמאַן, איז אַפילו ווייטער געגאַנגען: „דאַרפסט פאָרן קיין ישראל. דאָ וועסטו סיי ווי זיין אַן איבער־

לעכער עמיגראַנט, אַ קאַנדידאַט אויף תפיסה״. דעם ענין האָט בלויז אָפּגעשלעפּט, אונטער פאַרשידענע אויסריידן, דער „יידישער מלך״ (ווי ס׳האָבן אים אין וויץ גערופן אַנדערע פּאַרטיי־טוערס), שמעון זאַכאַריאַש. האָט זיך זיגמונט אָנ־געהויבן צו דענערווירן. לסוף האָט ער באַשלאָסן מיט כוח מיך אַרויסצושלעפּן פון פּוילן. דאָס האָט ער געצילט דורכצו־פירן מיט זיין רייזע — אָנהייב 1949.

די געציילטע חדשים, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין נאָך־מלחמהדיקן פּוילן, זענען פאַר אונדז ביידן געווען איין גרויסער יום־טוב. אין וראָצלאַוו האָט ער געוווינט ביי מיר; ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, בין איך מיטגעפאָרן מיט אים, געפירט די קאָנצערט־אָוונטן, וועלכע ער האָט גע־שפּילט צוזאַמען מיט ראָזען. זיגמונט האָט אויפגעלעבט. ווען דער ריזיקער זאַל פונעם גרויסן טעאַטער אין וראָצלאַוו — אַ פול־געפּאַקטער אויף אַלע דריי שטאָק זיינע, — האָט אויפ־געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן ביי זיין דערשיינען אויף דער בינע, איז ער אַ רגע געבליבן שטיין, ווי געלעמט. טרערן זענען אים געפלאָסן איבער די באַקן. ער האָט זיך אייניקע מאָל פאַרנייגט ביז דער ערד און אַ שעפּטשע־געטון צו מיר: „מיין עולם, געזונט זאָלן זיי זיין״. כ׳האָב דערהערט אין זיין קול און אין זיינע ווערטער אַן אָפּקלאַנג פון אסתר־רחלען, פון איר אופן רעאַגירן, רעדן.

היינט: די פּראָבן פון שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן״, וועלכע ער האָט אויפגעפירט צום דערעפענען פון

דעם ניי־אויפגעבויטן בנין פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער אין ווראָצלאַוו, דאָס טעאַטער אויפן נאָמען פון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. זיגמונט האָט געשיינט פאַר פרייד: „כ׳בין ווידער פאַרבונדן מיט אסתּר־רחלס נאָמען! מיט מיין באַטייליקונג וועט דער מאַמעס נאָמען אויפסניי אויפלעבן!" און ווידער — טרערן פליסן איבער די באַקן. אַ סך טרערן האָט זיגמונט אין יענע טעג פאַרגאָסן. אַ סך טרערן פון טרויער, פון פיין, פון צער איבערן חורבן; אַביסל טרערן פון פרייד, אַז מ׳לעבט דאָך, מ׳שאַפט דאָך, מ׳זעט זיך ווידער. אויף דער טעמע האָט דער דיכטער נחמן ראַפּפּ אָנגעשריבן אַ רירנדיקן פעליעטאָן אין „נידערשלעזיע" — אונדזער ווראָצלאַווער וואָכנבלאַט. ער האָט עס אָנגערופן „דער מייסטער האָט געוויינט".

פאַרבלייבן אין פוילן — ניין, דאָס נישט. ער איז די גאַנצע צייט כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס — אין ערגעץ נישט. ס׳האָט אים געשווידערט דער געדאַנק צו „טרעטן איבער קברים". ער, דער גלאָבטראָטער, דער פאַרברענטער טוריסט און גייער, האָט אויסגעמיטן שפּאַצירן אין די אַלטע יידישע יישובים פון פוילן. אין נידערשלעזיע האָט ער דווקא מיט חשק אַרומגעשפּאַצירט. „דאָ אַרן מיך נישט די חורבות" — האָט ער געזאָגט. אָבער אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע — ניין, דאָרט נישט. קיין שום אָנבאָטן צו בלייבן אין פוילן האָבן אים נישט גענומען, קיין שום צוגעזאָגטע גליקן: ער וועט נישט בלייבן. שמעון זאַכאַריאַש האָט אים פאַרגעשלאָגן אַ ווילע, אַ פּערסאָנאַלע פּענסיע, הויכע אַמטן — אויף אַלץ האָט זיגמונט געהאַט איין ענטפער: „איר קאָנט

מיר אויך צוזאָגן יידן?" אָן יידן איז אים פּוילן פרעמד גע־וועז. "אַלע סענטימענטן צו פּוילן זענען מיר אויסגעברענט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס, אין די חורבות פון וואַר־שעווער געטאָ" — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט אין אַ שמועס אונטער פיר אויגן.

שמעון זאַכאַריאַש האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט כדי צו פאַנגען זיגמונטן. ער האָט געהאַט צו אים אַ סענטימענט פון יענע יאָרן, ווען זיגמונט איז געווען די לעגענדע פון בעסערן, קעמפערישן יידישן קינסטלערישן טעאַטער אין פּוילן און ער האָט געהאַלטן, אַז זיגמונטס פאַרבלייבן אין לאַנד וועט האָבן אַ גרויסן פּראָפּאַגאַנדיסטישן באַדייט פאַרן קאָמוניסטישן פּוילן. איז ער געווען צו אים ביז גאָר פריינדלעך, ער האָט אים פאַרבעטן, באַגריסט, אַריינ־גערעדט אין אים און איינגערעדט אים. אַפילו אויף אַ פייער־לעכער זיצונג פון צ.ק. פון יידן אין פּוילן, וואָס איז דאַן פאַר־געקומען אין וואַרשע מיטן אָנטייל פון די דזשאָינט־דירעק־טאָרן ד"ר יוסף שוואַרץ און וו. ביין, איז זיגמונט פאַרבעטן און באַגריסט געוואָרן אויף זאַכאַריאַשס פאַרלאַנג. אויף אַלץ האָט זיגמונט רעאַגירט מיט איין בקשה: "לאָזט אַרויס אי־טשען". זאַכאַריאַש האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ס'טעאַטער וועט פאַרמלוכהשט ווערן, וועט מען מיך אַרויסלאָזן. איז זיג־מונט אַוועקגעפאָרן פון פּוילן אַ באַרואיקטער. אַ קנאַפּ יאָר האָט זיך געשלעפּט דאָס צוזאָגעניש. זיגמונטס געדולד האָט געפּלאַצט. ער האָט אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן זאַכאַריאַשן מיט בריוו. לסוף האָט ער באַקומען דעם ענטפער — אַ טיפּישן

פאַר זאַכאַריאַשן, אַ מין סאָצרעאַליסטישן ענטפער, אַ פולן מיט קאָמוניסטישן שמן־זית און מיט דיאַלעקטיק.

כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז דער דאָזיקער ענטפער פון זאַכאַריאַשן, וואָס איז צו זיגמונטן געשיקט געוואָרן אויף ח. סלאָוועסעס אַדרעס קיין פאַריז, האָט זיגמונטן ענדגילטיק אויסגעהיילט פון זיינע ראַדיקאַלע סימפּאַטיעס. די צביעות, די יעזואיטישקייט פונעם ענטפער, האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין זאַכאַריאַשן און ער האָט זיין בריוו פאַר־באַהאַלטן ווי עפּעס אַ היסטאָרישן דאָקומענט. ערשט אין יאָרן אַרום, ווען איך בין שוין געווען אַ וותיק, אַן אַלטער תושב אין ישראל, — מיר האָבן ביי עפּעס אַ געלעגנהייט דיסקוטירט וועגן פּאָליטיק און פּאָליטיקערס, איך האָב פאַר־טיידיקט דערביי זאַכאַריאַשן און זיגמונט האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף אים — האָט זיגמונט אַרויסגענומען דעם „היסטאָרישן״ בריוו פון זיין אַרכיוו און מיר אים אָוועקגע־געבן: „כ׳וויל מער נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון יענעם ליגנער״ — האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט מיט כעס.

VII

אין 1952 איז זיגמונט עולה געווען און זיך אויף פעסט באַזעצט אין ישראל. ערשט דאָן האָט ער רעכט אָנגע־הויבן מיך אינטערעסיוו צו מונטערן וועגן מיין עליה. איך האָב אים אויף אַלץ בלויז געקאָנט ענטפערן: נישטאָ קיין שום אויסזיכטן. אַ שיינע פאַר יאָר איז אַזוי נישט געווען קיין שום

אויסזיכטן, ביז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די חדשים פון „אַד־ליגע״, ערב דעם „פוילישן אָקטאָבער״. זיגמונט איז נאָרוואָס געהאַט צוריקגעקומען נאָך אַ יאָר שפּילן אין אויסטראַליע און ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין „קאמרי״ צו „די פריי־לעכע שדכנטע״ פון טאָראַנטאָן ווײַלדער. ער האָט זיך אָבער שוין דאַן אַרומגעטראָגן מיט זײַן פּלאַן צו שאַפן אַ באַוועגלעך קאַמעראַל־טעאַטער און מיר געשריבן פּרטים וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך בדעה איינצושאַפן אַ טעאַטער־זאַל אויף איינצולייגן (פון אַלומיניום), מ׳זאָל אים קאָנען מיטפירן אין איין טעקסי; צונויפשטעלן אַ קליינעם אַנסאַמבל, וואָס זאָל שפּילן אַ מקורדיקן רעפּערטואַר, אַרומפאָרן איבער די פאַר־וואָרפנסטע פונקטן פון לאַנד, איבער אַלע קבוצים און גרע־נעץ־געביטן. און — פאַרשטייט זיך — נישט אַנדערש: אין דעם טעאַטער מוז איך מיטאַרבעטן מיט אים.

די גאַנצע צייט האָט ער מיר נישט געשריבן ווי ס׳לעבט זיך אים, ווי ס׳גייט אים — ער איז בלויז פול געווען אַנט־ציקונג מיטן לאַנד, מיט דער מדינה, קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף שוועריקייטן, אויף צרות, וועלכע ער האָט געהאַט ביים איינוואָרצלען זיך אין לאַנד. אויב איך האָב אים אַמאָל אָנגעפרעגט וועגן דעם — עפּעס האָב איך דאָך גע־הערט וועגן דעם, ידיעות זענען דערגאַנגען פון פאַרשידענע מקורות — האָט ער געלייקנט שטיין און ביין. דאַקעגן האָט ער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט ווען אימיצער איז געפאָרן פון ישראל — אַ שטייגער דעם פּיאַניסט פאָרטנאָי — כדי מיר איבערצושיקן עפּעס אַ מתנה און... די האָפערדיקסטע

ידיעות וועגן זיך. מן־הסתם האָט ער געמוזט פעסט באַאַר־בעטן די גרוסן־ברענגערס זיי זאָלן באַפּוצן דעם אמת, ווייל אַלע האָבן מיר דערציילט אין זעלבן גייסט, ווי זיגמונט האָט מיר געשריבן זיינע בריוו. אפשר דערפאַר האָב איך זיך שטאַרקער געריסן כדי זיך אַליין צו איבערצייגן, אַליין זען אויפן אָרט, ווי אַזוי אים לעבט זיך. ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די ערשטע פעסער פאַר טוריסטן, האָב איך אָנגעווענדט אַלע פּראָטעק־ציעס צו באַקומען אַ פּאַס און כ׳בין געווען טאַקע פון די ער־שטע טוריסטן, וואָס זענען פון פוילן געקומען קיין ישראל.

דעם 5־טן יולי 1956 האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אויפן פלי־פּלאַץ אין לוד. זיגמונט איז געווען איין קנויל נערוון; מיין אָנקום האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט צוויי טעג — אַ דעפעקט אין מאָטאָר פון „אל־על״־עראָפּלאַן האָט אונדז פאַרהאַלטן אין ווין. ווען ער האָט מיך ענדלעך דערזען, איז זיין פרייד געווען אין לשער. מיינע אויך. אַ חודש צייט האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט און בײדע האָבן מיר זיך דאַן געפילט יינגער מיט אַ סך, אַ סך יאָרן. אייניקע עקסקורסיעס איבערן לאַנד געמאַכט צוזאַמען, דריי מעת־לעת געווען צו־גאַסט ביים קינסטלער אריה מערזער אין צפת — דערוויי־טערט פון אַלע זאָרגן און דאגות פון אַלעם וואָס האָט אונדז צעטיילט, וואָס האָט בכלל צעטיילט מענטשן אין אונדזער צייט. צוויי אָוונטן האָבן מיר בײדע געהערט לעקציעס פון מיין רבין און אַלטן חבר, דעם פענאָמענאַלן לעקטאָר ד. ב. מאַלקין, וועלכער האָט געפירט עפּעס אַ סעמינאַר אין צפת;

אין אָוונט — ביז די שפּעטע נאַכט־שעהן — הייס דיסקוטירט מיטן דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו וועגן דער פראַגע יידיש־העברעיש. איך בין געווען אין צד מיט פּאַפּיערניקאָוון, זיגמונט האָט שוין געקוקט אויף דעם וויכוח דורך די ברילן פון דער ישראלדיקער רעאַליטעט. מיט דער רעאַליטעט איז ער געווען אַזוי צונויפגעוואַקסן, אַזוי פאַרליבט אין איר, אַז איינמאָל האָט עס גורם געווען ס׳זאָל זיך אַרום אונדז צונויפ־זאַמלען אַ געזעמל אויף איינער פון די תל־אביבער גאַסן.

ווי שוין דערמאָנט האָט זיגמונט פאַרבראַכט מיט מיר ס׳רוב צייט פון מיין וויילן אין ישראל. ער האָט גראָד געהאַט געענדיקט דאָס שפּילן אין „קאמרי״ און געגרייט זיך אָנ־צוהייבן מיט „זוטא״, האָט ער געהאַט אַביסל פרייע צייט. די צייט האָט ער מיר אָוועקגעשאָנקען. איך בין אים חושד, אַז דאָס איז געווען דער עיקר דערפאַר, ווייל ער האָט מיך געוואָלט אויסהיטן פאַר אַ בייז אויג, פאַר אַ בייזער צונג. ער האָט געוווּסט, אַז איך מוז צוריקפאָרן קיין פוילן, האָט ער מורא געהאַט ס׳זאָל מיר נישט נאָכגיין אַ באַריכט צו די „אינסטאַנצן״ און אָפּגעהיט מיך אויף טריט און שריט. האָבן מיר שפּאַצירט איבער די תל־אביבער גאַסן. זיגמונט האָט אין זיי געזען אַ סך שיינקייט און עס געוואָלט מיר דערוויזן. ער האָט זיך כסדר געגרויסט: „זעסט, אַ ניי הויז״. אָדער גאָר — אַ נייער טראָטואַר. צו אים, אויף קרן קימת 80, איז מען נאָך געגאַנגען אַפילו איבער לייטישע זאַמדן. „נו, מ׳קאָן דאָך נישט אַלץ אויפבויען מיטאַמאָל, — האָט ער עס פאַרענטפערט. — צוביסלעך, צוביסלעך. זעסט, ווי ס׳וואַקסן

נייע הייזער, הויכע הייזער, אַ מחיה צו קוקן". בסך־הכל זענען עס געווען דריישטאָקיקע הייזער, העכסטנס — פיר־ פינף־ שטאָקיקע, וואָס מ'האָט אָנגעהויבן צו בויען אויף כיכר מלכי ישראל. ביי מיר האָט עס אויסגעזען ווי אַ קינדישע באַריי־ מעריי און כ'האָב געענטפערט: אין איין וועסטלקעשענע פון וואַרשע, בויט מען מער און מיט אַ גרעסערן פאַרנעם. זיג־ מונט האָט זיך אויפגעקאָכט און ממש אָנגעהויבן צו שרייען: „אָבער דאָס אַלץ איז מיינס, מיין היים! און דאָרט איז אַלץ פרעמד, אַ חוץ דעם בית־עולם פון מיין פאָלק". באַקאַנטע האָבן זיך געחידושט: צוויי זיך ליבנדיקע ברידער, וואָס האָבן זיך יאָרנלאַנג נישט געזען, קריגן זיך גאָר אין מיטן גאַס. און איך האָב ערשט דאַן אויף אַן אמת דערזען זיין פאַרליבטקייט אין ישראל. זי איז געווען היים, ווי אַלץ וואָס ער האָט געטון, וואָס ער האָט געפילט.

נישט בלויז פאַר פרעמדע בייזע צינגער, אויך פאַר מיין אַביסל הפקרדיקער צונג האָט ער מיך געוואָלט אויסהיטן. ער האָט געוווּסט, אַז ווען מ'טרעט מיר אַן אויף אַ היגעראויג, קאָן איך אָנהייבן צו רעדן אויף גאָט און אויף משיחן, זאָגן אַלץ וואָס ליגט מיר אויפן האַרצן. האָט ער מיט מיר אָפּגעמאַכט איך זאָל שווייגן, אויסגעמיטן מיך צו פירן אויף ערטער, ווו מ'קאָן מיך פּראָוואָצירן צו רעדן. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז אונדזער חבר הערש האַרט, מיט וועלכן ס'האָבן מיך געבונדן זכרונות פון פאַר דער מלחמה און פון די מלחמה־יאָרן, האָט מיך אָנגערופן „באַנטשיע שווייג". ווען זיגמונט האָט מיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון גיין ערגעץ, איז ער געזעסן נעבן

מיר און מיך אָפּגעהיט איך זאָל זיך חלילה נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. די שרעק פאַר מוסרים האָט געהאַט ביי אים גאָר גרויסע אויגן.

איז פאַרגעקומען אין קעלער פון ליטעראַטן־פאַריין אַן אָוונט צום אָנדענק פון פּרץ מאַרקישן. אברהם סוצקעווער האָט דערציילט זיינע זכרונות וועגן דעם מעכטיקן שטורעם־ווינט פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור און דאָס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט. איך האָב געוואָלט זיצן אין אַ ווינקל, — מ׳קאָן זאָגן: אינקאָגניטאָ — און הערן. האָט אָבער דער פאָרזיצער פון אָוונט, מ. צאַניך, מיך וואַרעם באַגריסט און געזאָגט איניקע ווערטער אויפן חשבון פון די לענדער, פון וועלכע איך בין געקומען. מיר איז דאָס בלוט געזעצט געוואָרן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויף אַזאַ אָוונט זענען פאַראַן געניג מענטשן, וואָס וועלן אָפּגעבן אַ באַריכט ווו מ׳דאַרף. און אין לאַנד בין איך דאָך נישט געוועזן אינקאָגניטאָ — כ׳האָב זיך געמאָלדן ביים פּוילישן געזאַנדטן, אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מק״י. מ׳האָט מיך אומעטום געקענט, געוווסט וועגן מיינע איינשטעלונגען און אָפּנייגן... יענע נאַכט איז שוין זיגמונט נישט געשלאָפן. די זאָרג צי ס׳קאָן מיר חלילה נישט פאַרשאַדן, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אַ לאַנגע צייט.

נאָך אַ סקאַנדאַל, וואָס ער האָט געמאַכט צוליב מיר: איך בין געוועזן דער, וואָס האָט געבראַכט קיין ישראל די ידיעה וועגן דעם נאָענטן אָנקום פון משה בראָדערזאָן קיין

וואַרשע, נאָך דער פאַרשיקונג אין רוסלאַנד. בראָדערזאָנס אַלטע פריינד און מיינע גוטע ידידים, י. מ. ניימאַן און א. ס. ליריק־ריקליס, האָבן געוואָלט דירעקט פון מיין מויל הערן עפּעס וועגן בראָדערזאָנען. ביידע זענען אָבער נישט געווען קיין גיבורים און ס׳איז זיי שווער געווען אַרויפצוקומען צו זיגמונטן אויפן צווייטן שטאָק, האָבן מיר זיך אָפּגערעדט אין אַ שטילן קאַפע אויף דיזנגוף, נישט אין דעם רוישיקן „כסית״. ריקליס, וועלכער האָט מיך גערן געהאַט פון אַמאָליקע יאָרן אויף טלאָמאַצקע 13, האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון זיין שטענדיקער בייסיקייט און געשטעלט מיר פאַרשידענע פּראָוואָצירנדיקע פראַגן וועגן רוסלאַנד, דער אָרדנונג, די לאַגערן. איך האָב זיך געלאָזט אָנציען פון ריקליסן און אים געענטפערט, אַז איך שענק אים אַוועק אין קערן־פּריין רוס־לאַנד, מיט דער דאָרטיקער אָרדנונג און לאַגערן. האָט ריק־ליס אויפן קול אויסגערופן צו זיגמונטן, וועלכער איז געזעסן ביי אַ צווייט טישל: „איר הערט — איר הערט — ער האָט דאָך שוין די באָלשעוויקעס אין דר׳ערד״. זיגמונט איז אויפ־געשפּרונגען, ווי מ׳וואָלט אים אָפּגעבריט מיט הייס וואַסער: „אַלטער אידיאָט, עובר־בטלניק!״ — האָט ער געשריגן. ס׳איז אים שווער געווען צו באַרואיקן. ס׳האָט נישט געהאָלפן ריקליסעס פאַרטיידיקן זיך, אַז ער האָט געמאַכט אַ וויץ — זיגמונט האָט מיך שנעל אַהיימגערופן און די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין זידלען ריקליסן.

די ערשטע פּאָר יאָר אין ישראל איז אים מאַטעריעל גאָר נישט פויגלדיק געגאַנגען, ער האָט זיך אָבער קיינמאָל

דערויף נישט באַקלאָגט — נישט בריוולעך און נישט ווען כ׳בין געווען ביי אים צו גאַסט אין ישראל.

אַרויסגעפאָרן בין איך פון פוילן מיט גאַנצע פינף דאָלאַר אין קעשענע. נייערט זיגמונט האָט מיך באַרואיקט איך זאָל נישט זאָרגן — ער האָט מיך פאַרבעטן און איך וועל זיין אין ישראל אויף זיין חשבון. און ווען מאַרק האָט אויף זיין אַדרעס צוגעשיקט 100 דאָלאַר — כ׳זאָל נישט זיין געקוועלט צוליב אַ גראָשן — האָט זיגמונט בשום אופן נישט געלאָזט מיר אויסגעבן קיין פיאַסטער דערפון: — „וועסט זיי פאַר־נוצן אויף עפּעס, די דאָלאַרן״. כ׳האָב דאָן באַקומען פון מיין אַלטן חבר מ. אַלטמאַן אַ מתנה — אַן ענגלישן קופּאָן סחורה, וואָס איז אין פוילן געווען אַ יקר המציאות — האָט מיך זיגמונט באַלד אָוועקגעפירט צו אַן ערשטקלאַסיקן שניידער און געלאָזט מיר פאַרן געלט אויפנייען אַן אַנצוג: „זאָלסט צוריקקומען אין דיין רייכן פוילן ווי אַ לאָרד פון אונדזער אָרעמען ישראל״.

בליץ שנעל איז דורכגעלאָפן דער חודש. באַלד דערנאָך האָבן זיך שווערע וואָלקנס אָנגעזאַמלט איבערן לאַנד: די סיני־קאַמפּאַניע. אַליאַרמירנדיקע ידיעות האָבן אין דער פּוי־לישער פּרעסע און ראַדיאָ דערציילט וועגן באָמבאַרדירונגען, חורבן. די אָפיציעלע שטעלונג צו ישראל איז געוואָרן אַלץ פיינטלעכער. אַ פּוילישן ליטעראַרישן וואָכנבלאַט, וואָס האָט געדרוקט מיינע רעפּאָרטאַזשן פון ישראל — און געקריגן צוליב דעם אַ הויכן טיראַזש — האָט מען געצוווּנגען אָפּצו־שטעלן דאָס דרוקן „מאַטעריאַלן מיט סימפּאַטיע פאַרן אַגרע־

סאַר". בריוו זענען געוואָרן שטרענגער צענזורירט און זיג־מונטס בריוו, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן, מיט צוטרוי צום לאַנד און זיין אָנפירערשאַפט, זענען אָפּט־מאָל אָנגעקומען פאַרמעקטע. ערשט די בריוו, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען קיין לאָנדאָן, ווו כ'האָב פאַרבראַכט איניקע וואָכן אין פרילינג 1957, זענען אָנגעקומען צו מיר נישט „רעדאַגירטע" פון דער צענזור. די צענטראַלע טעמעס פון זיינע בריוו זענען געווען: מיין געזונט, מיין זיכערקייט און „זוטא" — זיין טעאַטער, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן צו ווירקן.

אין פוילן זענען, פאַר מיין אַרויספאָר קיין לאָנדאָן, גע־ווען גאָר הייסע טעג, דער „פוילישער אָקטאָבער", אַ רעוואָ־לוציאָנערער אויפברויז, אומרוען. אין יענער צייט איז נאָך צוגעקומען מיינע אַ ריזיקאַלישע רייזע: כ'בין געשיקט גע־וואָרן ווי אַ פאַרשטייער צו די גאָלדפּאַדען־פייערונגען אין רו־מעניע — אַכציק יאָר יידיש טעאַטער. פון צעשטורעמטן פוילן האָב איך באַדאַרפט קומען קיין בוקאַרעשט דורכן ברע־נענדיקן בודאַפּעשט, דורכן רעוואָלוציאָנערן אונגאַרן. האָט זיגמונט נישט געקאָנט געפינען קיין רו, געשריבן קיין וואַר־שע, קיין בוקאַרעשט. די בריוו קיין בוקאַרעשט זענען צו מיר נישט דערגאַנגען — רומעניע איז דאַן פאַרבליבן כשר־סטאַ־ליניסטיש און די רויטע סיגוראַנצע האָט נישט צוגעלאָזט קיין שום גוטן גרוס פון ישראל — אַפילו מיינע רעפּאָרטאַזשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעשניטענע געדרוקט אין דער וואַרשע־ווער „פאָלקסשטימע", זענען קאָנפיסקירט געוואָרן אין רומע־ניע דורכן יידישן צענזאָר. האָט זיך אין וואַרשע אָנגעזאַמלט

אַ גאַנץ פּעקל זיגמונטס בריוו, צעטרייסלטע פון שרעק און זאָרג וועגן מיר.

נישט צו באַשרייבן איז געווען זיין פרייד ווען ער איז געוויר געוואָרן, אַז איך האָב ענדלעך איינגעגעבן אויף אַן עמיגראַנטן־פּאַס קיין ישראל. אָבער פונקט אַזוי שטאַרק איז געווען זיין אַנטוישונג ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מ׳זאָגט מיר אָפּ די דערלויבעניש צו פאָרן. אין די בריוו זיינע פון יענע טעג האָט ער געשאָלטן גאָמולקען און דער עיקר — זאַכאַריאַשן. אים האָט עֶר געהאָלטן — און מיט רעכט, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן — פאַרן שונא נר. 1 פון מיין עליה. אָבער די שווערסטע צייט — פאַר אונדז ביידן, פאַר זיגמונטן און מיר — איז געווען, ווען איך בין אַנטלאָפן פון מזרח־דייטשלאַנד און געוואַרט איז מערב־בערלין אויף אַ מעגלעכ־קייט צו קומען קיין ישראל. כ׳בין באַגאַנגען אַ נישט־פאַר־זיכטיקייט: כ׳האָב אים געשריבן, אַז איך מוז זיך אויסבאַ־האַלטן ביז כ׳וועל קריגן די מעגלעכקייט אַוועקצופליען פון מערב־בערלין. איך טאָר אין די אָוונטן נישט אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, בייטאָג טאָר איך נישט גיין ביים ראַנד פון טראָטואַר — בלויז פאַזע די מויערן — ווייל מ׳האָט מיך גע־וואָרנט, אַז ס׳קאָן אונטערפאָרן אַ מאַשין און מיך מיט גע־וואַלד פאַרשלעפּן קיין מזרח־בערלין. איך האָב דאָס געשריבן דערפאַר כדי זיך צו פאַרענטפערן, פאַרוואָס איך בין זיך נישט געגאַנגען זען מיט שמעון פינקלען און יוספה שאָקען, וועלכע האָבן דאַן געהאַט אַ קאָנצערט אין מערב־בערלין און אָפּגעמען גרוסן פון אים; איך האָב נישט געקאָנט זען קיין

שום טעאַטער־פאַרשטעלונג דאָרט. פאַר זיגמונטס רייכער פאַנטאַזיע איז דאָס געווען גענוג ער זאָל אין חלום זען ווי מ׳קידנעפּט מיך, מ׳פאַרשטאָפּט מיר ס׳מויל און פאַרשלעפּט מיך אַהין, פון וואַנען כ׳בין אַנטלאָפן. דאָרט, פאַרשטייט זיך, וועט זיך מיט מיר מטפּל זיין מיט דער גאַנצער אַכזריות די ענקאַווועדע, רויטע געסטאַפּאָ, אובע און אַלע רויטע אויסשפּיר־דינסטן און פייניקונג־אַפּאַראַטן פון דער וועלט...

צו די אַלע צרות בין איך נאָך איינע טעג געווען שטאַרק פאַרטאַראַראַמט — פון בערלין האָט מען מיך געמוזט מיט אַן אַעראָפּלאַן אַריבערטראַנספּאָרטירן קיין דיסלדאָרף; פון דאָרט האָב איך געמוזט פאָרן קיין פראַנקפורט, קעלן, דערליידיקן פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן, ביז איך האָב זיך דערקליבן קיין מאַרסייל — און נישט געהאַט קיין צייט און קיין קאָפּ צו שרייבן בריוו. זיגמונט האָט צוליב דעם באַקומען אַ נערוון־שאָק. ס׳האָט זיך אין אַ שאַרפער פאָרם ביי אים אָפּגערופן די אַנטצינדונג פון נערוון, דער „האַלבגאַרטל״, וועלכן ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אין די שווערע טעג, ווען ער האָט געפירט זיין יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל אין ישראל; ווען ער האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון געדאַנק צו שאַפן אַ קינ־סטלעריש יידיש פאָלקס־טעאַטער דאָ און איז אַוועק אויף אַ האַלב יאָר אין אַן אולפּן, אָפּפרישן זיין עברית, באַהערשן די שפּראַך, כדי אָנצוהייבן זיינע פּיאָנערישע פּרוּוון אין העב־רעישן טעאַטער. זינט יענע טעג האָט זיך די נערוון־אַנטציג־דונג ביי אים אָפּגערופן ביי יעדער שטאַרקער אויפרעגונג, פאַרגרעסערטע זאָרגן און צרות — זי האָט זיך אים געלאָזט

פילן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. באַזונדערס שטאַרק אָבער — אין יענע טעג פון מיינע וואַנדערונגען צווישן צוויי וועלטן.

זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך אין יענע טעג אויף אַזוי ווייט פאַרערגערט, אַז ער איז אַפילו נישט בכוח געווען צו קומען קיין חיפה, אָפּצוואַרטן די שיף „תיאודור הרצל", מיט וועלכער איך האָב געזאָלט אָנקומען. ער האָט מיר שפּעטער דערציילט: „טאָמער, חלילה, ווידער עפּעס אַ מיכשול, וואָלט איך עס נישט איבערגעהאַלטן". צו דער שיף איז אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט שורען, מיין פרוי, — זיין פרוי, ראָזע, אין זיין נאָמען. מיר האָבן זיי פאַרענטפערט זיין נישט קומען: ס'איז דאָך דער 5־טער נאָוועמבער, ערב זיין 61־טן געבוירן־טאָג. און ווען מיר זענען זיך ענדלעך געפאַלן אין די אָרעמס אין זיין היים אויף קרן־קימת — האָט ער שטיקנדיק די טרערן, העשענדיק אין זיך, דערפרייט מיין האַרץ מיטן זאָגן: „מאָרגן וועט זיין מיין פריידיקסטער געבוירן־טאָג, ווייל דו וועסט זיין מיין גאַסט".

VIII

נער ווי צוועלף יאָר האָבן מיר צוזאַמען איבערגעלעבט אין ישראל — אַ שטיק לעבן. אויב עס האַנדלט זיך וועגן אינערלעכער רו, איז עס געווען די בעסטע תקופה אין אונדזערביידנס לעבן. דער פסוק אל המנוחה ואל הנחלה איז דאָן ביי אונדז מקויים געוואָרן. אמת, בלויז אין גייסטיקן זין.

וואָרים קיין נחלה האָבן מיר זיךביידע נישט געהאַט דער־וואָרבן אַחוץ אונדזערע באַשיידענע דירות און די מאַטעריעלע מנוחה איז אויך געווען אַ פּראָבלעמאַטישע. אָבער דאָס מאַ־טעריעלע איז קיין מאָל נישט געווען דער עיקר ביי זיגמונטן — קיינמאָל נישט און אין קיין שום פאַזע פון זיין פּילפאַרביק שטורמיש לעבן. די נשמהדיקע רו, די גייסטיקע צופרידנקייט, די נשמהדיקע שלווה — דאָס איז געווען זיין גרעסטער דער־ווערב אין ישראל. דאָס האָט מען געקאָנט ביי אים אָבסערווירן טאָג־טעגלעך — אין זיין אַרבעט, זיין שטייגער לעבן, זיינע טראַכטענישן, בענקענישן, צופרידנקייט און אומצופרידנקייט.

אַפּנים, אַז אין אים, אונדזער בכור, האָבן צום שטאַרקסטן געלעבט די לאַנגדויערנדיקע חלומות פון אונדזער טאַטן וועגן ציון. אפשר איז עס גאָר געווען אַן אַטאַווויסטיש אויפלעבן פון אַ סך דורות בענקענישן און גאַרעניש פון זיידעס און עלטער־זיידעס, וועלכע האָבן מיטן פולן האַרצן געדאַוונט לשנה הבאה בירושלים — אַ פאַקט בלייבט, אַז ער, זיגמונט, וואָס איז פון די יינגסטע יאָרן אָן ווייט געווען אין באַוווּסטזיין פון ציוניזם, פון ארץ־ישראל; בלויז געשטרעבט זיך אויס־צולעבן אין דער קונסט — איז אין די רייפע יאָרן געוואָרן דער צום מיינסטן ישראלדיקער, אַקטיוו־ישראלדיקער, פון אונדז אַלע, פון דער גאַנצער טורקאָוו־משפחה.

מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה האָט זיך זיגמונט איינ־געלעבט אין דער ישראל־ווירקלעכקייט און אויסגעלעבט זיך מיט יעדן טאָג פון ישראלס וווּקס. דער קינסטלערישער

ברויז האָט נישט אויפגעהערט אין אים, דער דראַנג צו שאַפֿן פרישע קינסטלערישע ווערטן האָט אָנגעהאַלטן, נייערט ער האָט זיך אָפּגערוקט אויפן צווייטן פּלאַן. אויפן ערשטן איז געקומען: ישראל, ווי אַזאַ, דאָס יידישע לאַנד, די מדינה, דאָס לאַנד פון יידן — מיט אַלע ליכט־ און שאָטן־זייטן, מיטן אימפּעט פון וווּקס, וואָס האָט אים גורם געווען פריידן און נחת; מיט די צרות און שוועריקייטן פון וווּקס, מיט אומ־פאַרמיידלעכע פעלערן און אַזעלכע וואָס האָבן זיך לייכט גע־לאָזט פאַרמיידן, האָבן אָבער געוואָרצלט אין שוואַכקייטן און אינעם שלעכטס פון מענטשן, דאָס האָט ער זיך אַליין באַמיט אויסצוטייטשן, געוואָלט פאַרשטיין, אויסטייטשן דאָס אומ־פאַרמיידלעכע פון פאַרמיידלעכן, באַמיט זיך צו געבן עס צו פאַרשטיין — מיט זיין גאָר באַשיידענעם באַגאַזש פון סאָציאַל־פּאָליטישע אַרגומענטן — יעדן איינעם, וואָס האָט זיך באַ־קלאָגט, וואָס איז געווען אומצופרידן, געהאַט טענות צום לאַנד, צום פאָלק.

ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען: ער, דער עגאָצענטריקער, די קינסטלער־נאַטור פּאַר עקסעלאַנס — און קינסטלער־נאַטורן האַלטן בטבע, אַז זיי קומט אַלץ, דאָס גאַנצע פאָלק איז זיי אַ בעל־חוב — ער האָט נישט געהאַט קיין טענות צום לאַנד, צום פאָלק; ער האָט נישט געהאַלטן, אַז אימיצער איז אים אַ בעל־חוב. פאַרקערט, ער האָט זיך ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געהאַלטן פאַר אַ בעל־חוב לגבי זיין פאָלק, לגבי דעם יידישן פאָלק אומעטום און דער עיקר — דעם יידישן פאָלק אין זיין היים. „קיין עין־הרע, אַזוי

פיל יידן, כן ירבו״ — דאָס פּלעגט ער אָפּט איבערחזרן ווען מ׳האָט גערעדט וועגן ישראל.

מ׳האָט נישט געזשאַלעוועט קיין רכילות אַרום אים. פאַרשידענע גיפטמישערס האָבן געפּרוּווט קרום אויסטייטשן זיין איבערגיין צו עברית און אַריינצוטייטשן אין זיין אַרבעט מיט „זוטא״ אַ פּיינטלעכן איינשטעל צו יידיש. מ׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ וויץ, וואָס ער האָט זיך געמאַכט מיט אַ יידישן אַקטיאָר, פון וועמענס צודרינגלעכקייט ער האָט גע־וואָלט פּטור ווערן, אָדער אין זיינס אַן אויפגערעגטן אַרויסזאָג נאָך אַ שלעכטער פאָרשטעלונג אין יידיש, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַן אומגעהויערן פּיין. איינער אַ רעוואָלווער־„רע־דאַקטאָר״ האָט אין זיין גאַסן־בלעטל אָפּגעדרוקט אַן אַליאַרם־קאָפּ „זיגמונט טורקאָוו זאָגט זיך אָפּ פון יידיש״; די אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע צייטונגען אין גאָר דער וועלט האָבן עס אויפגעכאַפט, ווי אַן אבן־טוב און פאַרוואַנדלט זיגמונטן אין אַ יידיש־שונא.

דער אמת איז אָבער געווען, אַז זינט זיין חבר שלמה מענדעלסאָן האָט אים „געיידישט״, אַריינגעפירט אינעם פּרץ־קרייז אין וואַרשע, איז ער געווען פאַרליבט אין יידיש. אין וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל נישט האָבן געאַרבעט — און געאַרבעט האָט ער (אין טעאַטער און פילם) אין זעקס שפּראַכן — איז ער אַלץ געבליבן דער יידישער, דער יידיש־יידישער קינסטלער, ציטעריק פאַרן קלאַנג פון מאַמע־לשון, פאַר דער ציכטיקייט, זאַפטיקייט און שיינקייט פון דער שפּראַך. אַפילו אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז געווען דער אָנערקענטער

אַ צוזאַמענטרעף נאָך 30 יאָר כמעט



די פיר ברידער טורקאָוו צום ערשטן מאָל זינט 1939 צוזאַמען —
אין תל־אביב (פון רעכטס צו לינקס: יצחק, מאַרק, זיגמונט, יאָנאַס)

העברעישער אַקטיאָר, האָט ער זיך מיט זיינעם אַ חבר פון אַ סך, אַ סך יאָרן — דעם אַלטן יידישן קינסטלער יצחק ליכטענשטיין — צעקריגט אין צפת. פּאַרוואָס יענער מישט צונויף דעם „אָבער" מיט „אָדער", פּאַרוואָס ער באַנוצט נישט ריכטיק די דאָזיקע צוויי ווערטער. דער קרבן פון זיגמונטס יידיש־פּוריזם, יצחק ליכטענשטיין, האָט מיר אייניקע מאָל דערציילט וועגן דעם — סיי ביי זיגמונטס לעבן, סיי נאָך זיין אַוועקגיין.

אַוודאי איז אין ישראל פאָרגעקומען ביי אים אַ דעצידיר־טער קער צו עברית. ער האָט עס אָבער נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו „כשרן", נישט פאַרוואָרפן צוליב דעם יידיש. צענד־ליקער מאָל האָט ער זיך באַמיט אויפצוקלערן די מאָטיוון: אַ טעאַטער, אַ קולטור, מוז זיך שטיצן אויף יוגנט. זיין גרעס־טער נחת איז, ווען ער זעט אויף זיינס אַ פאָרשטעלונג יונגע פנימער, צעשטראַלטע יונגע פנימער, וואָס נעמען אויף זיין קונסט, זאָל עס זיין אין אַ שטאָט, אָדער אין אַ קיבוץ, אַ מושב, אַ פאַרוואָרפענעם פונקט ערגעץ ביי די גרענעצן, ווו ער קומט מיט „זוטא". זיין ענטוזיאַזם פאַר דער יוגנט איז געווען גאָר גרויס, פאַר די סאַברעס. „דאָס איז דאָך די צוקונפט פון אונ־דזער פאָלק. בלויז פאַר זיי איז כדאי צו שפּילן". און מיט יידיש האָט ער נישט געקאָנט דערגיין צו דער יוגנט. נישט בלויז אין ישראל, אין די לעצטע יאָרן — אין ערגעץ נישט. דער עיקר אָבער: נישט אין ישראל. און דאָס איז געווען זיין צענטראַלער אויפגאַב: דערגיין צו דער ישראלדיקער יוגנט, צו דער יידישער צוקונפט־יוגנט.

די לעצטע פֿאַר יאָר איז ער צוויי מאָל אַרויסגעפֿאָרן אויף טורנייען קיין לאַטיין־אַמעריקע, געשפּילט בלויז יידיש. נאָכן צוריקקומען פֿון ערשטן טורנע האָט ער אויך אין ישׂראל געשפּילט יידיש — זיין גאָלדפֿאַדען־פּיעסע „זינג, מיין פֿאָלק״. כּל־זמן דאָס געזונט האָט אים דערלויבט, האָט ער אויך געהאַט סאָלאָ־אַרויסטריטן אין יידיש: אויף אַקאַדעמיעס אין קיבוץ לוחמי הגיטאות פֿאַר טויזנטער מענטשן; ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן אין תּל־אבֿיבֿ; אין יידישן אַרטיסטן־פֿאַריין, וואָס האָט זיגמונטן אויסגעוויילט פֿאַרן זיין ערשטן ערן־מיטגליד. דאָס אַלץ איז געווען בלויז צוליב זיין סענטימענט פֿאַר יידיש, פֿאַר יידיש טעאַטער. ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן האָט ער געשריבן יידיש — נישט בלויז זיינע פּיר ביכער, אַרטיקלען, אָפּרופֿן, קאָנספּעקטן, בריוו; אַפֿילו אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפֿט האָבן אין עבֿרית, האָט ער זיך פֿריער אָנגעשריבן אין יידיש. ער איז געווען און פֿאַרבליבן מיט אַלע נשמה־פֿיבערן אַ חסיד פֿון יידישן וואָרט — געטראַכט יידיש און געפֿילט יידיש. נייערט ער האָט אויך געטראַכט וועגן אַ צוקונפֿט אין ישׂראל, וועגן שאַפֿן אין ישׂראל — שאַפֿן נישט בלויז פֿאַר אַ געוויסן קרייז יידן — פֿאַר אַלע יידן, פֿון אַלע לענדער, קרייזן, עדהס, פֿאַר דער נייער ישׂראל־דיקער יוגנט, פֿאַר די סאַברעס און פֿאַרסאַברעוועטע קינדער פֿון נייע עולים.

זיין גאַנץ לעבן אין ישׂראל איז — ביי אַלע צרות — געווען איין פֿרייד — אַ גרויסע פֿרייד. די גרויסע פֿרייד איז באַשטאַנען פֿון אַ צאָל קליינע, אָרעמע, צומאָל אַפֿילו נעבעכ־

דיקע פריידן, וועלכע ער האָט אַליין אינערלעך אויפגע־בלאָזן צו אַ גרויסער פרייד. אַזוי איז געווען מיט יעדער פּרעמיערע פון „זוטא". זיין אַמביציע איז געווען „זוטא" זאָל שפּילן פּיעסן בלויז פון היימישע מחברים; פּיעסן, וואָס זאָלן דערגיין צו יעדן קרייז פון טעאַטער־צושויער, אַפילו צום פּרימיטיוון.

קיין גרויסער איבערקלייבער אין די ליטעראַריש־קינ־סטלערישע ווערטן פון אַ פּיעסע איז ער נישט געווען. בלויז אַ געוויסע תקופה פון „וויקט", האָט ער דערויף מקפיד געווען. זיין צוגאַנג צו רעפּערטואַר איז געווען: אַ פּיעסע דאַרף דינען די אַקטיאָרן, דאַרף שאַפן פאַר אַקטיאָרן די מעגלעכקייט אויסצושפּילן זיך; שרייבערס, דראַמאַטורגן, דאַרפן שאַפן פאַר קאָנקרעטע אַקטיאָרן, דאַרפן שאַפן געשטאַלטן, ראָלן, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט פאַר באַשטימטע אַקטיאָרן. ער האָט געטענהט — און מיט רעכט — אַז אַזוי האָבן געשאַפן די קלאַסיקערס פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע זייערע אומ־שטערבלעכע ווערק. אַזוי האָט אויך געשאַפן דער סקאַנדינאַ־ווייער איבסען און דער רוס אָסטראָווסקי, גאָלדפאַדען און גאָרדין. אַזוי אַרום זענען געבוירן געוואָרן די באַדייטנדיקסטע טעאַטער־ווערק. דערפאַר האָט ער באַשטעלט פּיעסן ביי מחברים, באַשטעלט פּיעסן ביי מיר אַפילו אין ישראל (אַגב, די איינציקע, וואָס כ׳האָב פאַר אים פאַרענדיקט, האָט ער נישט אויפגעפירט. אפשר דערפאַר, ווייל דאָרט איז די איינ־ציקע פרויען־ראָל אויסגעוואַקסן ביי מיר צו דער צענטראַלער ראָל). ער האָט געזוכט פּיעסן, ווו ער זאָל זיך קאָנען אויס־

שפּילן — דאָס איז געווען זיין לעגיטימע אַקטיאָרישע רעכט. האָט אַזאַ פּיעסע אַפּעלירט צום עולם, איז דערגאַנגען צום עולם, איז עס געווען פאַר אים אַ דאָפּלטע פרייד. ער האָט זיך דערמיט אויסגעלעבט ווי אַן אַקטיאָר און רעזשיסער, גלייכ־צייטיק דערפילט אַ וויכטיקע קולטור־שליחות: ער האָט דערטראָגן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ישראל דאָס ווערק, די אידעע פון מחבר, זיין אופן פון באַלויכטן אַן אַק־טועל פּראָבלעם — אַ ישראלדיקס, צי אַלמענטשלעכס.

אַ גאָר גרויסע סאַטיספאַקציע איז פאַר אים געווען דער דערפאָלג פון זיין אייגענע פּיעסע „אָסקאַר". פון דער דער־ציילונג, וואָס ער האָט אין די דרייסיקער יאָרן געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", האָט ער אין בראַזיל געמאַכט אַן איינאַקטער, וועלכער איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פּאָרטוגעזיש. דעם איינאַקטער האָט ער אין ישראל אויסגע־בריטערט צו אַ גאַנצער פּיעסע — וועגן דער טראַגעדיע פון אַן אַקטיאָר. נישט ווייניק איז אין דעם געווען דאָס פאָרויספילן זיין אייגענע טראַגעדיע אין אייניקע יאָר אַרום... די פּיעסע, איבערגעזעצט אין עברית, האָט געפונען דעם טיפסטן אָפּקלאַנג אין אַלע קרייזן פון ישראלדיקן עולם. אַן אָפּקלאַנג, אפשר אַפילו אַ מיטגעפיל. וואָרים ס'אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז אַ סך מענטשן אין ישראל האָבן געזען אין אָסקאַרס טראַגעדיע — זיין, זיגמונטס אייגענע טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון אַ קינסטלער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין אייגנטלעכע אוידיטאָריע. אָבער דערווייל איז עס ביי אים געווען אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד, כאָטש אפשר אין די אויגן

פון אַ סך — אַן אָרעמע פרייד. ער האָט זיך אויך געגרויסט, אַז ער האָט געשפּילט די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין אילת, אין תמנע, ערד, נצרת עילית — און ווו נישט?

כאַראַקטעריסטיש איז געווען זיין שימחה און ערנסטע באַציונג צו די אָפּרופן אין די העקטאָגראַפירטע קיבוצישע בלעטלעך, די אָפּרופן פון די מיליטערישע טיילן, ווו ער איז אויפגעטראָטן, דער מיניאַטור־טאַנק, וואָס ער האָט באַקומען מיט אַן אויפשריפט — אַ מתנה פון אַ מיליטער־טייל, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן; דאָס פענדעלע פון חיל־אויר, פון אונדזער לופט־פלאָט, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אין אַ לאַ־גער פון פליערס. ער איז שטאָלץ געווען, וואָס ער איז אין דער גרייטקייט־תקופה פאַר דער מלחמה פון די זעקס טעג אַרויס־געפאָרן שפּילן אין אַ מיליטערישן לאַגער — דאָס האָט בכלל געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און וועגן דעם האָבן מיר פריינד געשריבן אַזש קיין פּישטשאַני, אין טשעכאָסלאָוואַקיי, ווו איך האָבן זיך געפונען אויף קוראַציע.

אייניקע חדשים פריער האָט ער געהאַט אַ גרויסן יום־טוב: צו זיין 70־טן געבוירן־טאָג — און 50 יאָר טעאַטער־טעטיקייט — האָט ער באַקומען אַ טעאַטער־פּרעמיע פון דער שטאָט תל־אביב. ער איז שטאָלץ געווען מיטן גאָלדענעם עמבלעם פון דער שטאָט, וואָס האָט באַשיינט די לאַץ פון זיין רעקל. און די לעצטע פרייד זיינע — קורץ פאַר זיין אַרויס־פאָר אין לעצטן טורנע — איז געווען דער בריוו פון בילדונג־און קולטור־מיניסטער, אַז ס'איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַ לעבנלענגלעכע פּענסיע פאַר זיינע פאַרדינסטן אויפן געביט

פון דער טעאַטער־קולטור אין ישראל. פון דער פענסיע האָט ער שוין, ליידער, זייער קורץ גענאָסן.

אַ שווערער קלאַפּ איז געווען פאַר אים דאָס פאַרווערן שפּילן יגאל לבס פּיעסע „זעקת השתיקה" (דאָס געשריי פון שווייגן). די פּיעסע איז פאַרבאָטן געוואָרן צוליב סוב־יודיצע־טעמים, ווייל זי האָט זיך איבערגערופן מיטן פּראָצעס פון ריכטער מלחי, וואָס האָט זיך געשלעפּט ביז אומענדלעכקייט. חדשים־לאַנג האָט ער געאַרבעט מיטן מחבר איבער דער פּיעסע, צוגעגרייט די פּרעמיערע — גלייך נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין מחברס קיבוץ (גבעת השלושה) איז די פּיעסע פאַרבאָטן געוואָרן. „ס'האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן, — האָט ער זיך פאַרטרויט, — איך האָב געפילט, אַז עס האָט מיר געפּלאַצט די דיאַפראַגמע". ער האָט אפשר נעבעך נישט געוווּסט, אַז דאָס האַרץ איז ביי אים רואינירט זינט אייניקע יאָר, אַז דער פאַרבאָט האָט בלויז פאַרשאַרפט דעם שלעכטן מצב פון זיין געזונט. ער האָט אויך שטאַרק געליטן צוליבן אָפּגעשוואַכטן זיכרון — ס'איז אים אוממעגלעך געווען צו לערנען אַ נייע ראָל, אויך די אַלטע ראָלן האָט ער צייטנווייז פאַרגעסן. די טיפּישע טראַגעדיע פון אַלטע בינע־קינסטלערס, וועלכע זענען נאָך פול מיט לוסט צו שאַפן, מיט אַמביציע און באַגערן. דער צעשטערטער אָרגאַניזם זייערער זאָגט זיך אָבער אָפּ צו דינען.

קורץ פאַר זיין לעצטער רייזע קיין דרום־אַמעריקע — איך האָב אים שטאַרק אָפּגערעדט פון דער רייזע: „ס'איז שוין נישט פאַר דיינע כוחות" — האָט ער מיר גאַנץ רואיק

געזאָגט: „כ׳קאָן שטאַרבן? מן־הסתם איז געקומען מיין צייט צו שטאַרבן". געפילט האָב איך, אַז ער בעט שוין אויף זיך דעם טויט, ער האָט נישט געוואָלט, נישט געקאָנט זיין קיין אינוואַליד. אין גייסט איז ער געווען אַזוי יונג, ווי אַמאָל. ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די שוואַכקייטן פון גוף. בכלל האָט ער דעם גוף גרינגגעשעצט: ס׳איז אַש און שטויב. דאָס איז געווען די שטויסקראַפט ער זאָל תורם זיין זיין גוף פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן. ס׳האָט אים אויפגע־רעגט דער טומל אַרום דעם ענין פלמעסן מתים, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי קאָן מען שטערן, אויב דאָס דינט דער וויסנשאַפט, דעם פאָלק.

אַזוי ווי ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געדינט דעם פאָלק מיט זיין טאַלאַנט, אַזוי האָט ער נאָכן טויט געוואָלט זיך צו־דינען דעם פאָלק, דער וויסנשאַפט, מיט זיינע שטערבלעכע רעשטלעך.

דער לערער, דער וועגווייזער, דער קינסטלער — זיג־מונט, אונדזער בכור.

מלך ראַוויטש

און אינטימער עפּילאָג
פון א לאנגיאריקן פריינד



יצחק טורקאָוו

אַלע באַוועגונגען, אַלע אינסטיטוציעס, אַלע פרייַנדשאַפטן אויף גאָטס אומעטיק־פרייַלעכער וועלט, וואָס זענען יאָרן־לאַנג געגאַנגען געאָרעמט מיט דער אייביקייט, קומען סוף כל סוף צו אַ ברעג — פון אילוזאָרישער אייביקייט צו דער אמתער אייביקייט. דער אייביקייט, וואָס אַפילו דער שטאַרקסטער, פיזיש און גייסטיק, קענען נישט אויסמייַדן. דער דאָזיקער סוד פון סודות געפינט זיך אין גאָטס אייגענע הענט. און ווער קען גאָטס סודות איבער־שטאַרקן?

די פיר ברידער טורקאָוו זענען געווען אַ פענאָמען אין דעם פענאָמען פון דער יידישער קולטור־געשיכטע פון 20סטן יאָרהונ־דערט. און אַ העלפט פון זיי, יאָנאַס און מאַרק — זענען און וועלן בלייבן נאָך לאַנג־לאַנג אַקטיוו ווי ביז איצט.

זיגמונט — ז״ל

יאָנאַס —

מאַרק —

יצחק — ז״ל

דער גוף איז פאַרגענגלעך — און די פאַרגענגלעכקייט איז נישט אויסצומייַדן. דער גייסט איז אייביקייט און די אייביקייט איז נישט אויסצומייַדן. איר מאָס איז רעלאַטיוו צו דעם כמות פון איכות וואָס דער באַטרעפנדיקער בר־נש האָט איבערגעלאָזן אויף צו אייביקן.

די געשיכטע פון די פיר געשטאַלטן אין דער יידישער מאָדער־נער קולטור־געשיכטע — זיגמונט, יאָנאַס, מאַרק און יצחק טורקאָוו — וועט אַמאָל געשריבן ווערן מיט דער גרעסטער אויס־פירלעכקייט — ווי זי פאַרדינט עס. און ווי זי וועט זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון דער פענאָמענאַלער קולטור־געשיכטע אין יידישן לשון, דעם ייִנגסטן לשון פון אַלע וועלטס לשונות.

דערווייל האָט יצחק טורקאָוו (באַקאַנט אויך אונטער דעם נאָמען יצחק גרודבערג) אָנגעשריבן אַ בוך וועגן זיין געליבטן ברודער און טעאַטער־קונסט־חבר — זיגמונט טורקאָוו. און אַליין אַוועק אין עולם־האמת.

אָט דער אינטימער עפּילאָג — בתכלית הקיצור — איז דאָס קורצע באַגלייט־וואָרט פון אַן עלטערן חבר צו אַ ברודער־בוך פון אַ ייִנגערן חבר. אַ בוך וועגן אַ נאָר־וואָס אַוועקגעגאַנגענעם ברודער, וואָס האָט די וועלט פאַרלאָזן מיט פינף חדשים פריִער.

גורל! ווער קען דיך באַנעמען, ווער קען דיך פאַרשטיין.

און איידער מיר שליסן די דאָזיקע געציילטע ווערטער פון אַן אינטימען עפּילאָג פון יצחק גרודבערג־טורקאָווס מאָנאָגראַפיע פון זיגמונט טורקאָוו — דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז ער, יצחק טורקאָוו, איז אין די לעצטע יאָרן געווען דער פאַרוואַלטער פון ישראלדיקן שלום אַש־הויז אין בת־ים. שוין שווער־קראַנקערהייט האָט ער פון איבער גאָר דער וועלט צונויפגעזאַמלט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו זיין באַליבטן גרויסן — און טאַקע איינעם פון די גרעסטע יידישע שרייבערס. ער האָט ממש מיט די לעצטע כוחות אָפּגעהאַלטן דעם הונדערט־אויגיקן בייזן מלאך — ביז ער וועט פאַרענדיקן זיין ברודערס מאָנאָגראַפיע און ברענגען צו אַבסאָלוטער אָרדנונג דעם שלום־אַש־מוזעאום.

*

אין יאָר 1946 האָט דער שרייבער פון די שורות אויפגעשריבן אַ מאמר מיט דעם נאָמען „די פיר ברידער טורקאָוו". מיר דערלויבן זיך מצרף צו זיין דעם דאָזיקן מאמר צו אָט דעם עפּילאָג. ער וועט זיין, אַזוי גלויבן מיר, אַ פאַרטיקע ראַם צו דעם זיגמונט־טורקאָוו־בוך.

מאָנטרעאל, יולי 1970

די פיר ברידער טורקאָוו

אַלע פיר געבוירן אין וואַרשע — זיגמונט, יאָנאַס, מאַרק, יצחק — איינער פון אַנדערן מיט צוויי יאָר יינגער. זיגמונט — דער עלטסטער, געבוירן אין יאָר 1896, יצחק אין יאָר 1906.

די גאַנצע וויטאַליטעט פון וואַרשעווער יידנטום איז געווען פאַרקערפּערט אין די דאָזיקע פיר ברידער. אַלע האָבן זיי — יע־דער אויף זיין אופן — געמאַכט קאַריערעס. אַלע האָבן געוואָלט זיין אי שרייבער און אי אַקטיאָרן, אָבער נישט אַלע זענען געוואָרן אי שרייבער און אי אַקטיאָרן. אַלע זענען זיי געווען שלאַנקע און שוואַרץ־אויגיקע, מיט קראָ־שוואַרצע, גלאַנציקע, גלאַטע האָר און אויגן אויך גלאַנציקע, אַלע האָבן זיי געהאַט יידישע אָדלער־נעז, ענערגישע, שטרעבנדיקע, אַ ביסל חוצפּהדיקע אַפילו. אַז מען פלעגט זיי זען אין דער געזעלשאַפט פון זייער פאָטער איז מען אַלעמאָל פאַרוווּנדערט געווען וואָס ער איז אַזאַ יונגער.

שוין אין די צוואַנציקער פון דעם יאָרהונדערט איז שטאַרק באַרימט געוואָרן זיגמונט, דער עלטסטער. ער איז געוואָרן דער איידעם פון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ, דער מאַן פון איר טאָכטער אידאַ. ער פלעגט רעזשיסירן און שפּילן אין אַ קליינעם אָבער זייער גוט סיטואירטן טעאַטער, דאָס צווייטע הויז ממש פון טלאָ־מאַצקע 13 — לעשנאָ 2. דאָס טעאַטער איז געווען גוט צוגע־פּאַסט פאַר זיין נישט צו הויכער שטימע, פאַר זיין אופן שפּילן אָן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן קוליסן־רייסעריי. צוזאַמען מיט זיין ווייב אידאַ — האָט ער שטאַרק אייראָפּעיִזירט דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע, ער איז געווען אַ גוטער קענער פון דער פּוילישער שפּראַך, ליטעראַטור און אַן אַבסאָלווענט פון אַ פּוילי־שער דראַמאַטישער שולע.

זיי האָבן אַלע געקענט גוט פּויליש, די ברידער טורקאָוו,

אָבער קיין איינער פון זיי האָט אָפּילו קיינמאָל נישט געפּרוווט צו מאַכן אַ קאַריערע אויף דער פּוילישער גאַס. זאָל עס זיין צוליב דעם שטאַרק יידישן אויסזען? ניין, זיי זענען געווען און געבליבן נישט נאָר יידן, נאָר אידעישע יידן. די וויטאַליטעט האָט זיי אַלע פיר דערהאַלטן ביים לעבן ביז נאָך דעם גרויסן בראַנד. מאַרק איז קנאַפּ פאַר דער מלחמה געוואָרן אַ תושב אין אַרגענטינע, זיגמונט האָט זיך ביים אָנהייב פון דער מלחמה געראַטעוועט און סוף כל סוף זיך דערשלאָגן ביז בראַזיליע. יצחק האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן ראַטן־פאַרבאַנד אַלס פּליט, יאַנאַס איז געבליבן אונטער די נאַציס און איז אַ צייט לאַנג געווען איינער פון די ערשטע באַ־רימטסטע געראַטעוועטע דורך דער אַריינמאַרשירנדיקער רויטער אַרמיי. די געשיכטע פון זיין רעטונג, צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער אַקטריסע דיאַנאַ בלומענפעלד, איז אַפּט איבערדערציילט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע. אין אַ בונקער זענען זיי געווען וואָכנלאַנג באַהאַלטן, נאָך צענדליקער מאָל אַנטרינען דירעקט פון אונטער די נעגל פון טויט, האָבן דערהערט שטימען און צו זייער שטוינונג דערקענט רוסיש לשון.

צוזאַמען מיט דעם סעקולאַריזירונגס־פּראָצעס, וואָס דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין פּוילן האָט דורכגעמאַכט, האָט זיך — ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן — אָנגעהויבן אַ שטאַרקער דראַנג צו פאַראייביקן דאָס טראַדיציאָנעלע, שטאַרקער זיך באַהעפטן מיט דעם, באַוווּסטזיניק עס אונטערבויען אַלס באַזע פון דער איצטי־קייט. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע איז אין דער אמתן געווען אַ קינד פון דעם דאָזיקן געדאַנק, פון דעם גייסט פון באַהעפטן זיך שטאַרקער מיט דער טראַדיציע. אויך דאָס טעאַטער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַרומצוקוקן אויף די טראַדיציאָנעלע גאָלדפאַדען־זאַכן און מען איז אַפילו געגאַנגען נאָך ווייטער צוריק, מען האָט גענישטערט און געפונען שלמה עטינגערן. זיין „סערקעלע — אָדער די יאָרצייט נאָך אַ ברודער", וואָס

זיגמונט טורקאָוו האָט אויפגעפירט אין זיין „וויקט״, וואַרשע־ווער יידישן קונסט־טעאַטער, איז געווען אַ גרויסע דאַטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. איך געדענק דעם יום־טוב, ווען עס האָט זיך לאַנגזאַם פונאַנדערגעעפנט דאָס בוך, גרויס ווי אַ הויכער, גרויסער טויער, אַזוי גרויס ווי די גאַנצע בינע אויף לעשנע 2, דאָס זענען געווען די קאָפּירטע שער־בלעטער פון דעם צענזור־עקזעמפּלאַר פון דעם ווערק פון דעם עלטער־זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זענען אַזוי פאַרגרעסערט געוואָרן. דער אויפטו האָט געזאָלט סימבאָליזירן אַ נייע ווענדונג אין יידישן טעאַטער, אַ ניי בלאַט — מאָדערניזירטע טראַדיציע. די, און נאָך צענדליקער פּרעמיערעס, דער עיקר פון פּסיכאָלאָגישן אייראָפּעיִשן רעפּערטואַר, זענען געווען אויפטוען פון דעם קינסטלער־פּאָר טורקאָוו און קאַמינסקאַ. יאָנאַס און זיגמונט האָבן ביידע געהאַט אַ נייגונג צו פּערזאָניפיצירן פּאַטאַ־לאָגישע טיפּן, דער עיקר יאָנאַס. זיין פּישקע דער קרומער איז ממש דורך דעם זיידן פון אונדזער ליטעראַטור פאַר אים געשריבן געוואָרן. און נישט נאָר אין וואַרשע, נייערט אויך אין די פּראָווינץ־שטעט, דער עיקר אין לעמבערג און אין קראָקע האָבן די ברידער טורקאָוו געבויט און יאָרן־לאַנג רעזשיסירט שטענדיקע יידישע טעאַטערס. זיי האָבן זייער טעאַטראַלישע שליחות גענומען זייער ערנסט, זענען געווען שטרענגע רעזשיסערן, שאַרף און באַפעלעריש פלעגן קלינגען זייערע שטימען ביי די פּראָבן. באַזונדערס שאַרף איז געווען יאָנאַס.

אַלע פיר האָבן אויך געשריבן, אָבער נאָר שרייבן האָט באַ־שלאָסן מאַרק. דער פּריילעכסטער פון זיינע ברידער, דער גרעסטער לאָבוז יינגערהייט. אין דער ערשטער צייט פון זיין זשורנאַליסטישער קאַריערע פלעגט ער שרייבן וועגן ספּאָרט. ביים טישל פון ספּאָרט־רעפּאָרטערן איז ער געווען דער רבי. איין מאָל האָט ער אַפילו אָרגאַניזירט אין אַ נאָכמיטאָג אַ ריכטיקן צירק אין גרויסן זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין. אַ באָקס־מעטש מיט זיינע קאָלעגן ספּאָרט־

רעפּערטערן. זיי האָבן אויסגעטאָן די רעקלעך, אויף די הענט אַרומגעוויקלט סערוועטקעס שטאָט די הענטשקעס און עס איז אַוועק אַ גאַנג. עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום, אַמפּיטעאַטראַ־ליש, די גאַלעריע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויף די טישלעך און עס איז אַוועק אַ רונדע נאָך אַ רונדע. אַ רגע איידער מאַרק טורקאָוו האָט געגעבן נאָק־אַוט זיין קעגנער האָט ער אַליין באַ־קומען אַ נאָק־אַוט מיט ווערטער דורך נאָמבערגן, וואָס איז גראָד אַריינגעקומען... פון דער ספּאָרט־אַרענע איז מאַרק זייער גיך גע־וואָרן דער באַריכט־אָפּגעבער פון דער פּאָליטישער אַרענע, דעם סיים, אַפילו וועלט־רייזעס האָט ער גאָר גיך גענומען מאַכן. מען האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין קיינעם נישט פיינט האָבן, פאַר זיין אַלעמען חבריש דינען, פאַר זיין גיכן אָריענטירן זיך אין אַלע סיטואַציעס.

יצחק, דער ייִנגסטער, איז כסדר געגאַנגען אויף ביידע וועגן, אי פון שרייבן, אי פון שפּילן, ער האָט זיך אַפילו געגעבן אַן אייגענעם נאָמען, פלעגט זיך רופן יצחק גרודבערג. ער האָט אויך פיל איבערגעזעצט, אויך פּאָעזיע.

1946

אין די צוועלף יאָר, וואָס יצחק האָט געלעבט אין ישראל, האָט זיך פּרעכטיק צעבליט זיין שרייבערישער טאַלאַנט. ער האָט מער נישט געשפּילט טעאַטער, נישט רעזשיסירט, — זיין דערפּאָלג־רייכע טעאַטער־קאַריערע האָט ער געענדיקט מיטן פאַרלאָזן פּוילן — אָבער ווי אַ טיפער טעאַטער־קענער, האָט ער, דער איינציקער אין יידיש, געשריבן אַזעלכע טיף־דורכגעטראַכטע און אַריינגעטראַכטע

אָפּהאַנדלונגען וועגן העברעישן טעאַטער. ער האָט במשך צען יאָר רעדאַקטירט אין תל־אביב דאָס וואָכנבלאַט „פֿאָלקסבלאַט“, ווו ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט טויזנטער טיפֿזיניקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, נישט דורכגעלאָזט ממש קיין איין ניי־דערשינענע בוך אין יידיש אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל דאָס נישט דורכלייענען און באַהאַנדלען. אין דער צייט האָט ער פֿאַר־עפֿנטלעכט אַכט ביכער, דעם הויפּט־טייל פֿון זיין ליטעראַרישער ירושה. ער האָט געשריבן קריטישע עסייען, בעלעטריסטיק. געוועז נאָך פֿול מיט פּלענער, סיי ווייטער צו שרייבן, סיי אַרויסצוגעבן שוין געשריבענע ווערק.

צום גרויסן פֿאַרלוסט פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור און צום ווייטיק פֿון זיינע אומצאָליקע פֿריינד, איז פּריצייטיק די פּען אַרויסגעפֿאַלן פֿון זיינע אָפּשטאַרבנדיקע הענט.

אינהאַלט

זיגמונט טורקאָווס לעבן אין טעאַטער 5

אַ יאָרהונדערט אסתר־רחל קאַמינסקאַ 153

זיגמונט, אונדזער בכור 171

אַן אינטימער עפּילאָג פון אַ לאַנגיאָריקן פריינד —
מלך ראַוויטש 255

ביכער פון זעלבן מחבר:

יידיש טעאַטער אין פּוילן —
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1951

די מאַמע אסתּר־רחל (ביאָגראַפישע דערציילונג) —
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1953

סאָוויעטישע דראַמאַטורגיע — (עסייען)
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1955

וואַרשע, דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער (עסייען) —
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע 1956

וואַרשעווער פּורים־שפּילער (היסטאָרישער (ראָמאַן) —
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1957

פּנימער און מאַסקעס (דערציילונגען און סקיצן) —
פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס איירעס, 1960

אויף מיין וועג „שרייבער און קינסטלער“ (דערמאָנונגען און
אָפּשאַצונגען) —
פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס איירעס, 1964

י. ל. פּרץ — דער וועקער (מאָנאָגראַפיע) —
י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תּל־אביב, 1965

שלום אַשׁ דרך אין דער יידישער אייביקייט
(מאָנאָגראַפיע) --
פאַרלאַג „בית שלום אש״, בת־ים, 1967

געווען אַ יידיש טעאַטער (עסיי) --
תל־אביב, 1968

גאָלדפאַדען און גאָרדין (עסייען און ביאָגראַפיעס) —
תל־אביב, 1969

שלום אש — רוח־סער בספרות אידיש —
עברית — ישעיהו אברך, פאַרלאַג „עקד״, תל־אביב, 1970

ביאָגראַפישע בראָשורן אין שפּאַניש:

Abraham Góldfaden —
Biblioteca Popular Judia, Buenos-Aires, 1970

Schólem Asch —
Biblioteca Popular Judia, Buenos-Aires, 1970